STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02800

GEKLIBENE VERK

Isaac Meir Weissenberg

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע ווערק פון י. מ. ווייסענבערג

דאס בוך פון ליעבע

באנד IV

פערלאג ש. גאלדפארב

ווארשע 1930

I. M. Wajsenberg

KSIĘGA MIŁOŚCi

Wydawnictwo

Sz. Goldfarb

Warszawa Dzika 31.

Druk. „POL“ Przejazd 11.
Telefon, 317-31

ק י נ ד ע ר

I

— איז דען עפּעס צו פרעגן? — האָט דער אַלטער ר׳ אהרן אָנגעהויבן — ווי איז דער שטייגער, אַז מיינע ביידע זין האָבן נישט געוואָלט ווערן קיין לייט, איז דען ווער עפּעס שולדיק? קלער איך מיר: מן הסתם איז דאָך זיי באַשערט דער ווינט אין די אויגן... וואָרן גיין אַריינקלערן פאַרוואָס — איז מען נישט בכוח. הלמאי ביי דעם, ביי יענעם וואַקסן קינדער?.. און מיינע? — ווען איך זאָג זיי: שקצים, לאָבוסעס, גייט נישט אין חדר, שלאָגט איך אַרום אויף די פּלעצער, פאָלגט נישט קיין טאַטן — מאַ, איז עפּעס אַנדערש... איך האָב זיי אָבער אויך נישט געהייסן אַזעלכעס, וואָס עס הייסן נישט אַנדערע טאַטעס. און דאָך, פאַרוואָס זענען זיי אַזעלכע „גאונים" געוואָרן?

נאָר מיר וועלן בעסער גיין כּסדר:

כ׳בין אַ סוחר, אַ סוחר גלייך מיט אַלע סוחרים. כ׳קאָן נישט זאָגן: דער גרעסטער, ווייל עס זענען דאָ נאָך גרעסערע. אָבער אָן מיין קרעדיט באַגייט מען זיך אויך נישט. דער באָרגט, יענער באָרגט, — נאָך אַ מאַרק-טאָג, אָדער אַזוי נאָך אַן אָנלייזן: קרעמער, דו באַדאַרפסט ווידער עפּעס אַ מין? — אַריינגעקומען, באַרעכנט זאָל ווערן, באַצאָלט דאָס אַלטע — נאַ דיר ווידער אויפסניי.

אַ פּרנסה־הויז דאָסגלייכן. כ׳קאָן נישט זאָגן, אַז דאָס גרעסטע. ס׳זענען דאָ גרעסערע, אָבער געלט פעלט נישט. פאַר־נומען אין מסחר איז מען, ב״ה, שטענדיק. כ׳וועל נישט זאָגן, אַז אַלע טעג, גאַנצע וואָכן. אָבער טיילמאָל מאַכט זיך, דער זייגער איז שוין צוויי און איך האָב נאָך נישט געהאַט אין מויל. און פאַרוואָס? — פאַר ליידיק אַרומגיין? אסור — נישט.

די צוויי זין, פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן אַלץ געהאַט: אי מלמדים, אי לערער, אי צו עסן און צו טרינקען, אי הלבשה. קאָן מען דאָך אפשר מיינען, אַז דערפאַר ווייל זיי האָבן קיין מאַמען נישט געהאַט? ניין, ס׳הייבט זיך נישט אָן, וואָרן דער עלצטער האָט אין דער צייט פון זיין אויפוואַקסן, ביז צוועלף יאָר, נאָך יאָ געהאַט די מאַמען — און ס׳האָט נישט געהאָלפן. דוקא איז ער נאָך גאָר דער ערגערער.

נאָר מיר הייבן אָן פון יינגערן. דאָסמאָל וועלן מיר זיך פירן פאַרקערט. נישט על ראשון־ראשון.

מלמדים האָבן געזאָגט אויף אים, אויף דעם יינגערן, אַז ער נעמט אויף דאָס לערנען — בנשימה, פון ערשטן מאָל. ס׳איז גאָר איבעריק מיט אים איבערצוחזרן דעם שיעור. אַזוי האָט ער געלערנט.

אָבער אויפן פופצנטן יאָר זיינעם — ער וויל שוין אויף קיין אָרט נישט איינזיצן, נישט געדאַכט זאָל עס זיין. — עפּעס שפּילקעס אין דער הויט. און איינשטיין קאָן ער אויך נישט. קלער איך: וואָס קאָן דאָס זיין? ער לייגט שוין דעם קאָפּ נישט צו, ס׳איז שוין נישט זיין דאגה — יאָ לערנען, נישט לערנען.

זאָג איך אים:

— משהלע, דאַרפסט נישט קיינעם דעם קאָפּ פאַרדרייען.

הכל תלוי בדבור. דאַרפסט נאָר זאָגן, אַז נישט, דו ווילסט, נישט...

— ניין — זאָגט ער — ווער זאָגט, אַז איך וויל נישט?

וואָרן אינדערואמתן: פאַרוואָס זאָל ער נישט לערנען?
אַ פּנים — אַ טונקלס, אַ גאָמבע — אַ ביסעלע אַ שפּיציקע, אַ שטערן, דער עיקר אויבן, ביים קאָפּ — אַ ברייטער, און אויגן — לעבעדיקע... טאָקע פאַרוואָס זאָל ער נישט לערנען?

נאָר מילא וואָס, אַ קשיא אויף אַ מעשה, זאָג איך צו אים:

— משהלע, אפשר ווילסטו גאָר חתונה האָבן? אלא דו ביזט נאָך נישט אַלט קיין זאַכצן יאָר, קיין זיבעצן אודאי נישט, טוט מען דערווייל אַ שידוך און מען האָט חתונה אויפן אַכצנטן.

קוקט ער מיר אין די אויגן אַריין און שמייכלט:

— וואָס רעדסטו, טאַטע?

— ניין איך רעד דיך נישט צו, נאָר קיין אומגליק איז עס דאָך נישט.

וואָרן איך האַלט, אַז קינדער דאַרף מען פרי חתונה מאַכן. טאָמער, ווי, וואָס, ווען, דער שטן וויל אַמאָל אייגעם אַראָפּפירן פון וועג — טרעפט ער אים שוין מיט אַ ווייב, איז אים שוין אַ סך שווערער די אַרבעט. בשעת אַזוי — לויפט דאָס יינגל אים אַליין נאָך...

און אַ רייכער סוחר בין איך אויך. מען וועט זיך מיר גאָר נישט דערוועגן פאָרצושלאָגן אַ שלעכטן שידוך. דער שדכן וואָלט באַלד נישט געטראָפן צו מיין קליאַמקע... טאָ, פאַרוואָס-זשע נישט, פאַרוואָס זאָל איך אים נישט חתונה מאַכן. משהלען? וואָס הייסט — אַ שלעכטער שידוך? כ'מיין נישט, הלילה, קיין

פּתום־ורעמסס, גיין, נישט קיין צו גרויסן יחוס אויך, — נאָר אַן איידל קינד פון אַן איידל הויז.

נאָר אויך די אייגענע מעשה: ווייל ער נישט, משהלע, איז נישט. כ׳וועל דאָך אים נישט גיין זאָגן: דווקא יאָ. און כ׳וואָלט באַקומען פּאַר אים דעם בעסטן שידוך. נאָר ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן, ווען ער וואָלט געווען אויסגעהאַלטן נאָך אַ צוויי יאָר, נאָך דריי. דעריבער טאַקע האָב איך אים דאָס אַזוי געשטורעמט, אַז ער זאָל שוין חתונה האָבן, באַדיי צו זאַכצן...

וואָרן מענטשן האָבן דאָך מיך מקנא געווען: אַ רייך יינגל, ס׳הייסט פון אַ רייכן טאַטן מיט אַ גוט הויז, און נאָך בעסער, אַ יינגל מיט מידות. וואָרן צו זאַכצן יאָר איז ער דאָך נאָך געווען גוט און קלוג און שיין — און א ספרא-רבא — מילא, דאָס איז ער דאָך אַלעמאָל געווען, אַפילו שפּעטער אויך.

אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז ביי די זאַכצן, זיבעצן יאָר איז מען נישט עלול קאַליע צו ווערן.

זיין כתב נאָר בלויז, זיינס אַ ציקל, נאָך איידער ער האָט גאָר אָנגעהויבן צו שרייבן, איז שוין געווען עפּעס צו זען. נאָר גיי מאַך, זיי א נביא, אַז ער וועט אַראָפּגיין פון וועג נאָך איידער איך וועל מיך צייט האָבן אומצוקוקן.

ס׳איז נישט דאָ קיין באַוואָרעניש. וואָרן וויפל מאָל טרעפט, אַז אַפילו מען האָט שוין חתונה און מען לאָזט איבער האַק און פּאַק און מען וואַרפט אַוועק אַ ווייבל... איך האָלט ווידער צוריקצווועגס: אַז ייִנג בלוט לאָזט זיך נישט איינ־שליכן צווישן פיר ווענט. עס האָט זיך שוין דען נישט גע־טראָפן אַפילו מיט רביישע קינדער, און דווקא נאָך דער חתונה? עס טרעפט, מען גייט אַרויס לתרבות־רעה!

וואָרן חוץ דעם כּוח גוף בענקשאַפט, זאָג איך, האָט דאָס

ייִנגל אין די ייִנגע יאָרן נאָך אַ צווייטן כּוח, און דאָס איז דער כּוח פֿון שטיפֿן. אלא, דערנאָך פֿאַלט ער איבער די הענט, דער יונגערמאַן: חרטה, פּיטש-מאַטש! דערווייל אָבער איז אָפּגעטון, און כ׳לעבן, נישט אַלעמאָל לאָזט עס זיך שוין פֿאַריכטן, ס׳רוב נישט... אײַנצוריכטן זיך איז גרינג, אָפּוואַשן — שווער, עס לאָזט זיך נישט.

און ווי איז דעם יונגערמאַן, וואָס גליטשט זיך איינמאָל אויס. גאָרנישט... אַ פֿליג, וואָס קריכט אַרונטער אונטערן פֿליגן-כאַפּער. ס׳דאַכט זיך איר — אַ שטיקל צוקער...

נישט אַלעמאָל איז עס איבערן שטיקל „צוקער”, עס זענען פֿאַראַנען נאָך אַנדערע קליפּות. אַ קליפּה אין געשטאַלט פֿון ערנסטע רעיונות, מכּלומרשט די וועלט איבערצואַנדערשן... די ייִדישע מנהגים, מיט אַלץ, ביז מען קריכט אַראָפּ גאָר פֿון וועג...

נאָר מײַנער איז נישט געווען דאָס. ביי אים איז עס גיכער געווען דער כּוח פֿון שטיפֿן. וואָרן, איך זאָל זאָגן, אַז גאָרנישט דאָס אויך, קאָן איך נישט: אַן איידל ייִנגל מיט גאָר מאָגערע הענט?..

ס׳איז שוין אַזוי, מען ווערט געשטרויכלט און מען פֿאַלט אַריין צום טייוול אין דער נעץ.

הינטער דער שטאָט איז דאָ אַ וועלדל, הינטער דעם וועלדל — אַ הויף מיט פּאַראָבקעס, מיט אַלץ, און וואָס עס האָט אים געצויגן דאָרט אַהין צו יענעם הויף, בין איך קיין ייִד נישט, צי איך קאָן נאָך היינט קלוג זיין... וואָרן, איך האָב דאָך אים גענוג געוואָרנט, נאָר ס׳האָט אַלץ נישט געהאָלפֿן. אַז כ׳פֿאַרשטיי עס גאָרנישט. וואָרן טאַקע, ווי קומט אַזאַ איידל ייִנגל צו קריכן הינטער דער שטאָט און דערצו נאָך אין וועלדער און אין הויף? גאָרנישט — דער גזר איז נגזר געוואָרן,

איז ער דאָרט אַהינגעלאָפֿן. אַלע אינדערפֿרי און אַלע אויפֿ־דערנאַכט ווערט מען פֿאַרשוווּנדן און מען קומט אַהיים אָדער אין האַלבן טאָג, אָדער נאָך האַלבער נאַכט, טיילמאָל ערשט גאָר צומאָרגנס אינדערפֿרי.

און איך פֿרעג:

— משהלע, ווי ביזטו געווען?

ענטפֿערט ער מיר:

— אין סאָד.

— ווו אין סאָד?

— אין הויפּישן סאָד, עס וואַקסן דאָרט עפּל און באַרנעס.

— נו, קאָנסטו דאָך זיין — פֿרעג איך אים — אומעטום. ווו עס וואַקסן עפּל און באַרנעס?

— ניין, אויף אַ ברכה צו מאַכן.

אַזוי ענטפֿערט ער מיר.

— איז וויפֿל ברכות דאַרף מען עס מאַכן?

ער בלייבט אַ ביסל צעמישט און איך זאָג אים:

— אַ ברכה מאַכן, אדרבה, ס׳איז אַ גאַנץ שיינע זאַך. געם־זשע, שיק דיר אַרויס אין מאַרק אַריין נאָך עפּל און באַרנעס, שייל אָפּ מיט אַ מעסערל, שנייד־איין אַ פּענעצל, ווי אַ מענטש, און מאַך אַ ברכה. אַז דאָרט קריכסטו נאָר ביינאַכט, און איז דען דער שטייגער פֿון אַ ייד אַזוי נאָכצולויפֿן מצוות — אַזש ביינאַכט אין די סעדער אַריין?..

ער זאָגט מיר:

— יאָ, האָסט רעכט. נאָר גיב מיר אַ באַזונדער אָרט אין שטיבל צום שלאָפֿן, וועל איך ביינאַכט דאָרט לערנען אויך און נישט גיין אין ערגעץ!

— וואָס הייסט? דאַרפֿסטו דערויף האָבן אַ באַזונדער

שטיבל, קאָנסטו דען נישט לערנען ביינאַכט אין שטוב? די קלערסט, אַז דו שטערסט מיר דעם שלאָף? ביי א ייד תורה לערנען איז דען נישט זיס צו הערען, אַפילו אין שלאָף?

— אָבער כיבוד־אב... — זאָגט ער.

— ביזט אַ שייגאַץ — זאָג איך אים און גיב אים אַ צי ביי אַן אויער — נאָר פונדעסטוועגן דאָס שטיבל דאָס באַזונדערע וועסטו באַקומען.

אויפן הויף, נישט ווייט פון מיין הויז, קייגנאיבער מיין טיר, שטייט אַ שטיבל. ס'איז אויסגעווייסט קלאָר, ריין, נאָך פון פסח, נאָר נישט מער, קיין גרויס פענצטער איז דאָרט נישטאָ. דאָס פענצטערל איז קליין, און דער הייך און מיט קראַטן. אָבער צום שלאָפן און זיצן דאָרט און לערנען ביי נאַכט איז עס גוט. אַ שטיבל, ווי אַ פינגערל און צוגעמאַכט אַרום און אַרום. אַמאָל האָב איך דאָרט סחורה געהאַלטן, נאָר צייט מען האָט מיך באַגנבעט, נישט איצט געדאַכט, האַלט איך שוין די סחורה אין די שטובן.

זאָג איך:

— נעם עס, ברענג דיר נאָך היינט אַהין אַריין דיין בעט.

ווערט ער פריילעך און איך לאָז דאָס שטיבל אַליין דורך דער דינסט, דער אַלטער פייגען, מאַכן אין אָרדענונג.

— נו, שוין, ביזטו שוין צופרידן?

— יאָ, פאַטשט ער אַזש אין די הענט פאַר פרייד.

— נו, און איצט וועלן מיר ווייטער זען...

— גוט, דו וועסט זען — זאָגט ער — טאַטע.

II

צומאָרגנס אינדערפרי, שטיי איך אויף אַביסל פריער, כמעט מיטן טאָג צוגלייך, ווייל אַ גאַנצע נאַכט האָט מיך גע־וועקט פון שלאָף עפּעס אַ נישט־קלאָרקייט: צי האָב איך די מזוזה פון שטיבל אַליין נישט אַראָפּגענומען? אינדערפרי, ווען עס האָט אָנגעהויבן צו בלאָען דורך די שפּאַרעס פון די לאָדנס, האָב איך מיך דערמאָנט, אַז יאָ. ווען כ׳האָב געשיקט אויף פּסח די מזוזות צום סופר און איינע איז געווען אַ פּסולע, האָב איך דערווייל די פון שטיבל אָנגעשלאָגן ביי מיר אין שטוב. איך האָב עפּעס יאָ געדענקט און נישט געדענקט... נאָר איצט, ווען איך האָב מיך דערמאָנט און כ׳גיי אַרויס — דער־זע איך קודם־כל, אַז די טיר פון שטיבל איז נישט צוגעמאַכט, און ווידער, ווען איך פּרווו אַ שלעפּ טון, זע איך, אַז זי עפנט זיך... גיי איך אַריין און טרעף דאָרט נישט קיינעם.

— האַ, משהלע, האָסטו דאָך מיך, באמת, אויסגעשטעלט פאַר אַ לעקיש.

און איך פרעג אים דערנאָך, אַרום ניין אַזייגער — ער האָט דאָך מורא געהאַט און געקומען פרי צולויפן און פּלומרשט איבערגעלאָזט די קאַפּאָטע אין שטיבל, ווייל דאָרט איז קיין וואַסער נישטאָ צו וואַשן זיך...

— נו, משהלע, ווי אַזוי ביזטו געשלאָפן די נאַכט, גוט?

— גוט. — זאָגט ער און סמאַקעוועט אַזש.

— איז דאָרט קיל צו שלאָפן?

— לופטיק, אַ מחיה...

זע איך דאָך, אַז ער לייקנט, זאָגט ליגנס איינעם אויפן צווייטן, שטעלט זיך נישט אָפּ און קאָן אַזוי פאַרפאָרן מי־יודע ווי ווייט.

זאָג איך אים:

– הער, משהלע, געגוג אָפּצוגעבנאַרן אַ טאַטן...

קוקט ער מיך אָן מיט אַפּאָר גלאָז-דערשראָקענע אויגן...

– יאָ, יאָ... – זאָג איך אים – שעם דיך נישט...

ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און הייבט זיך אָן צו וויינען,

און איך פרעג אים:

– משהלע, גיב אַהער די שעפּ, אַבי דיר גיך אויסגיסן וואַסער...

גיט ער מיך אַ קוק-אָן...

– שאַ – זאָג איך – עס טרעפט אַמאָל, אַז שדים כאַפּן איינעם אַרויס ביינאַכט... אָט האָב איך, זעסטו, אין דער פרי מיך דערמאָנט, אַז ס'איז דאָרט נישט געווען קיין מזוזה... – און איך ווייז אים מיט דער האַנט אויף די מזוזה, וואָס איז צוגעשלאָגן צו אונזער טיר... – אָט די איז זי.

ער האָט זיך שיער צעוויינט, אַזוי רויט איז ער געוואָרן.

– ס'שאַדט נישט – זאָג איך אים – מילא, די ביזט דאָך נישט שולדיק, דו האָסט דאָך דיר אַליין נישט אָפּגעקליבן דעם שלעכטן וועג, אַז ווי באַלד שדים כאַפּן דיך ביינאַכט אַוועק... מילא, טו תשובה, האָב חרטה מיטן גאַנצן האַרץ, אפשר ביזטו אַמאָל געשטרויכלט געוואָרן מיט הוריות, צום ביישפּיל: האָסט געזאָגט: כ'וועל נישט פאָלגן דעם טאַטן – איז אויך נישט קיין בייזס. די קליפּה האָט דערווייל באַקומען אַ שליטה אויף דיר. נאָר תשובה העלפט צו אַלץ...

זע, משהלע זע. היינט האָסטו פאַרפעלט איין בלעטל גמרא, מאָרגן וועסטו פאַרפעלן צוויי און איבערמאָרגן וועסטו שוין אינגאַנצן נישט נעמען די גמרא אין די האַנט אַריין.

און אין מיר טראַכט איך:

מילא, הנשמה לך והגוף שלך... נישט מיין פערד און

נישט מיין בייטשעקל; ווי אזוי דו וועסט דיר בעטן, אַזוי וועסטו שלאָפֿן, און ווי דו וועסט זייען, אַזוי וועסטו שניידן. און געדענק, ייִנגל! — טראַכט איך מיר — נאָר אַלץ אינע־ווייניק, ווייל איך האַלט, אַז רייצן דאַרף מען אים נישט, נאָר זאָגן: „גיי צו אַלדע שוואַרץ יאָר. ממה־נפשך, איז שוין הפקר אַ וועלט, טאָ זאָל זי שוין זיין".

און איך רעד אים טאַקי נישט מער. ממה־נפשך: איך זאָל וועלן רעדן, דאַרף איך רעדן ערשט שוין מיט אַ שטעקן... און דאָס וויל איך נישט...

איך לאָז אים איבער און גיי מיר דערווייל צוקוקן צו דער התנהגות פון צווייטן זון. אָבער אַלץ שטיל. וואָרן אַ שלעכטן, נישט נאָר עס העלפן נישט קיין רייד, נאָר אַפילו קיין שטעקנס. איך האַלט נישט דערפון אינגאַנצן.

III

דער צווייטער זון, אברהמל הייסט ער, און איז דער עלטערער, ער האָט שוין גאָר אַן אַנדערן דרך, אויך נישט צום פאַרזינדיקן. אַז איך רעד פון זיין פירונג, ווערט מיר אַביסל וואַרעמלעך אין בליק...

ער קומט צופֿאָרן דעם פֿאַר־פּסח, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, ווי פון דער תליה. אַז איך דערזע אים ווערט מיר נישט גוט־וואָס הייסט נישט גוט — די אויגן ווילן זיך מיר פֿאַרמאַכן.

צוועקגעפֿאָרן פון דער היים, פֿאַקליידט, באַנייט, קיינער האָט נישט געוווּסט וווּהין, ווייל ווי קאָן אַזאַ שטייגער פֿאַרשוין פֿאָרן? נישט קיין דאַנציק מיט געהילך, נישט קיין לייפּציק נאָך סחורה, נאָר גלאַט, סתם אַזוי געפֿאָרן: מען זאָגט, אַז „אַ טרופּע" איז ער עפּעס אינטערוועגנס — און קומט צופֿאָר צוריק אין אַזאַ הולך, אַזאַ באַשטאַנד.

אויסגעוואַלגערט זיך, ווי נאָר אַ שטעטל. איך ווייס וואָס ער טוט דאָרט? צו גליטשט ער זיך מיט די הויזן אויף דעכער, צי שפרינגט ער איבער פּאַרקאַנעס. פאַרוואָס זענען עפּעס די הויזן דווקא אַזוי צעריסן?.. פאַרוואָס האָבן עפּעס זיי זיך דווקא אַן ערגערן גורל אויסגעבעטן, ווי די אַלע אַנדערע מלבושים?

נאָר אַך און וויי, וואָס פאַרע מלבושים?

אַז איך פרעג אים, ווי האָט ער זיינע מלבושים, די וואָס ער האָט מיטגענומען פון דער היים? — זאָגט ער מיר, אַז ער האָט זיי איבערגעלאָזט דאָ ערגעץ אין אַ שטעטל ביי זיינעם אַ באַקאַנטן צוזאַמען מיטן קיישל וועש. ווייל דאָס געלט האָט זיך אים אויסגעלאָזט און ער האָט נישט געהאַט אויף קיין פורל.

זאָג איך:

— וואָס טוסטו אונטערוועגנס?

זאָגט ער

— איך זינג ביי אַ חזן...

זאָג איך:

— ווי אַזוי זינגסטו, ווער לאָזט דיך צו צו אַן עמוד?..

זאָגט ער:

— מען לאָזט מיך יאָ צו...

קומט ער אַהיים אין אַ פּאַפּירן קעלנערל, שוואַרץ ווי די ערד איז עס, און אין אַ שניפּס, וואָס הענגט אים נאָך, ווי צוויי לאָקשן פון פאָרנט איבערן האַרץ-ברעטל.

איך פרעג אים:

— וואָס איז דאָס, דער טלית-קטן דיינער? עפּעס האָט ער דאָך גאָרנישט קיין ציצית... און פאַרוואָס עפּעס ביידע טיילן פון אים הענגען אַרויס אויף איין זייט פון פאָרנט... און פאַרוואָס עפּעס נישט פון די אַקסלען אַראָפּ, נאָר פון אונטערן קאָלנער?

ענטפערט ער נישט און פאַרשווייגט.

טענה איך מיט אים שוין ערנסט:

— מילא, אַ שניפּס, זאָל זיין אַ שניפּס אָבער פאַרוואָס באַמבלט ער זיך?...

— כ'האָב פאַרגעסן — זאָגט ער — אַ שפּילקעלע צו קויפן.

— האָסט אפשר נישט קיין קליינגעלט?..

— ליידער... — גיט ער אַ מאַך אַזאַ מינעלע אויפן פּנים, איך וואָלט געשווירן, אַז דאָס איז עס, וואָס ער רופט זיך „טרופּע", אַז דאָס זענען די קונצן וואָס ער מאַכט אונטעווענגס.

— און קיין פּאַפּוגאַי — פרעג איך אים — האָסטו נישט?

— נאָכוואָס — זאָגט ער — אַ פּאַפּוגאַי?

— איך ווייס... אַזעלכע קוויטלעך צו ציען... כ'האָב אַמאָל געזען דאָ הי איינעם אַזעלכן, ווי דו ביזט. נאָר יענער איז געווען אַ שוואַרצער און מיט אַ שוואַרץ געשווירענער קודלע, האָט ער געהאַט אַ פויגל אַזעלכן. נישט געדאַכט זאָל עס זיין, ווען די כאָלערע איז אָנגעקומען האָט ער געהאַלפן טראָגן קראַנקן־בעטלעך. ווייזט אויס, אַז גיין מיט אַ קעסטל און מיט אַ פויגל מוז אויך נישט זיין פון די „וואַזשנע" פּרנסות?..

קייגן וואָס־זשע דערציילסטו עס? — פרעגט ער.

—קייגן דיין צייגן מאַרינאַרקעלע, קייגן דיינע אויסגעדרייטע קאַמאַשן. אַוועק פון דער היים ביזטו, דאַכט זיך, אין אַ גוטן סאַק, אין אַ נייעם אָנצוג, און ווי קומט מען עס אַזוי צוריק?

— כ'האָב עס אסור נישט פאַרשפּילט אין קאָרטן. — זאָגט ער.

— פאַרשפּיל עס יאָ אין קאָרטן. אַז מען פאַרשפּילט אין קאָרטן האָט מען עס נישט און דו — האָסט עס אויך נישט.

וואָרן מאירל גנב, אַז נעכטן האָט ער געהאַקט אַ קלאָס, זיך איינגעקויפט אַלץ ניי, און איבערגעבראַכט, עס גייט נישט די קאָרט, גייט ער דען צוזאַמענגנס שענער?.. פאַרשפּיל דו אויך. איך מיין דיך, חלילה, נישט צו גלייכן צו מאירלען, נאָר וואָס קומט דען אַרויס, אַז דו האָסט עס נישט פאַרשפּילט? האָסטו די מלבושים?

— כ'האָב זיי. — זאָגט ער.

— נו, גוט, וועסטו זיי אָנטון יום־טוב ביינאַכט און גיין מיט מיר אין שול אַריין... האַ?

עס ווערט אים ביטער אין פּיסק, איך זע, אַז עס דרייט אים.

— אַ תּל געמאַכט פון זיך. די פּושע עוֹבר ישׂראל, ווייז נאָר די קאַמאַשלעך, אברהמטשעלע, זיי פּישטשען נישט?

— טאַטע, הער אויף.

— יאָ, איך הער שוין אויף, אַ קשיא אויף אַ מעשה, קאָנסט דיך נאָך ברענגען צו שלעפּן מיט אַ מויד צו מיר און שטוב אַריין, און כ'וועל מיך מוזן האַלטן אָנשטאָט מיט איין מציאה — מיט צוויי.

לאַכט ער, אַברהמעלע.

— אויסגערונען האָסטו געקערט צו ווערן... — זאָג איך אים, נאָר איך דערענדיק נישט, ווייל וואָס האָב איך צו דער מאַמען, אַן אשה־כשרה געווען...

IV

און איצט בלייבט מיר שוין איבער דער יינג אין שטוב. כ'וואָלט אים פאַרקויפט אין חמץ אַריין. אָבער ווער וועט אים נעמען, וואָס צו באַנייען האָט ער שוין אויך נישט ווען, ווייל

די שניידערס, שוסטערס, האָבן אים שוין, כ'וויל גאָרנישט זאָגן וווּ — ס'איז סאַמע ערב־פּסח. און דאָ, כ'לעבן אַ ליכטיקער יינג מיט אַזעלכע שיינע וואָנסעלעך, וואָס הייבן אים שוין אָן, זע איך, צו שפּראָצן... גוט כאָטש, וואָס ער וועט דאָס האָבן צו באַניייען... פון דער גאָמבע, דאַכט זיך מיר, ראַזירט ער שוין דעם מעך... אַבי כאָטש פון דער מאָדע האַלט ער. זאָל זיין מיט אַ צעריסענעם שניפּס און — שאָבן זיך די גאָמבע מיט אַ שטיק גלאָז אונטערוועגנס.

בלייבט עס שוין אַזוי טאַקע. יום־טוב זיצט מען אין שטוב. מען גייט אפילו נישט צו קיין דאַווענען און מען קוקט נישט אָן די ליכטיקע שיין, סיידן דורכן פענצטער, וואָס מען כאַפּט אַ בליק צום הימל...

דעם ערשטן טאָג יום־טוב נאָכן עסן — ער וויל גיין שפּאַצירן אויפן שאָסיי — אָט אַזוי, ווי ער גייט און שטייט. זאָג איך אים:

— אברהמעלע, וווּהין דאָס „סנאָוועסטו" דיך אין די ווינקלען? וואָס פאַר אַ קאַמאַש איז דאָס, מ'שטיינס־געזאָגט, וואָס דו פּוצט אים?.. דו גייסט דען ערגעץ?

— צי איך גיי ערגעץ, פרעגסטו? אוודאי, גיי איך, איך גיי שפּאַצירן.

— אין אַזאַ הולך?

— שעם דיך דו — מאַכט ער צו מיר.

— וואָס, איך האָב דיך אָפּגעריסן, איך האָב דיך אָפּגעשליסן?

— אַז דו וועסט מיר נישט מאַכן באַלד מוצאי־יום־טוב אַלץ, וואָס איך דאַרף, אַזוי ווי מען צינדט נאָר אָן אַ ליכט, וועל איך אַפילו טאַנצן אין די גאַסן אויך אַזוי...

— אַזוי וועסטו מיר אָפּטון? אָוואַ!.. און דו קאָנסט דען נאָר טאַנצן אויך? מילא, זינגען, ווייס איך, אַז דו קאָנסט...

אַז נישט וואָלסטו דאָך נישט געקאָנט זיין „אַ טרופּע" און גיין מיט אַ פויגל... אָבער טאַנצן? ווער, דער „חזן" האָט דיך דאָס אויסגעלערנט?

און שוואַרץ און וויסט און פינצטער, פיל איך, ווערט מיר פאַר די אויגן, דער יינג איז גאָר געוואָרן אַן אָפּטויער, איך, — אַ צולהכעיסניק. ער וועט גיין, זאָגט ער, שפּאַצירן. און ס'האָט עפּעס געהאָלפן? ערשט כ'האָב אים געמוזט צוזאָגן, אַז באַלד צומאָרגנס נאָך יום־טוב, ס'הייסט אסרו־חג, מען זאָל עס דערלעבן מיט געזונט, גיי איך מיט אים אין געוועלב און ער וועט זיך אַליין אָפּקלייבן אַלץ, וואָס ער וויל, און באַלד וועט עס ווערן אָוועקגעגעבן צו מאַכן. און קוים ס'איז מיר געראָטן אים איינצוהאַלטן, ער זאָל ליגן אין שטוב, דער יינגאַטש, וואָרן וואָס אַרט עס אים, עס גייט אים אַ סך אָן, וואָס מענטשן וועלן זאָגן? ער האָט אַ טאַטן, זאָל ער ליידן.

V

און מען ליגט שוין, מיט גאָטס הילף, אין שטוב. מען הרגעט זיך מיט דעם קליינעם זון איבער אַ פּאַפּיראָס און מען קערט מיר די שטוב איבער.

משהלע, דאָס תכשיטל, וואָס האָט אַ שטיבל פאַר זיך, אַ חדר־מיוחד צום זיצן און לערנען פלומרשט און צום שלאָפן באַזונדער, ווערט גאָר אַן אַנדער מענטש. יענער, דער גרע־סערער, האָט אים צוגענומען די שעלקעס, מאַכט מען די שטוב פול מיט קולות. דער דינסט, פייגן, אַן אַלט מענטש נעבעך פון זעכציק יאָר, הענגט מען זיך אָן אויף די פלייצעס און מען זינגט איר אַ לידל אין די אויערן אַריין, ער, דער

גרעסערער תכשיט, בכן זי איז טויב... נו, קומט אויס, אַז איך זאָל שוין אויך נישט אַרויסטרעטן פון דער היים. וואָרן פאַר וועמען וועלן זיי מורא האָבן, די שטוב חרוב צו מאַכן, די פענצטער אויסצוהאַקן — אַז מען וואַרפט זיך מיט אַ שטיוול און מיט אַ קאַמאַש אין די קעפ אַריין איבער אַ נאַרישן פּאַפּי־ראָס, וואָס דער עלטערער האָט צוגענומעןביים קלענערן? טאַקי — פאַר וועמען? פאַר פייגן? אַז מען האָט פאַר מיר אויך קיין מורא נישט? קומט אויס, אַז דער יום־טוב איז מיר געשטערט און איך קאָן שוין אַפילו נישט גיין דאַווענען. קיין מאַמע איז נישטאָ, פאַר גאָט האָט מען נישט קיין מורא, פאַר דער אַלטער פייגן אויך נישט, בלייבן זיי דאָך הפקר.

טענה איך צו משהלען:

— ווי לאַנג איז, אַז כ'האָב מיך ביי דיר געבעטן און נישט געקאָנט דערבעטן, דו זאָלסט מיר אַלץ אײנאײנעם נישט פאַרפאַלן ווערן פון שטוב — אפשר קאָנסטו מיר היינט צוליב טון און יאָ פאַרפאַלן ווערן אביסל? אַזוי אויף אַ טאָג מיט אַ נאַכט, למשל? גיי אַביסל אַוועק. — אַזוי זאָג איך צו אים און אגב גיב איך מיר אַ טראַכט: אפשר וואָלט טאַקע געווען אַ אַ שטיקל רפואה בדוקה, צו האַלטן דעם גרעסערן שטענדיק אינדערהיים, כדי דער קלענערער זאָל מיר אויך נישט פאַר־פאַלן ווערן אין זיינע, ווער ווייסט וועלכע, וועגן?.. און איך בעט מיך ביי אים, ווי ביי אַ גזלן:

— גיי, טרעט מיך אָפּ אַביסל.

נאָר הערט מען דער קאָץ, אָדער דער טויבער פייגן וועלכע פאָרעט דאָרט ביים קוימען, אַזוי הערט מען מיך. איך זע, איך בין אַ פאַרפאַלענער אויף אַ גאַנצן יום־טוב צו זיצן אין שטוב.

— נו, מילא — זאָג איך — ווען מיר אַלע זיצן אינ־דערהיים. וואָרן דו, משהלע, פון דאָזיקן ביזנעס דאָך שוין הײַנט פּטור. צו וואָס מיטגיין מיט אַ טאַטן אין שול, אַז מען האָט שוין אָבגעהמעלט מיט לידלעך?..

און אַזוי איז עס טאַקע. וואָרן די מינוט, וואָס מען שלאָגט זיך נישט אַרום — אָבער וואָס הייסט געשלאָגן — ווי די גוים: אין איין שטיוול און דער צווייטער פוס באָרוועס, מיט איין האַנט האַלט מען זיך צו די הויזן און אין דער צווייטער—אַן אויסגעטויגענעם קאַמאַש, און ביידע מיט די גאַלע קעפּ — נאָר די מינוט, וואָס מען שלאָגט זיך נישט, שטייט דער גרעסערער און „בעטשעט“ עפּעס אַ ליד אויפן גאַנצן קול, אַז די אָדערן שטעלן זיך אים אַזש אויף, וואָרן ער איז דאָך עפּעס „אַ טרופּע“, און אַפילו בלויז פאַרן געזאַנג קאָן די גאַנצע שטאָט קומען צולויפן און איך בין סיי-ווי אַ פאַרפאַלענער, טאָר נישט אַרויס־גיין פון שטוב. אַז איך בין דאָ האַלט איך אים כאָטש אַביסל איין די „פּיסקעס“, ער זאָל זיי נישט אַזוי פיל צעלאָזן... אָבער סיי-ווי-סיי מוזן מיר שוין אַלע דריי זיצן אין שטוב.

כ'האָב נאָר שטילערהייט גאָט געבעטן, אַז דער יום־טוב זאָל שוין אַריבער, איך זאָל אים ווידער עפּעס מאַכן — אַ סאַקל מיט אַ פּאָר הויזן, דעם גרעסערן, אפשר וועט מיר גאָט העלפן, ער וועט מיר צוריק פאַרפאַלן ווערן פון שטוב אַרויס און ווערן ערגעץ „אַ טרופּע“, אַז נישט איז אומצוקומען אויפן קאָפּ, וואָרן איך האָב קיין כוח נישט צו קיין „טרופּע“. זאָל ער פאַרפאַלן ווערן כאָטש אויף אַ האַלב יאָר, אויף דריי חדשים... אלא, ער קאָסט מיך יעדעס מאָל, ווען ער קומט, ווידער הלבשה, ווייל כ'פאַרשטיי דאָך, אַז אונטערוועגנס נעמט מען עס פון זיך אַראָפּ און מען פאַרקויפט און דערנאָך שלעפּט מען זיך אַרום נאַקעט — אָבער וויפל איז דאָס ווערט, וואָס

אך גיי פון געדולט נישט אַרויס און ווער נישט משוגע, ווען זיי ביידע קומען זיך נישט צונויף.

פונדעסטוועגן גיי איך דאַווענען, מ׳איז דאָך פאָרט אַ ייד. איך גיי אין שול אַריין, מען גוט מיר דאָרט מפטיר. ס׳איז שוין מיין חזקה... פאָרט אַן אָנגעזעענער ייד, דער שענצטער סוחר אין שטאָט. אינדערהיים האָב איך אַזעלכע צוויי עכברושים, אָבער ס׳האָט נישט איינס צום צווייטן. און ווידער — פון אויבן איז עס דאָך פאָרט צוגעדעקט. קיינער ווייסט דאָך נישט וועמען דער שיך קוועטשט, כל־זמן מען טוט אים נישט אויס...

נאָר אַזאַ טעם זאָלן זיי מיר שוין פילן אין זייערע געשלעגערייען איינער מיטן אַנדערן, וואָס פאַר אַ טעם איך פיל שוין אין שול גייענדיק, פון דעם דאַווענען, אָדער פון דעם קריאת־התורה. וואָרן ס׳איז דען עפעס אַ וווּנדער — איך שטיי אין דער מזרח-וואַנט און מיין נשמה איז אינדערהיים. אַ קאַטאָוועס אַזעלכע צוויי קעלבאַסעס, יינגאַטשעס.

און וואָס איז דאָ צו דערציילן: מען רופט מיך אויף צו דער הפטורה און איך פאַל שיער פון די שטיגלעך אַראָפּ — אַז דער קאָפּ מישט זיך מיר, מ׳שטיינס-געזאָגט. איך זאָג די פסוקים, אָבער אַזוי פּראָסט, וואָכעדיק, ס׳איז גאָרנישט דאָס אייגענע קול, וואָס אַמאָל... וווּ ניגון, ווען ניגון, אַז ס׳איז ביי מיר גאָר קיין יום־טוב נישט.

VI

איך קום אַרויס אינדרויסן, שוין צוריקגייענדיק פון שול; אויפן פּלאַץ איז ליכטיק, פול מיט זון דער גאַנצער שול-הויף. יידן און די יום-טובדיקע קאַפּאָטעס, און די נייע קאַשקעטלעך,

ווינטשן זיך, „גוט יום-טוב! גוט יום-טוב״! נאָר מיר בלענדט פאַר די אויגן.

אויפן שול-הויף טאַקע קומט צו מיר צו חיימל מלמד:

— גוט יום־טוב ר׳ אהרן.

— גוט יום־טוב, גוט־יאָר.

— איר זעט אויס שלעכט.

— כ׳ווייס ?.. מען איז אַ פאַרנומענער מענטש אַ גאַנץ יאָר, מען האָט נישט קיין צייט צו דערעסן, און יום־טוב דאַוונט מען אָפּ שפּעט, גייען אויס די כּחות...

ער גייט מיט מיר מיט, חיימל, אַ שטיקל איבערן שול-הויף. ער מיינט, נעבעך, כ׳זאָל אים פאַרבעטן אַהיים אויף קידוש, אָבער ווער וועט עס טון — ער זאָל מיר אָנקוקן דעם יינג מיינעם, וואָס גייט אַרום אין שטוב עפּעס אין אַ זעלנע-רישע „רובאַשקע״...

געזעגן איך מיך מיט אים. איך גיי אַליין איבער די גאַסן. פאַר אַלע שטובן איז יום־טוב, שיין, ליכטיק, אָפּגעקערט, די שויבן לויטער, געוואַשענע פּנימער קוקן אַרויס. אומעטום באַגעגענען זיך שוין מאַן און ווייב פאַר דער שוועל פון דער טיר, און גלאַט אַזוי שכנים, מען ווינטשט זיך... אַלץ איז פ״יילעך, ליכטיק, נאָר אַז איך קום צו צו מיר, אין מיין גאַס אַריין, זע איך פונוויטנס: פאַר מיין ברוקל, פאַר מיין שטוב און אַרום מיין שטוב, איז די גאַנצע גאַס באַלייגט מיט מענטשן!..

„ווער ווייסט״ — האָט מיר אַ קלאַפּ געגעבן אין האַרץ — „ווער ווייסט, וואָס דאָרט איז געשען. צי האָט נישט איינער דעם צווייטן דערהרגעט!״

איך לויף און די פיס ברעכן זיך מיר אונטער. איך גיי

צו און ווער געוויר: מייטל, די שכנטע, האָט דאָרט „קידוש״ געמאַכט אַרום הויז און די גאַנצע גאַס צונויפגערופן.

זי האָט אַ זון, נישט קיין לייט... נישט קיין משוגענער, נאָר גלאַט אַזוי פון געבוירן עפּעס... נישט געדאַכט זאָל עס זיין. נו, באַדאַרף מען עפּעס אַ סך ביי מיינע יינגאַטשעס? איז עס דען נישט ביי זיי איינע פון די גרעסטע מציאות אַזאַ „סחורה״, — אַז נישט „אויסגעריסן״ זאָלן זיי ווערן... די מייטל, אַ שטילע אַלמנה נעבעך נערט זיך פון שטיקל דיסטריבוציע, וואָס זי האָט, מיט אַ ביסל נאַפט. מילא, איז זי איינדערפרי אַוועקגעגאַנגען און ווייבערישן בית-המדרש, דאָרט דאַווענט זי, זאָגט אירע תחינות, יום־טוב... מיינע יינגאַטשעס, קיין ייד זאָל זיי נישט קענען, נעמען דאָס „פּאַרזעניש״ אירס, ס'איז דאָך אַ וואַנט ביי אַ וואַנט — און רעדן אים צו, ער זאָל אויפהאַקן ס'טשאָלנט־ברעטל דאָרט ביי זיך — ס'איז פּונקט דער ערשטער טאָג יום-טוב אין שבת — ער זאָל אַרויסנעמען דאָס טשאָלנט, אויפעסן, און די רעשט, וואָס וועט בלייבן, זאָל ער אַוועקטראָגן דער מוטער אין בית-המדרש אַריין...

אָט דאָס איז אַן איינפאַל פון קעלבאַסעס... צו שטוינען! און ער האָט זיי געפאָלגט אויך. ער איז דאָך אַ „גאָטס געזעגנס״... און גיי שנייד דיר אויף ט'האַרץ פאַר יעדן... וואָס איז דער טאַטע שולדיק? אָבער מייטל מאַכט מיר שוואַרץ פאַר דער טיר אין יום־טוב! כ'זאָל האָבן ווו צו אַנטלויפן, וואָלט איך איבערגעלאָזט די שטוב מיט די קעלבאַסעס. נאָר ווו, און אין יום-טוב? האָט דער משוגענער אַזוי געטון, זיי האָבן אים נאָך צוגעדעקט די דיניצע, מיטן רעשט ביסל איבערבלייבעכץ, מיט אַ טוך, בכן עס זאָל נישט קאַלט ווערן און זיי האָבן אים אַזוי משלח געווען אין ווייבערישן בית-המדרש אַריין.

קומט ער אַריין צו דער מוטער, ברענגט איר די „מתנה״:

— נאַ, מיידל, — זאָגט ער — עס קעלבל... — ווי קיינ־מאָל גאָרנישט און גלייך עס וואָלט געווען אַ נאַטירלעכע און פאַרשטענדלעכע זאַך: ער טראָגט דער מאַמען צו עסן אין דער ווייבערישער שול אַריין...

מילא, קאָן מען זיך פאָרשטעלן ווי פינצטער און ביטער ס'איז איר געוואָרן אין די אויגן, צווישן אַלע אַרומיקע ווייבער, בשעת זי האָט דערזען דידאָזיקע „מתנה"... „נאַ, מיידל, עס קעלבל"...

און צווישן די ווייבער מיט די תחינות אין די הענט, ווערט אַן אויפגערודער, מען קנייפּט זיך שוין שטיקער פלייש אויס, קוקנדיק אויף גאַטס־שטראָף, אויף דעם באַשעפעניש, און די מוטער באַגראָבט זיך פאַר חרפּה...

פאַרוואָס עפּעס „מיידל"?.. ווייל ער קאָן נישט אַרויס־זאָגן שאַרף מייטל און ער רופט זי ביים נאָמען. און פאַר־וואָס עפּעס: „עס קעלבל"?.. ווייל ס'איז געווען אַ קעל־בערן קעפּל אין טשאָלנט...

און מער האָט מען נישט געדאַרפן. נישט נאָר צווישן די ווייבער איז געוואָרן אַ גערויש און אַן אויפגערודער, נאָר אויך די מענער־אָפּטיילונג פון בית־המדרש איז געוואָרן צע־טראָגן, מען האָט נישט געוווסט צי ברענט, צי חלשט מען, אַזוינס האָט זיך דאָרט אָפּגעטון. אַ האַלבע שעה דערנאָך האָט געדויערט דאָס קלאַפּן און דאָס פּאַטשן אין די מחזורים אַריין און אין די שטענדערס, אַז דער עולם זאָל זיך שוין שטילן. און אין אָנפאַנגס איז מען גאָר געקראָכן אויף די פענצטער־לעך צו דעם ווייבער־טייל, כדי צו זען, וואָס דאָרטן איז, וואָס דאָרט קומט פאָר... אַלץ איז געווען אויפגערודערט ווי איין גרויסער בינשטאָק. ווער האָט שוין דעריבער געוווסט דאָרט פון אַ דאַווענען? קיין שמונה־עשרי, קיין קדושה אַפילו ווי רעכט

איז. און דאָ איצט, ווען איך קום אַהיים, האָב איך ערשט די גאַנצע גאַט פאַר מיין שטוב, מיינע זין ליגן שוין באַהאַלטן אויפן בוידעם, און מייטל, מילא, אַ פאַרביטערטע מוטער, שעלט און פליכט, זאָל עס גאָר אויף אַלע מדבריות פאַלן. און כאָטש דער עולם אַרום מיין הויז, שטייט און לאַכט. ווייל עס איז אים גאָר געפאַלן די „קונץ", פונדעסטוועגן דאַכט זיך מיר אין ערשטן אויגנבליק, אַז מען וויל מיר דאָס הויז צערייסן.

מילא, אַז כ'האָב אַ קוק געגעבן, ווי פון אונטערן דאַך, דורך אַ בוידעם-לעכל, קוקט אַרויס דעם עלטערן ייגנס אַן אויג, ווי דערשראָקן דאָס איז און דאָס פנים ווי קאַלך, האָב איך ערשט דערפילט די אמתע נקמה.

— „צ'האָט שוין אַ גוטע בראָך גאָך זיך... — האָב איך מיר געטראַכט — ווייסט כאָטש איינמאָל, אַז גאָט קאָן שטראָפן פאַר די פיין דעם טאַטנס. ווייסט כאָטש, וואָס עס הייסט הפקר אַ וועלט. משומדים זאָלן טון אַלץ, וואָס עס פאַלט נאָר איין. דאָס איז דערפאַר, ווייל מען פאָלגט נישט און ווייל מען טוט אַלץ, וואָס מען וויל. און איך האָב מיר געמאַכט, אַז פון היינט אָן, בליינדער, זיך נישט אומצוקוקן אויף זיי, ווי אויף די הינט, אַז מען זאָל זיי אַפילו פירן אויף די תליה, אַפילו דער „היצעל" זאָל זיי אויפכאַפן"...

אַזוי האָב איך מיר געטראַכט. נאָר אַז אָך און ווי איז צו אַזאַ טראַכטן. ווייל, מ'שטיינס-געזאָגט, ווען טו איך דאָ אָפ?... זיך אַליין?

נאָר גאָרנישט. מייטל, מילא, האָט אָפגעשריגן, אָפגעשריגן איר חלק, וואָרן וואָס האָט זי דען געוואָלט? ס'איז איר טשאָלנט און איר יינג האָט עס אויפגעגעסן. אלא, וואָס די קעלבאַסעס מיינע האָבן איר פאַרשאַפט בזיונות, שאַנד און שפאָט, — נו, וואָס זאָל איך טון מיט זיי? אדרבה, אפשר קאָנסטו מיר צו-

נעמען די ייִנגען מײַנע? נעם זיי דיר צו אינגאַנצן און טו דיר מיט זיי וואָס דו ווילסט... נעם דעם עלטערן און שפּאַלט אים קאָפּ. וואָרן כ'ווייס, אַז ער האָט שוין אויסגעטון דאָס שבת-היטל, אַז פון אים וועט שוין קיין לייט נישט זיין. ער קאָן שוין מיך „כ' ראש" מיט פאַרשעמען מיך, ער וועט גיין שפּאַצירן יום-טוב אין אַ צייגן מאַרענאַרקעלע מיט אויסגעדרייטע קאַמאַשן, וואָס אונטערוועגנס לייגט מען זיך דאָס מאַרינאַרקעלע אונטער צוקאָפּנס... און דעם ייִנגערן, מילא, דעם ייִנגערן קאָן איך דיר אויך אַוועקגעבן... טאָ וואָס-זשע, מייטל, ווילסטו פון מיר, [illegible]ס די מאַכסט מיר אין יום-טוב שוואַרץ פאַר מיין טיר? וואָס ווילסטו דען, מען זאָל מיר דאָס הויז צעטראָגן — פאַר אַ מעשה, וואָס ס'איז געשען מיט אַ טשאָלנט. כ'זאָל וויסן אַז עס גייט דיר אויך אין היזק, באַצאָל איך דיר מוצאי-יום-טוב, מען זאָל דערלעבן מיט געזונט, באַלד ווי מען צינדט נאָר אָן אַ ליכט, פאַרן טשאָלנט. ווייטער די רעשט, וואָס עס האָט צו דער גאַנצער מעשה, ווער איז דיר שולדיק, אַז דו האָסט אַ משוגענעם זון? ביזטו אַ שותּף דען צו אים פּונקט אַזוי גוט ווי איך... וואָרן עס זענען דען מיינע זין, נישט משוגע? דו האָב דיר דיין בראָך פאַר זיך, און איך מיינע!

אָבער אויך מיינע ייִנגען זענען נישקשה אומגליקלעך. גאָט האָט זיי שוין, איינמאָל, נישט פאַרזעצן... ער האָט זיי שוין „געבענטשט" אַזוי אויך מיט דער פולער האַנט... ס'איז עפּעס אַ תּענוג צו ליגן אויף אַ בוידעם באַהאַלטן, אַרויסצו-הייבן די נשמה פאַר שרעק, און אין אַ שיינעם יום-טובדיקן טאָג צו זיין ללעג־ולקלס ביי אַ גאַנצער שטאָט?..

און דורך וואָס? אַ חכמהלע? אַ קאַטאָוועסל?

אַ גזירה אין מיקאָלאַיס צייטן וועגן שניידן בערד און האַקן קאַפּאָטעס האָט שוין נישט אָנגעמאַכט אַזאַ גערודער.

און איך שפיר, אַז דער הענט פרעסט מיך אויף:

— פּשׁ—ש—ש. אַ קליניקייט. מייטלס טשאָלנט מיטן „קעלבל"... ימח־שמם... די ייִנגען מיינע!

שפּעטער. אַז די ייִנגען קומען אַראָפּ פון בוידעם, וואָרן ווי לאַנג ליגן זיי, ווי לאַנג זיי האָבן פאַר מיר אַליין אויך געציטערט, — מילא איז דער ייִנגערער באַלד ערגעץ עוקר... אויפגערוימט זיך, אַז איך זע אים שוין נישט פאַרן אויג. נאָר צום עלטערן, וואָס ער האָט נישט געהאַט ווו צו לויפן, נעם איך אַ שטעקן, כאָטש. כ'בין מיך אַליין מודה — ס'איז אין יום־טוב...

— טאַטע, שטעל אַוועק דעם שטעקן. — זאָגט ער.

— סאָ אַנטלויף־זשע דו — זאָג איך — אויך פון מיינע אויגן. אַזוי ווי דער קלענערער האָט געטון...

ער איז געשטאַנען און באַקלערט זיך אַ רגע. וואָרן ער האָט געזען. אַז איך בין גוט בייז. אַז ער האָט מיר צוגענומען צען יאָר לעבן, איך זע אויס ערגער פון אַ טויטן. און כ'האָב געזען, ווי פאַרזאָרגט ער איז געווען אויפן פּנים. איך האָב אויף אים רחמנות געקריגן און אַוועקגעשטעלט דעם שטעקן. — כאָטש וואָס פרעגט ער נאָך מיין שטעקן, אַז סך־הכל איז ער געזונטער פאַר מיר מיטן שטעקן אין איין פינגער נאָר גאָר־נישט גיי, האָב טענות צו יענעם, ווען יענער טוט עס נישט אויס שלעכטס, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל דער קאָפּ איז אים גרינג... מילא, ייִנגע יאָרן — קינדערישע יאָרן. און איך טראַכט מיר: זאָל איך אים דען נישט פאַרגעבן? דעם קינד איז אַלעמאָל גוט, שלעכט איז נאָר דעם טאַטן. איך האָב אים פאַרגעבן.

— ווו איז דער קלענערער — פרעג איך אים.

— איך ווייס נישט, — זאָגט ער — ער איז אַנטלאָפן.

— גיי רוף אים אַריין, — זאָג איך — ער מוז צוודאי

שטיין הינטער דער וואַנט, אויסצוהערן דיין פסק. כדי ער זאָל וויסן, וואָס מיט אים וועט געשען.:.

אברהמעלע פאַרשטייט זיך אויף דעם וואָס איך זאָג, אַז עס קאָן אפשר אַזוי זיין... ער גייט אַרויס און ברענגט אים טאַקע.

— נו, ערשט, — זאָג איך — איז געקומען דיין צייט. קום אַהער, יינגאַטש. — און איך נעם נאָכאַמאָל דעם שטעקן — כ׳וויל זען — זאָג איך — ווי אַזוי זעט אויס אַ חתן-בחור, אַז מען ציילט אים אַריין שטעקנס. אַ זייגערל אין טעשל טראָגסטו דאָך שוין...

און אַז איך זאָג נאָר בלויז די ווערטער, נאָך איידער כ׳האָב דעם שטעקן אויפגעהויבן, גייט שוין אברהמעלע צו מיר צו:

— טאַטע, לייג אַוועק דעם שטעקן...

— ניין — זאָג איך — מילא, פון דיר פאַרמייד איך דעם שטעקן, ווייל כ׳האָב מיך מיאש געווען, אַז פון דיר זאָל נאָך עפעס זיין. אָבער אין דעם קליינעם מוז איך מיר קילן דאָס בלוט.

— נעם — זאָגט ער — שלאָג מיך.

— אַ מכה דיר! — זאָג איך אים. —מיט דיר האָב איך געהאַט אַ מדובר, אַז באַלד מוצאי-יום-טוב מאַך איך דיר עפעס, און דו — פאָר ווייטער אין וועג אַריין...

— שוין, אויס? — פרעגט ער מיך.

— אויס.

— כאָטש איין קלאַפּ! — בעט ער זיך, און דערביי טוט ער אַ ווונק, און בראש נאָך מיט איין אויג אַזאַ געממזרטס, אַז איך האָב געמיינט, איך פּלאַץ.

אָט דאָס איז די אמתע „טרופּע”.

און איך בין מודה-ומתודה, אַז כ׳האָב דעם יצר-הרע

נישט געקאָנט איינהאַלטן, כ׳האָב אים געמוזט צוליבטון, און נאָ דיר... כ׳האָב אים געגעבן...

נאָר ס׳איז אַ יינג מיט אַ בייזער גבורה. מיט פּלייצעס, מיט הענט, אייזן קאָן עס ברעכן. ער פּילט אַזוי מיין קלאַפּ, פּונקט ווי פון אַ פליג. און, אַז ער שטעלט נאָך אַרויס אַ ברוסט, באַלד נאָכן קלאַפּ, קאָן מען געהרגעט ווערן נעבן איר׳ גלאַט אַזוי, כאָטש איר רירט זיך גאָרנישט-אָן אָן איר... אַן אייזערנע וואַנט, אימת־מות אויף איר אַ קוק צו טון.

פאַרשטייט מען דאָך, אַז דאָ הייבט זיך ערשט אָן די רעכטע פאָרשטעלונג:

— נאָך, נאָך, נאָך... — הייבט ער אָן צו פאַרלאַנגען. און איצטער ווינקט שוין נישט ער אַליין, און אויך נישט — מיט איין אויג, נאָר איך גיב אַ קוק, ווינקט שוין ביי אים דאָס היטל אויפן שפּיץ קאָפּ, וואָס ער האָט עס ספּעציעל פאַרשאַרצט הויך אַרויף צו ווינקען. עס ווינקען ביי אים די אויערן, יעדעס פּיצעלע לייב אויפן פּנים, אַלץ ווינקט און ס׳איז געוואָרן אַזוי, אז כ׳האָב נישט געדענקט אין וועלכן כישוף איך געפין מיך, וואָס מיט מיר אַליין טוט זיך. עפּעס אַלץ ווינקט...

און איך ווייס גאָרנישט ווי אַזוי, פרעגט מיך בחרם, דער שטעקן איז שוין ביי אים אין דער האַנט. ער האָט אים מסתמא, דורך אַ רוף אַזעלכן, אָדער מיט דעם ווונקען אַריי־ בערגערופן צו זיך... וואָרן איך קאָן פאַר קיין פאַל נישט וויסן, נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי ער איז שוין ביי אים אונטער די פלייצעס...

איך שטיי און שטוין:

„אָט דערפאַר, אברהמלע, ביזטו ווערט געלט... וואָס „אַ טרופּע״-מענטש קאָן... — טראַכט איך מיר — נישט אומזיסט

מאַכסטו קונצן אונטערוועגנס". — און איך זע דאָך שוין, ז איך וועל מיט אים, נישט נאָר גאָרנישט מאַכן, נאָר ס'איז דאָך גאָרנישט דאָ מיט וועמען צו האַנדלען. לאָז איך שוין מיי נאָך, איך טו שוין דעם קליינעם אויך גאָרנישט.

— האָסטו געדאַרפן אַזויערנאָך אויסגעבאַרן דעם שטעקן, כדי איך זאָל אים נישט שלאָגן?..

שטייט ער, די הענט אַרונטער מיט דעם שטעקן טאַקע, דאָס פנים אַרויף צום בעליק, ווי ער וואָלט גאָרנישט געוווסט אויך, אַז דאָס, וואָס ער קאָן אַזעלכע שיינע „קונצלעך", איז עפּעס ווערט... אַז דאָס איז אַ גרויסע בריהשקייט אין זיין „פּראָפעסיע". און, אַז איך וואָלט עס אוודאי נישט געקאָנט...

— אויב אַזוי — זאָג איך — ביזטו דאָך טאַקע עפּעס ווערט... מעגסטו דאָך שוין האַנדלען מיט „אַמעריקאַנער באַבקעס".

פרעגט ער:

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— דאָ הי איז שוין אַמאָל געווען — זאָג איך אים — אַזאַ „טרופּע"־מענטש, וואָס איז אַדורכגעפאָרן און געוויזן קונצן. נאָר פון די אַלע קונצן האָט ער געהאַט צו לייגן די ציין אין בייטל אַריין, ווייל ער האָט פאַר זיי קיין אַרבעט נישט געהאַט... אַ מערכה ס'איז געווען זומער, האָט ער געקליבן יאַגדעס אין וואַלד... הכלל דערדאָזיקער „טרופּע"־מענטש, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט דאָ אַהער פון דער פרעמד און נישט געהאַט מיט וואָס צוריק אַוועק, האָט איינמאָל געגעבן אַ נעם ביי דער אַלטער באַבעלע־בעקערין פאַרדאַרטע, אַלטגעבאַקענע באַבעלעך, געלייגט זיי אין אַ קיישל, פאַרוויקלט שיין יעדעס באַזונדער אין איידל פּאַפּיר, און פונקט איז געווען אויך אַ מאַרק־טאָג, האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל אַרויס

אינמיטן מאַרק און אַ געשריי געטון אויף זיין קול, אַזוי ווי ער האָט געהאַט: „אַמעריקאַנסקע באַבקי, פּאָ שעסטש גראָשי“... זענען די פּויערים שיער נישט געהרגעט געוואָרן, ערשטנס, פון זיין „ריטש“, ווי אַ לייב, צווייטנס, פון לויפן צו אים קויפן... קעפּ אויף קעפּ! נו, וואָס זאָגסטו צו דער מעשה, אברהמלע? אויך אַ טרופּע-מענטש...

— נו, און ער האָט געמאַכט גענוג געלט אויף אַוועקצופאָרן?

— האָ, — קוק איך אים אין די אויגן אַריין — ס'איז טשעקאַווע? ווילסט וויסן?.. זאָג דעם אמת, אברהמטשעלע, איך בין דאָך אַ „גאַש בראַט“, אַ טאַטע דיינער, אַן אייגענער מענטש, הייסט עס, וואָס דאַרפסטו זיך שעמען?

— נו, יאָ — זאָגט ער — איך וויל וויסן...

— גיי אַריין, פרעג ביי בנימינדל שוסטער... ער האָט, דאַכט זיך מיר, איבערגעלאָזט ביי אים דאָס קיישל זאַכן...

און אום קליינעם ייִנג — זאָג איך — וואָס שטייט ערשט ווי אַ „ניעפּאָשטשיק“ ביי דער טיר, קוקט זיך צו צו דעם שפּיל, וואָס צווישן מיר און אברהמטשעלען גייט-אויף, און איז שטיל, איינגעבויגן, ווי ער קאָן קיין צוויי נישט ציילן.

— וואַרט, דיר וועל איך ערשט די ביינער צעברעכן. זאָלסט נישט מיינען, אַז די קונצן פון ברודער אברהמטשעלען וועלן דיך מציל זיין.

אָבער איך טענה צו אים נישט לענגער און צו אברהמטשעלען זאָג איך:

— פאַר מיר מעגסטו דאָך זיך נישט שעמען: דו קלייבסט אַמאָל יאַגדעס אין וואַלד? כ'מיין אַזוי אונטערוועגנס, אַז עס קומט אַמאָל אויס... ווען דו ביזט פויל אַמאָל אַריינצו-

גיין צום בעקער, שפּאַצירסטו דיר אַזוי אַריבער אין וואַלד אַריין?..

— וואָס איז דיין דאגה? — ענטפערט ער מיר. אָבער חלילה, אַ האָר נישט בייז, כאָטש איך שפּיר, אַז ער לייגט מיר די לעבער אויף דער האַנט... די אויגן זענען ביי אים טרויעריקלעך, דאָס פּנים בלאַסלעך, אָבער נישקשה, וועלט איז וועלט, הייסט עס, און די חן־גריבעלעך ביי אים שמייכלען...

עס איז פון די רעכטע סימנים — טראַכט איך מיר — אַז ער קלייבט שוין דווקא יאָ יאַגדעס אונטערוועגנס...

נו, — טראַכט איך מיר — אויף היינט וועלן זיי שוין האָבן געגוג מפּלה, איינמאָל פון מייטלען, דאָס צווייטע מאָל פון מיר.

— גייט פרעסן — זאָג איך צו זיי — קעלבאָסעס.

איך קוק ווי דער גרויסער עסט, נישט אומזיסט איז מען אונטערוועגנס. ער האָט זיך עפּעס אויסגעלערנט. אַז ער הייבט אָן אַ חלה ביי איין שפּיצל, פאָרט ער אַראָפּ ביז צום צווייטן...

— אָבער דו ווייסט, וואָס דער סוף איז געוועז פון יענעם?

— זאָג איך אים — די פויערים האָבן אים שיער דערמאַמיתט... זיי האָבן דערזען, אַז ער האָט זיי אָפּגענאַרט. ער איז אַנטלאָפן פון מאַרק אַראָפּ און בלויזן קאָפּ, און דאָס קיישל אויך איבערגעלאָזט... און הער — זאָג איך צו אים — דער סוף דיינער: דו וועסט אויך אויף דיין בעט נישט שטאַרבן...

ער קוקט מיך אָן. ס'איז אים אַ שאָד אַ רגע איבערצורייסן, כאָטש איין קיי מיט די ציין.

באַלד איז פייגע אויך געקומען אַהיים פון שול, און מען האָט זיך געזעצט עסן, ווי ביי אַ ייד יום־טוב.

אינדערמיט עסן, מען האַלט שוין ביי די פיש, פרעג איך אים, דעם גרעסערן:

— זאָג־זשע מיר, כ׳בעט דיך, איך זע דאָך, דעם הונגער האָסטו דיר שוין ב״ה אַביסל געשטילט, און דו קאָנסט דאָך מיר שוין אַלץ ענטפערן אַ וואָרט?

— נו פרעג. — זאָגט ער.

— וואָס האָסטו פאַראַיאָרן געמאַכט עפּעס אַ שטיקל מיט אַ פויער אונטערן „קאָשציאָל?”. ביזט געקומען צו פאָרן, האָסט אים געלאָזט שטיין מיטן פערד און וועגעלע אין גאַס, און גאָרנישט... האָסט דיך אַדורכגעגנבעט דורכן הויז אין מאַרק אַריין, אויף דער אַנדערער זייט אַרויס... מיינסטו, אַז דו וועסט נישט אַמאָל געהרגעט ווערען?

— וועל איך.

— נו, נו, גוט...

מער האָבן מיר שוין נישט געשמועסט. נאָר אָט, אַזוינס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי מיר אין שטוב דעם ערשטן טאָג יום־טוב, און כ׳האָב שוין געדאַנקט גאָט, אַז דער פּסח גייט אַוועק, איך זאָל פּטור ווערן פון די צרות.

נאָך יום־טוב, איך גיב אים הלבשה, — דער ייִנג, ער זיצט. ער פאָרט נישט, ער שמועסט גאָרנישט דערפון.

„אברהמעלע איז געוואָרן אויס „טרופּע”. — טראַכט איך מיר.

און אפשר טאַקע האָט דער ייִנג זיך מישב געווען צו ווערן ליייטיש, אפשר וועט ער זיך גאָר לאָזן רעדן אַ שידוך...

— אברהמטשע, — מאַך איך מיך קראַצן אונטערן אויער — ס׳פעלט דיר אפשר קליינגעלט אין וועג אַריין?..

איך האָב אַזוי געפרעגט, ווייל איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס דער ייִנג טראַכט ווייטער...

— ניין — זאָגט ער — כ׳וויל אַ ביסל אָפּרוען...

— אוודאי — זאָג איך אים — עס איז נישט קיין יושר שטענדיק צו האָרעווען...

— וואָס מיינסטו, — גיט ער אַ פרעג — איך האָרעווע נישט?

— כ'האָב שוין אַ סימן, — זאָג איך אים — כ'האָב דען נישט געזען. ווי די קאַמאַשן זענען געווען אויסגעדרייט...

— נו, טאָ שוין, — זאָגט ער — וואָס-זשע דען זאָגסטו אַז נישט?

— אדרבה, חלילה, רו דיך טאַקע אָפּ דאָ אַ ביסל. ווייניקסטנס, כאָטש ביז צו די יאָגדעס... פאָר נישט פריער אין וועג אַריין.

— גוט. — און ער בלייבט.

אברירה האָב איך? איך וועל דאָך אים נישט גיין אַרויסטרייבן.

דערביי טראַכט איך: גוט, וואָס דער קליינער ייִנג וועט האָבן מיט וועמען זיך אַרומצוהרגענען אין שטוב און וועט פאַרשפּאָרן פאַרפאַלן צו ווערן... איז דאָס אַליין שוין אויך פאַר מיר אַ שטיקל מציאה.

ליג איך אַזוי ביינאַכט אויפן געלעגער און זע — אברהמטשעלע גייט זיך אַראָפּ פון זיין געלעגער.

וואָס זאָל דאָס באַדייטן? אַ ייִנגערמאַן, וואָס קאָן אים דער שלאָף זיין געשטערט? ער האָט חלילה שלעכט פאַרדייעט, ס'מעגעלע זיך קאַליע געמאַכט? כ'מיין טאַקע, וואָס?

און איך זע דורך האַלב אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, בשעת איך מאַך זיך ווי גאָרנישט, גלייך כ'בין נישטאָ... יאָ... ער איז געריכט... דער שלאָף איז אים טאַקע געשטערט.

בייטאָג האָב איך אַריינגעלייגט אַ בייטעלע מיט זלאָטעס

אין די קאַמאַנדע, — ווייזט אויס, אַז דאָס לאָזט נישט רוען, וואָרן נאָכדעם, ווי ער גיט מיר אַ קוק אין די אויגן אַריין, צו איך שלאָף — אַ מערכה, דער לאָמפּ. האָט קוים געבליש־טשעט, אַזוי, אַז ער האָט נישט געקאָנט דערקענען אַקוראַט אין דער ניין חלקים פינצטערקייט, — האָט ער גלייך צומאַר־שירט, אויף די שפּיצן נעגל, באָרוועסערהייט און אין די בלויזע אונטערוועש, דאָרט אַהין, ווו מען דאַרף, — און איך ליג און קוק...

און איך טראַכט מיר זאָל איך אים פרעגן:

— אברהמטשעלע, ווי שפּעט איז?.. אָדער:

— אברהמטשעלע, טו כאָטש אָן די שטעק־לעטשלעך, קאָנסט זיך נאָך חלילה פאַרקילן...

נאָר וואָס זאָל איך לאַנג ברייען, אַז יענער שטייט שוין ביי דער קאַמאַנדע... אַז ס'איז שוין אפילו נישטאָ קיין צייט אויף צו טראַכטן. און כ'מיין טאַקע, כ'וועל וואַרטן, ברענגען אים, חלילה, צו אַ נסיון... ער זאָל אויפברעכן די אייבערשטע דעק, אָדער דער שוואַרץ־יאָר ווייסט עס, ווי אַזוי אַזעלכע לייט גיבן זיך אַן עצה...

זאָג איך אים פּראָסט־פּשוט:

— אברהמטשעלע, לאָז געמאַך... וואָס טויג עס דיר דאָרט?.. — און איך גיב אַ הוסט און זעץ מיר אויף אויפן בעט.

מיינער גיט זיך אַ קוק אום מיט אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן, אַז כ'האָב געמיינט, ער זינקט שוין איין אין דר'ערד אַריין.

— קום אַהער, — זאָג איך צו אים — אַברהמטשעלע, האָסט, מסתמא, נישט געלייענט קיין קריעת־שמע, דערפאַר בלאָנדזשעסטו ביינאַכט פון שלאָף.

נאָר, וואָס וועל איך גיין מיט אים טענהן, אַז מיינער

שטייט געפלעפט, פונקט ווי הענט און פיס וואָלטן אים, חלילה, אָפּגענומען געוואָרן און די צונג קאָן זיך נישט ביי אים אײַ־בערדרייען.

— נו, גיי שלאָפן, — זאָג איך, — וואָס ווען סטו דיר צעשלאָגן אַ נאַכט...

און איך גיי מיר אַראָפּ צו דער קאָמאָדע, נעם דאָס בייטעלע צו מייר אונטערן קישן.

ער אויך — טרעט צוריק צו צום געלעגער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

געדרייט זיך, געבעך, געקרעכצט, געאָכצט, אַמאָל אויף דער זייט, אַמאָל אויף יענער. ווי איך פאַרשטיי, האָט אים גוט געקרימפּלט אַ גאַנצע נאַכט אינעווייניק, נאָר וואָס קאָן איך אים העלפן?..

כּעלות־הבוקר, ווערט ער מיר פאַרפאַלן פון שטוב אַרויס, שאַ־שטיל, אפילו אָן אַ קוש די מזוזה, און — ואיננו. ער איז — קלער איך — ברוגז געוואָרן...

„כּן יתּן" ! — טראַכט איך מיר.

און האלבלעך בין איך צופרידן. דאָסמאָל איז ער אַוועק־געגאַנגען, ווי אַ גאַנץ באַשיידענער, ווי אַ זיידענער ייִנגער־מאַנטשיק, בשעת אַן אַנדערש מאָל פּטר איך אים נישט אָן קולות־וברקים.

„נישקשה — טראַכט איך — אַ פּאָר געזונטע פיס האָט ער, און אַרום 10 אויפן טאָג וועט ער שוין זיין אין אַ נאָענט שטעטל, וועט ער דאָרט איבערבייסן"...

איין זאַך אָבער: קיין געלט האָט ער גאָרנישט, אפילו אַ גראָשן נישט און קיין יאַגדעס בליען נאָך צומאָל נישט... צו זיי איז נאָך גאַנץ ווייט...

און איך טראַכט מיר ווייטער:

„האָב דיר אַכציק שוואַרץ יאָר, דו ייִנגאַטש. אין טאַטנס וועג טויג דיר נישט צו גיין? זאָל דיר אויסגיין אַזאַ סוף!"...
אוּן טאַקע, וואָס דען קאָן איך טון?
אוי, אוי, קינדער!
אָבער ס'איז נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעשעפּט מיין מעסטל.
ס'איז דאָ צו דערציילן נאָך שענערס...

שבת, דער זייגער האָט געמוזט זיין אַרום האַלב צוועלף פאַרמיטאָג, איך זיץ מיר ביים טיש בריות, כאָטש איין גאָט ווייסט, ווי אַזוי איך קאָן די אַלע צרות אַריבערטראָגן, און זינג מיר „יצוה צור חסדו", ווי עס געהער צו זיין, והנה בא—דער „אוצר" איז דאָ...
אַזאַ קליין שטאָפּעטל, מיט אַ פאַרשמירט נעזל און אַ „ווײַדעלע" הינטן פון די מייטקעס אַרויס, קומט אַריינצולויפן:
— אברהמטשע האָט דיזאָטט — זאָגט ער — אַז איר זאָלט'ן דעבן אַ חלה...
— אַ דאַנצע — פרעג איך.
— יאָ, אַ דאַנצע חלה.
— ס'אַנדערע — זאָג איך — אברהמטשעלע איז דאָך גאָר נישטאָ הי...
לויפט ער אַרויס דער קליינער און זאָגט אים:
— דער טאַטע האָט דיזאָטט, אַז דו ביזט נישטאָ הי...
באַפעלט ער מיר אַריין, אַז:
— ער איז יאָ דאָ הי.
און איך אים צוריק:
— עס קאָן נישט זיין, ווייל אברהמטשעלע איז אַוועק שוין אַ גאַנצע וואָך, ווי אַ שטיין אין ים אַריין...

באַפעלט ער מיר אַריין, אַז:
— ער שטייט דאָ...
און איך אים, אַז:
— איך לאָז אים נישט אויף די שוועל אַרויף
געדויערט דאָס אַ לאַנגגערע צייט און ער ענטפערט מיר:
— ווי באַלד, איך שיק נישט אַרויס אַ חלה, גייט ער זיך שמדן...
זאָג איך:
— כ׳ווייס נישט צו וועלן גוים זיין אַ בעלן אויף אַזאַ פּרי?
ענטפערט ער:
— ווי באַלד איך וועל אים, נישט געבן קיין עסן, גייט ער צו דער „קאָראַלינע״ עסן חזיר.
זאָג איך:
— אויב מען וועט אים געבן אומזיסט, זאָל ער, מעג ער עסן...
ענטפערט ער
— אַז אַ ייד וויל עסן חזיר צאָלט מען אים נאָך צו.
זאָג איך:
— האָסטו דאָך אַ גוטע פּראָפּעסיע אין דער האַנט: וויפל קאָנסטו פאַרדינען אַ טאָג, ווען דו זאָלסט עסן אין פּיפּציק גויעשע שטובן חזיר?
ענטפערט ער שוין פּשוט:
— ער וויל אַ חלה... — אָבער שוין אָן „סטראַשאַקן״.
מילא, זאָג איך, אַבי דו בעטסט דיך שוין, אַבי דו ביזט געקומען צוריק צום טאַטן הינטערן פענצטער און דו שטייסט ווי אַ הונט, און דו ווייסט שוין ווי טייער קאָרן גילט, און, אַז אויב דו ווילסט, קאָן דיך דער טאַטע מעביר זיין, און איינגאַנבן דיך אויסמעקן פון זיין משפחה, און דו פאַרשטייסט

שוין אַליין דיין געפאַלנקייט און, אַז ס'איז אַך און ווי צו דיר, און אַ גרויסער רחמנות, געבעך; אַזאַ ליכטיקער יינג, מיט אַזעלכע שיינע אויגן און מינעלעך, אַז ס'איז גאָר אין דער וועלט נישט צו געפינען אַזוינס — מילא, וועל איך אויף דיר רחמנות האָבן, טאַקע „כּרחם אב על בנים" — מילא, וואָס פאַר אַ ברירה האָב איך? אַזאַ ליכטיקער יינג, דאָס האַרץ ברעכט זיך... וועל איך דיר צוריק אַריינלאָזן. נאָר צום ערשטן וויל איך גיין אָנקוקן מיין „אוצר" און איך עפן דאָס פענצ-טער אַרויסצוקוקן צו אים: ער זיצט, זע איך, אויפן ווענגל *) שוואַרץ ווי קויל.

„האַ — טראַכט איך — אַ שיינער פלאָקן-שיסער ביזטו אָן טאָטן?.. און געגעבכטיקט האָסטו ביי נטהלע „קאָניוף" אין שטאַל צווישן די פערד?.. און געגעבן צו עסן האָט ער דיר מכּות... — און איך שפּיר, אַז איך האָב נקמה גענומען אָן דעם יינג.

נאָר ער זיצט און הייבט קיין אויג נישט אויף.

VII

מיין „משומד" צום טיש... — טראַכט איך — אַ שיינער משומד, אַז סך-הכל ליגט אים דער מוטערס, עליה־השלום, גוטסקייט אויפן פּנים.

נעם איך אַ חלה און גיב אים אַ ווייז דורכן פענצטער...

שפרינגט ער צו, נאָר ער בלייבט שטיין און קוקט מיר אין די אויגן אַריין, צי איך וויל מיך נישט אַמאָל רייצן מיט אים.

---

*) אַ צאַפּן, ווינקל-שלאָס פון הויז.

זאָג איך אים:

— נאַ...

זאָגט ער:

— לייג אַנידער...

פרעג איך אים:

— וואָס ביזטו, אַ הונט?

זאָגט ער:

— לייג אַנידער, וועל איך דיר גלייבן...

זאָג איך אים:

— כ'האָב דאָך דיר אַ ברירה נישט צו געבן. וואָס דאַרף איך דען דיין גלייבן...

שפּרינגט צו משהלע און זאָגט:

— ווייז, טאַטע, וועל איך אים גיין אַרויסגעבן.

זאָג איך צו דעמדאָזיקן תּכשיט ווידער:

— וואָס ווילסטו, מוזשיק מיינער, ווי קומסטו דאָ אַהער?

— גיב אים, — זאָגט ער, דער גרויסער.

— קום אַהער צו, שייגעץ איינער, קום אַהער.

ער האַלט שוין נישט אויס און גייט צו.

— שווער — זאָג איך — איבער די ציצית, אַז דו וועסט שוין נישט...

— וואָס?

— דו ווייסט גאָר אַפילו גאָרנישט וואָס אויך?...

לאָזט ער אַראָפּ די אויגן:

— כ'וועל שוין נישט...

— וואָס וועסטו שוין נישט?

פאַרהאַקט ער זיך, קרעקט זיך. די צונג, זע איך, וויל אים נישט פאָלגן און ער שווייגט.

העלף איך אים אַרויס:

— בלאָנדזשען פון שלאָף וועסטו שוין נישט...

בלאָנדזשען פון שלאָף...— זאָגט ער נאָך.

און איך גיב אים אוועק די חלה.

— וויפל טאָג האָסטו שוין נישט געגעסן? פרעג איך

— דריי...— און ער וויל געבן אַ כאַפּ די חלה מיט אַ ריין צום מויל אַנטקעגן אַ שאַרף אויסגעשטעלטער וואַנט ציין.

— שטיי — זאָג איך; און לייג צו אַ פינגער צו דער נאָז. ער בלייבט שטעקן מיט אַן אויפגעמאַכט מויל אינדער־לופט.

— קום אַריין, שייגעץ, זיך וואַשן...

ער גייט אַריין.

— און קוגל ווילסטו דאָך אוודאי אויך?

און איך נעם זיך אַליין אַרום אים פּאָרען; און די טויבע פייגע קרעכצט, קוקנדיק אויף אים. און משהלע קוקט אים אַריין אין די אויגן, ווי איינעם, וואָס איז ניצול געוואָרן פון אַ גרויסער סכנה...

— נו, איצט וועסטו שוין וויסן, וואָס אַ שטוב הייסט. אַז נטהלע האָט דיר נישט דערלאַנגט אַפילו אַ שטיקל ברויט. פאַרן ליגן נאָר אין דעם שטאַל האָסטו געהויבן קובלעס וואַסער צו די פערד... האָט ער אַפילו די פערד נישט געוואָלט מטריח זיין צו דעם ברונעם, מען זאָל זיי אים נישט קיין עין־הרע געבן. ווען דו ווילסט עס אַזוי דעם טאַטן צוהעלפן אין שטוב. דאָס נישט, הא? אינדערפרעמד ערשט ווייסטו, ווי טייער קאָרן...

— פייגע — זאָג איך — איר האָט אַ שטיקל רעטעך, גיט אים דאָרט צום עסן... נו, הא, האָסט דיר אַ גוט שוואַרץ יאָר אויסגערעכט, האָסט געהאַט המנס סוף?

און איך קוק אויף אים, דעם יינגאַטש, מיט נקמה, ווי

ער עסט מיט ביידע באַקן. די ציין קנאַקן אַזש. און ער גיט נאָר אַלעמאָל אַ זייטיקן קוק אויף מיר.

— וואָס קוקסטו מיך אָן? — פרעג איך.

— גלאַט אַזוי — ענטפערט ער און ער האָט קיין צייט נישט.

פרעג איך אים נאָכאַמאָל:

— ווי שפּעט איז, אברהמלע, דו ווייסט נישט?

— ניין — ענטפערט ער, און ער האָט קיין צייט נישט.

— ווי הייסט, ווי לעבט עס אַ מענטש אָן אַ זייגער?

— ט׳האָסטו אַ זייגער אויף דער וואַנט. — ענטפערט ער מיר און האָט אַלץ קיין צייט נישט.

— זאָג נאָר — גיב איך אים אַ ריר ביי דער פּלייצע — און ווען מען זאָגט דיר ערשט, אַז עס ברענט?..

ער גיט מיך אַ קוק אָן, ווי אַ הונט, בשעת ער שטייט איבער אַ שיסל און מען גיט אים אַ צופּ ביי אַן אויער אינמיטן.

— פּרעס, פּרעס —זאָג איך צו אים — דערנאָך וועלן מיר שמועסן.

— נו, טאַטע, — זאָגט ער, גאָר אויפגעריכט, נאָכדעם ווי פייגע האָט אים שוין אַלץ אונטערגערוקט, וואָס זי האָט נאָר דערקרימט און דערקראַצט — ערשט קאָנען מיר שוין שמועסן...

— איצט שוין נישט — זאָג איך — מיר וועלן דאָס אָפּלייגן אויף מאָרגן, אויף נאָך שבת, אם־ירצה־השם.

ער גיט זיך אַ דריי אויף איין קנאַכל:

— נו, — זאָגט ער — איך קאָן באַשטיין...

— נו, גיי־זשע געזונטערהייט... זאָט ביזטו שוין?

— יאָ — זאָגט ער — נאָר ווילסט מיר שוין אַרויס־פּטרן?..

— ניין — זאָג איך — נאָר גיי דיר אַביסל שפּאַצירן נאָכן עסן. אַן אנצוג האָסטו דאָך שוין...

ער טוט אַ קוועטש מיט די פּלייצעס און לייגט זיך אַוועק אויפן בעטל.

— ער איז — זאָגט ער — מיד, ער האָט זיך שווער אָנגעגעסן...

צומאָרגנס, ער טרעט פון מיר נישט אָפּ: כ'האָב עפּעס געוואָלט מיט אים שמועסן...

טראַכט איך:

מיין אברהמלע ווערט אַ לייט...

און זאָג אים:

— הער, ווי לאַנג רעכנסטו צו זיין אַ „טרופּע”?

— קייגן וואָס פרעגסטו?

— וואָס הייסט — פרעג איך — קייגן וואָס? אינטערע־סירט מיך עפּעס, אָדער נישט?

— איך ווייס... — זאָגט ער.

— און ווי ווילסטו? ?

— איך וויל? — זאָגט ער — איך ווייס?..

— נו, אַז דו ווייסט נישט, ווייס איך דאָך אוודאי נישט.

— נו, וואָס דען זאָל איך טון?

— אַ מלאכה — זאָג איך צו אים.

— אַ מלאכה?

— יאָ, עס פּאַסט דיר נישט? ס'איז בעסער צו מפּסטן די גאַסן?

זאָגט ער:

— נו, גוט. וואָס פאַרע מלאכה?

— אָט אַזוי — זאָג איך — טענהסטו ווי אַ מענטש. פרעג, וועל איך דיר זאָגן...

— נו, גוט.

— ווייסטו וואָס — הייב איך אָן — אַ באַלעבאַטיש קינד, ווערסטו דאָך זיך ערשט נישט גיין לערנען קיין שוסטער, אָדער אַ שניידער צו זיין. און קיין וואַסער-טרעגער, אַזוי ווי דו האָסט עס שוין געטון ביי נטהלען, אוודאי נישט... פאָלג-זשע מיך, אַז עס זאָל זיין שיין פאַר גאָט און פאַר לייט, גיי אַריין צו טליתים־קטנים, צו מרים די טלית-מאַכערין, אָדער צו וואָלף טלית-מאַכער, וועט עס זיין אַ גוטע און אַ שיינע מלאכה. מילא, עסן און וואָס אַ מענטש דאַרף דאַרפסטו דאָך נישט זייערס, האָסטו דאָך אַ טאַטן, ביז הונדערט און צוואַנ־ציק יאָר.

— מילא — זאָגט ער — אַז דו ווילסט אַזוי, זאָל זיין...

„אוי — טראַכט איך — נישט גוט. אויב איך וויל? הייסט עס דאָך, אַז ער דאַרף זי גאָרנישט, די מלאכה. ער גייט עס טון פאַר מיינעטוועגן”...

— אברהמטשעלע — זאָג איך — וואָס־זשע דען וועט זיין דער תכלית?

— וואָס הייסט — זאָגט ער — מיר האָבן דאָך שוין אָפּגעשמועסט. איך גיי דאָך אַריין.

— אָבער פון גיין צו גיין — זאָג איך — איז דאָך אַ חילוק...

— וואָס פאַרע חילוק? — נעמט ער מיך אָנקוקן תמעוואַטע.

VIII

הכלל, קורץ דערפון, איך האָב זיך איבערגעלייגט: למאי־נפקא־מינה? — אַבי ער גייט, וואָס האָב איך ווייטער אויפצוקאָכן אַ קאַשע. צו דערגיין ביי אברהמלען אַ גרונט, צי ער טוט עס מיטן גאַנצן האַרץ, צי נישט — זאָל שוין זיין אַזוי...

— נו — זאָג איך — צו וועמען זאָלסטו גיין: צו מרימען אָדער צו וואָלפן?

— וווהין דו ווילסט — זאָגט ער.

זאָג איך:

— ניין, טויג נישט. דו דאַרפסט זאָגן וווהין דיך ציט בעסער...

שטייט ער און קלערט, און זאָגט:

— צו מרימען.

— אַזוי — זאָג איך — פאַרשטיי איך, ביזטו אַ מענטש.

וואָרן צו וואָלפן, האָב איך אַליין דערקלערט, איז נישט קיין אָרט פאַר זיינעטוועגן. יענער, דאָרט — אַ ייד, אַ ביי־זער, וואָס וואָרטשעט שטענדיק, האָט אַ באָרד אַ קאָלטענע־וואַטע, די וואָנסן אויבן שטענדיק פאַרגרינט פון טאַבאַק־שמעקן. און דאָ מיין אברהמעלע, אַ יינג ווי אַ ליכט, די הויט רעדט אויף אים — כ׳ווייס, אַ קאַטאָוועסל, אַ וואָס, אַ ווען... ער וועט מיט אים קיין איין טאָג נישט זיין אין שטוב, אָדער יענער וועט אים אַליין הייסן גיין, אָדער ער, אברהמעלע מיינער, וועט אַ פּאַטש געבן מיט די פליגל — און ער איז שוין נישטאָ.

— נו, גוט, — זאָג איך — גייסטו טאַקע צו מרימען.

וואָרן דאָ, ווי די מעשה: אַן אויפגערוימטע שטוב. בלומען-טעפּלעך אויף די פענצטער, זי האָט דאָך אַ שם פון

לאנג-אָן פּאָר אַ גרויסער ווערטאַנעס: איר צורוימצן, איר גיין אַרום אַ הויז. ס'שמעקט דאָך פון יעדן ווינקעלע. און דערצו נאָך, וואָס בעסער, ווי אַלץ: צוויי יינגען האָט זי ווי די „ריקים". וועט ער, מיינער, זיך דאָך האָבן אָן וואָס אָנצוהאַלטן. אַ יינג צווישן נאָך צוויי, ווי זיינסגלייכן, האָט עס דאָך שוין אים צו וואָס צוצובינדן, במילא, וועט ער זיך אויסלערנען די מלאכה... יאָ. וועלן, נישט וועלן — גאָרנישט, נישט אַריינגעקלערט.

גיי איך און טרעף מרימען, צווישן אַ טאָג און אַ נאַכט, ביי איר אין שטוב, און איך זאָג איר:

— מרים, ס'איז מיר אַ ביסל דערווידער. איך ווייס, אַז קיין מאַן האָסטו נישט. כ'ווייס נישט, צי דיר לוינט זיך דאָס גאָר, אַז דו זאָלסט זיך אָפּגעבן מיט אַזוינע זאַכן. נאָר פונדעסטוועגן לאָז אַריין מיין יינגל צו דיר אויף דער לער. נישקשה — זאָג איך — אַז ער וועט נאָר וועלן, וועט ער קאָנען ווערן אַ מענטש.

— וועלכער — פרעגט זי — דער קלענערער, דער גרעסערער?

אין פלוג האָט מיר אפילו אַ קלאַפּ געגעבן אין האַרץ. איך ווייס, אפשר לאַכט זי זיך אויס, אַז דער גרעסערער זאָל זיך ערשט גיין לערנען די מלאכה.

הייב איך אָן:

— ווי אַלט מיינסטו דען, איז דער גאַנצער יינג? כ'ווייס דאָרט... ער האָט נאָך, נישקשה, צייט מקבל צו זיין די תורה. אַז דו, מרים, וועסט נאָר וועלן...

גיב איך איר אַזוי אונטער אַ גוט וואָרט, כדי זי זאָל מיר, חלילה, נישט אָפּזאָגן.

— וואָרן איך — זאָג איך — מיין דעם גרעסערן.

— ניין — זאָגט זי — אדרבה זי וויל אויך דעם גרעסערן.

— אַזוי — זאָג איך — הונדערט יאָר זאָלסטו מיר לעבן. און שוין מאָרגן טאַקע, האַ?

— יאָ, פאַרוואָס נישט? ס׳קאָן אַפילו זיין פון באַלד אָן. וואָס, כ׳דאַרף דען עפעס מאַכן צוגרייטעכצן. ס׳אַנדערע, וואָס איז ער שוין דען, צוצולאָזן צו אַן אַרבעט? דאָס, הולאַי, איז דריי חדשים אַרום, אָט שטייען וואַרשטאַטן, די יינגלעך מיינע אַרבעטן, וועט ער זיך צוקוקן און בילסעכווייז צו העלפן.

— זייער גוט, זייער גוט. מילא, וועגן באַדינגונגען דאַרפן מיר דאָך נישט שמועסן.

— ניין — זאָגט זי — זאָל ער אַריינקומען; אין קעגנ-טייל. דעם גרעסערן נעם איך צו געהן. דער קלענערער — זאָגט זי — איז דאָך נאָך אַ גאָרנישט...

און זי איז אַ ווײַלע פרוי, אינגאַנצן אַלט אפשר אַ יאָר זעקס — אַכטאונדרייסיק: געזונט, שיין, די באַקן בליען, ווי ביי אַ רויז, אַ פאַרגעניגן אַזוינס צו האָבן פאַר אַ באַלעבאָסטע.

— ווייסטו-זשע וואָס, מרים — זאָג איך צו איר — עס וועט קאָנען זיין אפשר עפעס בעסערס אויך...

— מילא, עפעס בעסערס — זאָגט זי און זי שמייכלט דערביי — הלואי גאָט זאָל געבן...

און איך ווייס נישט, וואָס זי האָט בעת-מעשה געטראַכט, צי זי האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז איך גיב איר אַן אָנצו-הערעניש אויף דעם זון מיינעם, צי גאָר וועגן מיר אַליין, ווייל איך האָב דאָך אויך קיין ווייב נישט - נאָר זי שמייכלט...

גאַנץ גוט, און איך זאָג מיר אַ גוטע נאַכט. פאַרגעס אַפילו נישט צוטון אַ קוש די מזוזה, ווען איך גיי אַרויס. אַן אמתדיקע גוטע, איינגעפונדעוועטע שטוב. הלואי ביי מיינע גוטע פריינט נישט ערגער. און איך גיי מיר אַוועק.

— נו, אברהמעלע — זאָג איך צו אים — איצט, אַז גאָט האָט שוין געהאָלפן, אַז דו גייסט שוין יאָ אַ מאָל אַרויף אויף אַ גלייכן וועג, זאָלסטו אים כאָטש נישט זען צו פאַרקרימען, אברהמעלע.

און איך דערצייל אים די מעשה, אַז שוין...

— שוין — זאָגט ער — זאָל זיין מיט מזל... — און ער רייבט זיך די הענט.

איך פיר אים צו צו דער „סערוואַנטקע”:

— נאַ, מאַך איך אַ שנאַפּס — נעם איך אַרויס דאָס קאַרפּינקעלע. און ער וויל שוין געבן אַ כאַפּ מיטביידע הענט.

— וואַרט — זאָג איך — שייגעץ... וועלן מיר טרינקען לחיים, וועלן מיר זיך צווינטשעווען...

און איך זעץ זיך מיט אים אַנידער. איך גיס מיר אָן און נעם ביי אים די האַנט אויף „לחיים”. דערנאָך טרינקט ער, און פייגע זעט עפּעס צווישן אונז אַזאַ פרידן, און טויב איז זי, קאָן זי אונז נישט פאַרשטיין, וואָס צווישן אונז ביידע קומט פאָר; נאָר זי זיצט פונדער־ווייטנס און שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט: ס'וואָלט שוין לאַנג צייט געווען, אַז משיח זאָל קומען... זי איז דאָך טויב ווי די וואַנט, זי ווייסט דען עפּעס וואָס דאָ צווישן מיר און אברהמעלען שפּילט זיך אָפּ...

— יאָ — זאָג איך צו איר, מער מיטן קאָפּ, ווי מיטן מויל — אַ טלית־מאַכער...

IX

איי, וואָס טלית־מאַכער, ווען טלית־מאַכער, דאָס רעדט מען שוין צו איר נישט; דער קאָפּ אַרבעט אַזוי לאַנג, ביז ער דערגריבלט זיך אַליין עפּעס צו אַ שטיקל שכל... וואָרן מער שמועסן מיט

אַ טריבן, שמועסט מען נישט קיינמאָל, זינט די וועלט שטייט.

יאָ, אַ טלית-מאַכער... — און געגוג. אָט דאָס איז די גאַנצע שפּראַך, און איך האַלט נאָר איין דעם שייגעץ מיינעם, ער זאָל נישט צוגיין, באַלד איר אויפזינגען עפּעס אַ לידל אין די אויערן אַריין.

ער פירט זיך טאַקע אָרנטלעך און פייגע גיט אונז אויף וויעטשערע. דער קלענערער איז נישטאָ. ער בינו־לבינו פירט זיך אַזוי ווי ער האָט זיך געפירט.

אין מיטן דער נאַכט מאַכט זיך אַ שטורעם און אַ פּאַליע, עס רוישט און קאָכט דער גאַנצער דרויסן און אַ שלאַנגען-בליץ גיט אַ לייכט אַריין דורך די שפּאַרעס פון די לאָדנס, אַז איך מיין, די וועלט לייגט זיך איין. אָהאָ, זאָג איך, אַז מיין אברהמעלע גייט זיך לערנען אַ מלאכה, דאַרף זיך די וועלט איבערקערן.

און לייד איז מיר. איך דערמאָן זיך, אַז דער קליינער יונג איז נישט געווען ביי דעם וויעטשערע-עסן און, מן־הסתם, איז ער אין שטיבל אויך נישטאָ. נאָר וועמען וועל איך גיין פרעגן — פייגען? און אַרויסגיין ערשט אינדרויסן, איז חייב־מיתה, אַלע שלאָפן, נאָר איך ליג, און קאָן מיר קיין אָרט נישט געפינען.

קוים מיט צרות, אין אַ פּאָר שעה אַרום, עס האָט אויפגעהערט. איך טו זיך אָן, גיי אַרויס אינדרויסן, דער זייגער האָט געקלאָנגט זיין אַרום דריי פאַרטאָג: דאָס שטיבל שטייט אַליין איך גיי שוין אַרום אָן אַ קאָפּ. מיט דעם קליינעם יונג איז עפּעס נישט גלאַטיק, עפּעס גאָרנישט קיין גוטס. אַ קלייניקייט!

נאָר אברהמעלע גייט זיך דערוויילע צומאָרגנס צו מרים׳ען אויף דער לער. עס גייען אַריבער עטלעכע טעג. מען גיט מיר אָפּ גרוסן, אַז ער זיצט דאָרט געזונט, נאָר וואָס דען: טאָג

מיט נאַכט דאָס געזאַנג און געקלאַנג פון די לידער זיינע דורך די אָפענע פענצטער, אַזוי אַז מען ווייסט שוין אין דער גאַנ-צער שטאָט צו קומען הינטער מרימס פענצטער צוהערן אברהמלען... און מען שטייט טאַקע דאָרט שטענדיק, יידן און להבדיל, גויים; ווער עס גייט פאַרביי.

נאָר, מיר וועלן אים לאָזן שטיין. ער איז שוין, דאַנקן גאָט, אויף אַן אָרט, דאַכט זיך; און מיר וועלן זיך נעמען צום קלענערן „קעלבאַס"...

מיר איז די זאַך שטאַרק קראַטיש*) אויף אַלע בילער געזאָגט, וואָס פאַרע נחת כ'האָב פון די צוויי פיצלעך קינדער. איך קלער מיר: אפשר פירן אים חברים אַראָפ פון וועג? ער האָט אָבער נישט אַזעלכע. זיינע חברים זענען די בעסטע פון שטאָט. איינער — דעם גרעסטן גבירס אַן אייניקל. דער פאָטער זיינער איז אַ למדן. אַליין אַפילו נישט רייך, האָט אָבער אַ שפּייז-געוועלבל, און עס פירט זיך אַ גאַנץ אָרנטלעך הויז, ווי ביי אַן אָרנטלעכן ייד. ווער שמועסט דער זיידע פונם חבר זיינעם: ס'איז נישטאָ דאָס מאָל, ווען דער „בלענדעווער" קומט צו פאָרן, ער זאָל נישט איינשטיין ביי אים. און גלאַט אַזוי, אַן אדם־חשוב, און דאָזאָר פון שטאָט. נו, זאָל מיר גיין עפּעס איינפאַלן אויף אַזאַ שטייגער קינד, אַן אייניקל פון דעם דאָזיקן ייד? פאַרשטייט זיך, אַז נישט. דער צווייטער חבר זיינער ווידער, איז דעם היגן גרעסטן שניט-קרעמערס אַ ייגגל; איך ווייס, דער שענסטער מענטש פון שטאָט. אַ ייד אַ חסיד. איך שטעל מיך אויפן קאָפּ און קלער-נאָך און זוך-נאָך: — ווי זענען זיינע גענג און מיט וועמען?... וואָרן כ'וועל אים פרעגן, ווען אַפילו איך זאָל שוין ביינאַונביינציק

*) אויפפאַלנדיק, באַומרויקנדיק.

חלקים יאָ וויסן און איין חלק נישט — לייקנט ער זיי מיר אָפּ די ניינאונניינציק חלקים און איך בלייב ביי גאָרנישט.

— נו, — זאָג איך — משהלע. איצט גייט דיין סדרה. ווי האַלט עס מיט דיר עפּעס אינדערוועלט?

— וואָס הייסט, מיט דיר? — מאַכט ער.

— זעסט דאָך, מיט אים, אַברהמעלען, בין איך שוין גע־ליווכט צו גאָט, פּטור דערווייל, אלא וואָס שפּעטער וועט זיין, קלערט מען נאָך נישט, וואָרן דערווייל טוט ער דאָס, וואָס דער טאַטע הייסט אים. כ'האָב אים געהייסן גיין צו אַ מלאכה גייט ער. און צווישן אונז גערעדט: אַז אַברהמעלע האָט גע־קאָנט האָרכן, מעגסטו דיך אויך אָנהייב, איינהערן אין טאַטנס רייד. וואָרן וואָס וויל דען אַ טאַטע? זאָלסט גיין גנבענען, זאָלסט גיין, חלילה, מענטשן הרגענען, אָדער כ'וויס עפּעס וואָס אַזוינס, וואָס מען דאַרף אים נישט פאָלגן? אמת, זאָג איך, ס'הייבן זיך שוין ביי דיר באַלד אויך אָן די בחורישע יאָרן. שוין קיין עין־הרע, זיבעצן יאָר, נישט אייביק פאָלגט מען אַ טאַטן, אָבער דאָס וועסטו צייט האָבן שפּעטער, אם־ירצה־השם, נאָך דער חתונה... אָבער איצט, די יאָרן רוקן זיך, ווער דערווייל אַ שטיקל מענטש, אפשר וועסטו טאַקע — נישט חתונה, מיין איך, נאָר דערווייל ווערן אַזוי אַ חתן? וואָס קאָנסטו דערצו דערלייגן? האָסט געוואָלט אַ שטיבל, האָב איך דיר עס געגעבן.

און אינמיטן גיב איך אים אַ פאָר אַריין:

— און הער, משהלע. דו מיין נישט, אַז ווייל איך האָב מיך ביז אַהער נישט געהאַט קיין צייט אומצוקוקן, צוליב דעם ברודער דיינעם, איידער איך האָב שוין מיט אים דורכגעבראָכן צו אַ שטיקל תכלית, אַז איך וויס נישט, אַז דו ווערסט פאַרפאַלן אויף גאַנצע נעכט. אַז אין דער שטורעם־נאַכט, ווען

האָט דעכער אַראָפּגעטראָגן, ביזטו נישט געשלאָפן אינדערהיים...
מיין נישט, אַז איך ווייס נישט...

און איך שפּיר, אַז כ'בין שוין צופיל אַריינגעפאָרן און אַז אָט-אָט האָב איך אים אַליין אַרויסגעפירט אויפן וועג, ער זאָל אַרויספּלאַצן:

— נו, ווייסטו...

און דעמאָלט, ווען אַ קינד ענטפערט שוין אַזוי, זענען שוין פאַרשפּילט אַלע פעסטונגען... וואָרן ס'איז עפּעס פאַראַן אַ בריהשאַפט קייגן אַ קינד? וואָס וועסטו אים טון? אַראָפּטרייבן די קאַטשקעס פון וואַסער?

שטיי איך שוין אין איין שרעק, וואָס ער, דערדאָזיקער שנעק, וועט מיר ענטפערן...

נאָר, געלויבט צו גאָט, ס'איז אַראָפּ גלאַטיק. ער האָט געשוויגן מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— כ'מיין, משהלע — זאָג איך צו אים — אַז דו שפּירסט אַליין אויך, אַז דער טאַטע איז נישט אומגערעכט און ער רעדט נישט, חלילה, פון וועג; איז וואָס-זשע וועט טאַקע זיין דער תכלית?

— לאָז מיך אָפּ — זאָגט ער, — אויפן ווינטער וועל איך מיך נעמען צום לערנען.

— כ'מיין אָבער — זאָג איך צו אים — אַז דו האָסט שוין באַלד פאַרגעסן, וועלכע מסכתא דו האַלטסט...

— נו — זאָגט ער — וועל איך מיך צוריק דערמאַנען.

ער באַקומט ווידער פון מיר אַ קניפּ אין בעקל אַריין און אַ ציי ביים אויער:

— געדענק, שייגעץ... — און דערמיט ענדיקט עס זיך.

נאָר ערב־סוכות, קיינער איז נישט געווען אינדערהיים, אויסער די אַלטע פייגע. איך גיי אין שטיבל אַריין אַרויפּ-

ציען דעם פליגל, ווייל דאָס שטיבל איז אין איינוועגס אַ סוכה אויך — ווערט דער סוד אַנטפּלעקט. איך גיב אַ קוק: סאַמע אונטער דער „סטרעכע“ אויפן בוידעם, ווו מען דאַרף זיך שוין איינבייגן, אָדער גאָר אַנידערלייגן אויף צו קאָנען אַרונטערקריכן, שטייען אָנגעשטעלט אפשר פערציק, אָדער פופציק באַניעס, איינע גרעסער פאַר דער אַנדערער, טייל איני גאַנצן ווייס, טייל אינגאַנצן שוואַרץ, אַנדערע זענען ווידער געשטרייפט מיט געלע פאַסן, און נאָך אַנדערע — מיט גראָע. דאָס אַלץ האָב איך דערזען אָט איצט, ווען איך האָב זיי צו־געקאָליערט צו דעם אַרויפגאַנג פון דעם בוידעם און באַקוקט אין דער ליכטיקייט.

X

מילא אַזוי — טראַכט איך מיר — ווייסט מען דאָך שוין, ווו משהלע איז געוועזן אין די נעכט פון פאַרפאַלן ווערן! הייסט עס, אַז ער האָט בדלות געשטעלט אַלע גערטנער פון אַרום שטאָט. דעם מיט אַ באַניע און דעם מיט אַ באַניע. מיין משהלע איז אַ כהן, זאָג איך, ער נעמט תרומה־ומעשר...

און אַז ער קומט אַ היים, זאָג איך אים:

— משהלע, האָסט געזען, דער פליגל פון דער סוכה איז שוין אָפן?...

ער בלייבט דערשראָקן, בלאַס, ווי קרייט; ער האָט גאָר־נישט באַמערקט, ווייזט אויס, אַריינגייענדיק פון גאַס אויפן הויף און ער שטאַמלט ערשט איצט: מי־יודע, צי כ׳האָב אים נישט צעבראָכן...

— שרעק דיך נישט — זאָג איך — ווער נישט אַזוי בלייך; — דיין אוצר איז אָפּגעהיט, דיין אוצר איז געבליבן

גאַנץ... נאָר אפשר קאָנסטו מיר זאָגן אונטער וועלכן בוים דו האָסט דיך דעמאָלט באַשיצט אויפן פעלד פאַר דעם דונער און שלאַגס-רעגן אין דעם שטורעם, וואָס איז דעמאָלט געווען ביינאַכט ?...

און אפשר איז אַ טאַטנס האַרץ נישט קיין נביא ? אַ נביא, ווי איך בין אַ ייד — וואָרן זיין לעבן איז דעמאָלט געהאָנגען אויף אַ האָר, ווי איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן ! — אָט האָט זיך געמאַכט חושך — און אָט איז שוין אַ שלאַגס-רעגן און ער האָט שוין קיין צייט נישט, ווען צו אַנטלויפן און אויך נישט וווהין. ער כאַפּט און לויפט אַרונטער אונטער אַ בוים אויפן נאַקעטיקן פעלד, נאָר דער בוים, ווייזט אויס, האָט אים נישט גענוג געשיצט, ווייל דאָס איז געווען אַ הויכער בוים און צו די צווייגן איז געווען ווייט אַרויף, האָט ער גע-כאַפּט און איז אַריבערגעלאָפן צו אַן אַנטקייגנאיבער-שטייענ-דיק יענגל-ביימל, וואָס איז קיילעכדיק, ווי אַ קאַפּל, און די צווייגן לייגן זיך ביז צו דער ערד. איז ער דאָרט אַהין אַרונטער, און איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט זיך אויסצו-שטרעקן מיטן קאָפּ אונטער די צווייגן, פּלוצלינג : בוך ! עס גיט אַ קלאַפּ אַ דונער אין דעם גרויסן בוים, פון הינטער וועלכן ער איז נאָר-וואָס אַפּער ; און אַ קנאַק — דער בוים ליגט שוין...

נו, איז מיט אים קיין נס נישט געשען ? — נאָר גאָרנישט...

און אַז איך פרעג אים :

— משהלע, וועלכן שכר־טרחה וועסטו האָבן פאַר דעם זומער, וואָס דו האָסט זיך אַזוי פלייסיק געמיט ?

ענטפערט ער מיר :

— כ׳וועל מאַכן פון פינף באַניעס פינף לאַמטערן אין דער סוכּה אַריין... מיט עפּעס, ווי הענג-לייכטער...

נו, איז עס נישט קיין קינד?.. קאָן מען פון אַזוינס עפּעס
פֿאַרלאַנגען אַ תּכלית, אַ געשעפֿט, אַ מעשה? און דער צווייטער
שמדאַלניק איז עס דען נישט דעסגלייכן? און איך לייג אַריין,
מי־יודע וואָס אין דעם; גאָט ווייסט, ווי זיי זענען
שעדלעך פֿאַר דער וועלט. און קריכן פֿון וועג אַראָפּ. איבער
דעם האָב איך מיך אויך ערשט יום־טוב געפרייט מיט מיינע
קינדער: געזעסן אין דער סוכּה און געשפּילט אַן עונג־יום־טוב,
שוין פֿאַר פּסח אויך...

די משוגעַנע אין דאָרף

אויף דעם לובלינער שאָסיי פאָר איך איינמאָל ביי־נאַכט מיט אַ פורמאַן, אַ ייִנגער ייִנג מיט ברייטלעכע פּלייצעס. ביידע זיצן מיר שטיל, און דאָס וועגעלע שאָקלט זיך מיט אונז, לייכט רוישנדיק איבערן שטיין-געפּרעסטן וועג. ווייט פינקלען שטערנדלעך, צאַנקען און ציטערן, ווי איינגראָבנדיק זיך טיף, טיף אין דער טונקעלער נאַכט... אַ קיל ימים-נוראימדיק ווינטל האַלזט מיך, גלעט מיר דאָס פּנים, פאָכט מיר איבער די אויערן און זשומט־צו לייכט, שטיל... דער טונקל-בלאָער הימל הילט אַרום דאָס פעלד אין אַ קיילעכדיקן שטח, טיף געבייגט צו דער ערד, און שטיל איז אַלץ ווי די נאַכט. ווייט אַרום שלאָפט דאָס פעלד איינגעהילט אין אַ זילבער-ווייסן טוי-שלייער, אויף וועלכן עס שאָטנט זיך ווי חלומות-געדאַנקען די צעוואָרפן-שטייענדיקע ביימלעך. אַ פאַרזאָרגטע בלאַסע לבנה, און ווי פאַרטראַכט אין רעיונות, הערט זי זיך איין אינם שאָרך פון די בלעטלעך אויף די וויגנדיקע שפּיצן ביימער. באַזילבערט מיט דעם לבנה-שיין, בלאַנקען צוויי שורות קאַלך-ווייסע שטיי-נער אויף ביידע זייטן שאָסיי, און מיר פאָרן אינדערמיט, טריט ביי טריט.

דער פורמאַן, זעט אויס, דרעמלט, און איך זיץ הינטער זיינע ברייטע פּלייצעס פאַרטראַכטערהייט, און קוק איבער זיין קאָפּ אין וייטן העלן וועג אַריין.

וייט, ביי דעם רעכטן זייט וועג, שוואַרצן זיך צוויי טונקעלע פלעקן, אַז מיר קומען נענטער, איז עס דעכער פון צווי געביידעס. דאָ קוקט זיך אום דער פורמאַן און זאָגט, אַז ער שטעלט זיך פּאַשען דאָס פערד. מ׳פאָרט אַריבער איבער אַ הילצערן בריקל, וואָס איבערן וואַסערל קעגן ביידע הייזער, און דאָס וועגעלע שטעלט זיך פאַר דער טיר פון איין הויז.

ביידע זענען גרויס אויסגעלומפּטע מיט אָפּגעשיילטע ליימענע ווענט. פון איין האַלב הויז, ווו מיר שטייען, זענען צו ביידע לאָדנס, נאָר דורך דער אויסגעשטיטענער האַלבער־לבנה אין איין לאָדן, פאַלט אַרויס אַ ליכטיקער שטראַל, אויסציִענדיק זיך ביז הינטערן פערדס בויך. די פענצטער פון אַנדערן האַלבן הויז, זענען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער... דאָס צווייטע הויז פון דעם, האָט פון צוויי זייטן צוויי גרויסע איינפאָר־טויערן, נאָר צעשפּאָלטן און אויסגעקרימט. די הוילע פענצטער, ווי אייגנלעכער פון אַ סקעלעט, קוקן מיט אַ פינצטערן בליק אין דער וויטער וועלט אַריין... זיי זוכן אפשר פאַרפאַלענע סוחרים און באַלעגאָלעס מיט געלאָדענע בריקעס?... פאַרטראַכט קוקט די לבנה אויף דעם אויסגעדרייטן צעהוידערטן דאַך, וואָס דרעמלט, דאַכט זיך, פאַרטיפט אין אַלטע זכרונות. ווייט ערגעץ, קרייעט אַ האָן. איך קוק מיך אום — נאָך אַ מענגע צעזייעטע דעכלעך פאַרזונקען אין אַ טאָל, וועלכע די נאַכט האָט פאַרפשופט אין אַ לאַנגן טיפן חלום, וואָס וועבט זיך צוזאַמען מיט מיליאָנען זילבערנע פעדעם, וואָס שפּראָצן אַרויס פון דער בלאַנקער לבנה. פלוצלינג טוט דאָס פערד אַ שנאָרך, איך קוק מיך אום — דער פורמאַן שטייט און הענגט עס אָן אַ זעקל האָבער. איך שפּרינג אַראָפּ אויף דר׳ערד, און שטייענדיק אָנגעלענט אָן וועגעלע, עפן איך מיין זייגערל — פונקט צוועלף!

אין שטוב איז עפּעס אַ גערודער הער איך, און פלוצלינג

מישט עס זיך צונויף מיט פאַרדומפּענע קולות... „וואָס איז דאָס?" קנייטשט מיין פורמאַן די פּלייצעס, אויסשטעלנדיק זיינע פינקלענדיקע אויגן צום לאָדן, ווו עס לייכט זיך. ער רוקט זיך צו נענטער און לייגט צו דאָס לינקע אויער, קוקנדיק אויף מיר, וואָס איך וועל זאָגן דערצו.

— ווער וווינט דאָ? — פרעג איך.

— אַן אלמנה! — ענטפערט ער, אַראָפּלאָזנדיק די בליקן אויף זיין ברוסט, און רוקט זיך אָפּ פון לאָדן.

— איינע אַליין? — וויל איך וויסן.

— אַ טאָכטער מיט אַן איידעם אויך. דאָס איז איר, דער טאָכטערס קול, איר הערט?..

— וואָס שרייט זי?

— אַ נביא בין איך? קומט אַריין, וועלן מיר וויסן! — ענטפערט ער, צוגייענדיק צו דער הויז-טיר, און דערלאַנגט דאָרט עטלעכע קלעפּ מיט דער פויסט, פון וועלכע די טיר האָט אַ גרילץ געטון.

באַלד דערהערט זיך פון אינעווייניק אַ ווייבעריש קול:

— ווער איז עס?

— עפנט, פעסעלע! — שרייט דער יינג.

— מ'קאָן נישט ערשט! — ענטפערט דאָס קול.

— מ'קאָן נישט? — פרעגט ער מיט אַ באַהאַלטענעם כעס — אַזוי... נו, וועל איך קאָנען!..

— ווער איז עס? ווער, דו, יאָסל?..

— איך, איך! — שרייט ער בייז, און צו מיר ווענדט ער זיך מיט אַ פייערדיקן בליק, נאָר מיט אַ ווייבערן כאָן — אוי, אַ רוח אין איר מאַמען אַריין, זי קען מיך שוין גאָר-נישט...

די קייטל קלינגט־אָפּ און די טיר עפנט זיך. אויף דער

שוועל באַווייזט זיך אַ יידענע אין אַ טונקל קליידל מיט אַ דערע אויף די אַקסלען און אַ ווייס ציפּעקל אויפן קאָפּ. איר בלאַס פּנים קעגן שיין פון דער לבנה, דריקט־אויס שרעק און אומצופרידנקייט.

— יאָסל, — הייבט זי אָן — איך האָב דיך שוין שיער נישט דערקענט.

— נו, נו, מ׳ווייסט שוין... — טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי ער וויל נישט הערן; און צו מיר גיט ער אַ ווונק, איך זאָל אים נאָכגיין.

די יידענע, ווי ברוגזדיק, רוקט זיך צוריק הינטערוויי־לעכץ, און עפנט אין הויז נאָך אַ טיר, און מיר גייען איר נאָך אין שטוב אַריין.

אַריינקומענדיק, בלייב איך שטיין ביי דער טיר. פינצטער איז, האָב איך מורא אַ פוס צו שטעלן, דאָך, אין דער וואַנט, קעגן מיר, לייכט זיך פון אַ קליין קיילעכדיק פענצטערל. דאָרט איז אפנים, נאָך אַ חדרל. די יידענע איז צוגעגאַנגען, און צוזאַמען מיטן פענצטערל עפנט זי אַ טיר. דאָ ווערט דערווייל אַביסל ליכטיקער און איך רוק מיך שוין אַריין אינ־דערמיט שטוב. די יידענע איז אַריין אין צווייטן חדר און באַלד קומט זי צוריק צו אונז מיט אַ ברענענדיק לעמפל אין דער האַנט.

איך דערזע פאַר מיר אַ קרעמער־טישל, אַ געקעסטלטע שאַנק ביי דער וואַנט, ווו עס ליגן פעקלעך פאַפּיראָסן, טאַבאַק דריטער סאָרט, סטערין־ליכט, עטלעכע פעקלעך ציקאָריע און אַ סך פודלעס גילזעס... גאָר הויך איז אויסגעשטעלט עטלעכע פאַפּירענע האַלבע און פולע בייטלען, און אין עק — נאָך אַ גלעזערנער סלאָי מיט געטריקנטע קאַווע. אַ חוץ דעם, שטייען ביי דער זייט טיש, אויף אַ ברעט ביז דער סאַמע ערד, צוויי

האַלבע זעקלעך מעל, איין זעקל זאַלץ און אַ בלעכענע ביינקע מיט אַ זייטיק גיס-רערל, אַרויסגעשטאַרט קרום-אויס מיטן מיי-לעכל קעגן פּאַטענט אויף דער וואַנט.

— דאַרפסט האָבער? — פרעגט פּעסעלע, צוגייענדיק צו יאָסלען און לייכט אים אין פּנים אַריין.

— איידער כ׳וועל פאָרן! דערווייל עסט עס... — ענט-פערט יאָסל, זשמורענדיק די אויגן קעגן ליכט.

— ווער וועט שפּעטער קלעטערן, דער האָבער איז אין קאַמער.

— קלעטערן? נישט, דאַרף מען נישט!..

— אָבי געריסן פון שלאָף, — פירט זי אָן דאָס לעמפּל קעגן דער טיר און דרייט זיך אויס.

— שטייט נאָר, שטייט! וועמען?

— נו וועמען? — קוקט זי זיך צוריק אום און הייבט אויף דאָס לעמפּל העכער צו יאָסלס פּנים.

— אייך? אַז מ׳הערט הינטערן לאָדן קולות... זענט איר געשלאָפן? דער באָבען דערציילט!

— שונא ישראל, יאָסל קרוין! — מאַכט זי אַ וויי-האַר-ציקע מינע — איך וועל די ערד קילן פאַר דער צייט.

— וואָס איז?

— גאָרנישט, אַלץ דאָס אייגענע, דאָס משוגעת טרעט נישט אָפּ פון איר איין רגע. זי רעכט דאָס מיר צו נעכט, איז אַ קלאָג צו דער מאַמעס קאָפּ — קלאָגט זי זיך, צולייגנ-דיק אַ האַנט צום הויטיקן פּנים און די דלאָניע פאַרשטעלט די שוואַמען-געבראָטענע ליפּעלעך.

— מ׳זאָגט דאָך: איר זענט שולדיק.

— אוי קינד, וואָס דו ביזט! אַ מאַמע, אַ זינדיקע מאַמע איז שולדיק אין אַ דבוק? פרעג די שכנים אין דאָרף...

— וואָס, ער שרייט אַרויס פון איר?

— וואָס דען? דאָ שרייט זי, דער דבוק הייסט עס, די וואָס שעלטן דער מאַמען, דאָ שעלט זי דעם רבין, וואָרום די אַלטע לייט ציטערן פאַר אַ רבין און האָבן אים פיינט.

— און דעם מאַן?

— מילא... זי שעלט אפילו נישט, נאָר משוגע, באַהאַלט זי זיך פאַר אים.

— מ׳זאָגט דאָך, אַז זי וויל אים נישט.

— זאָל מען די קלאָגן!

— איך האָב עס פון איר אַליין געהערט.

— גוט. געהערט! שעלטן דער מאַמען, אָדער שעלטן דעם רבין, ווייס זי וואָס זי רעדט? דאָס אַנדערע, וואָס גייט וועמען אָן?

— טאָקע נישט, אָט שמועסט מען.

— נו שוין, נו... — האָקט זי אָפּ און דרייט זיך אַוועק מיטן לעמפּל צו דער טיר, נאָר איך פאַרהאַלט זי ווידער און פרעג:

— אפשר איז דאָ אַ גלאָז טיי?

— עס קאָן באַלד זיין, צייט עטלעכע מינוט.

— גוט! — טו איך אַ שאָקל מיטן קאָפּ, און זי מיטן לעמפּל אין דער האַנט ווערט נעלם אין צווייטן חדר אַריין.

— ווען מיר זיין אין דער פינצטער? — פרעג איך יאָסלען.

— ווילט איר, גייט אַריין... — ווייזט ער מיט דער האַנט צום ליכטיקן פענצטערל.

— און איר?

— איך נישט, איך וויל דאָ זיין...

— זאָל מען אָנצינדן אַ ליכט, װעל איך באַצאָלן. — זאָג איך.

— פּעסעלע! — רופט ער.

זי קומט אַרײַן.

— װאָס איז? באַלד איז דער טיי...

— נײן, צינדט אָן אַ ליכט, אַ פּירערדיק ליכט. — זאָגט ער איר.

זי נעמט אַרױס פון דער שאַנק אַ ליכט, צינדט עס אָן און דערלאַנגט עס יאָסלען.

— איך בין שולדיק, זאָגט מען? באַגראָבן אַזאַ יונג בלוט, אַ װײַבל אַ צדיקת, מילא, האָסט זי דאָך געקענט, און הסתּם בין איך זי נישט װערט, ערשט לײגט מען מיר נאָך שטײנער אױפן האַרץ... געבליבן די צװײ שװעלבעלעך, און דאָ דער ייִנגערמאַן קלעפּט אָן דער שטוב, מיך האַלט ער פּשוט פאַר אַ מאַמען, װאָס־זשע זאָל אַ מאַמע, אַ פאַרביטערטע מאַמע, טון, װען זי האָט נאָך אַ דערװאַקסענע בתולה? דעם ייִנגנמאַן אַרױסיאָגן, די שװעלבעלעך פאַריאָגן צו אַ שטיפמאַמען און דאָס מײדל חתונה מאַכן מיט אַ פרעמדן טײוול?

— מילא, האָט איר דאָך געטון, הײסט עס!..

— אַודאי האָב איך געמײנט, אַז די װוּנד אין האַרץ װעט אַביסל פאַרצױגן װערן... ערשט, אַ גאָטס שטראָף... זאָלסט מיר לעבן, יאָסל, פאַר מײן געשמדטן האַלז האָב איך דאָס געטון? חלילה נישט אָנגעפרעגט דעם רבין? װײס איך! אַ צדיקס ענטפער, זאָגט מען, דאַרף מען פאַרשטײן, און אַז איך האָב אים געפרעגט און דערצײלט, װאָס איך קלער צו טון, האָט ער געענטפערט: „אודאי איז אַ שאָד די קינדער זאָלן פאַריתומט װערן!” װאָס, זאָלסטו מיר לעבן, האָט ער אַנדערש געמײנט?.. ערשט נעכטן געװען אין שטאָט, װידער אָפּגעטרעטן...

זיין זכות-אבות זאָלן מיר ביישטיין! האָט ער מיר געגעבן שאָפּעכץ פון טייפלס-פינגער און פאַרשפּראָכענעם בוימל. מילא, קאָסט עטלעכע גילדן, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין. אפשר וועט זיך גאָט פאָרט מרחם זיין, און וועלכע מאַמע גיט עס נישט אַוועק דאָס העמד פון זיך פאַר איר קינד?

יאָסל, גערירט פון די טרערן, וואָס הענגען אויף אירע איינגעשרומפּענע ציטערדיקע ברעמען, האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און ער רוקט זיך אָפּ אָן אַ זייט, זי ווידער גייט צוריק אין צווייטן חדר אַריין.

יאָסל זעצט זיך אויפן טיש, אַראָפּהענגענדיק די פיס און טריפט אָן דאָס ליכט נעבן זיך, דערווייל קומט פעסעלע צוריק מיט צוויי גלעזער טיי אין די הענט, זי שטעלט זיי אַוועק אויפן טיש און גייט באַלד צוריק אין חדר, פאַרמאַכנדיק נאָך זיך די טיר.

אָפּגעטרונקן דעם טיי, פאַררייכער איך אַ פּאַפּיראָס און בין יאָסלען אויך מכבד מיט איינעם.

מען רייכערט און מ׳שווייגט. דאָס ליכט-פלעמל ציט זיך צום בעליק מיט אַ העל-בלאָ לויטערקייט, צעשאָקלענדיק זיך שטיל און ערנסט ווי אַ צנועה צו ליכט-בענטשן. אויף דער מאַט-ליכטיקער וואַנט שטייט יאָסלס שאָטן, דאַכט זיך ער שלאָפט, אָדער גלאָט פאַרחלומט, און יאָסל אַליין זיצט שטיל, און פאַרטראַכט קוקט ער אויף דעם דין-איינגעלייגטן רויך, וואָס בלאָנדזשעט אין לופטן אויסגעשפּרייטערהייט, ווי אַ בלאָ טישטוכל און פלעכט זיך וויגנדיק און צעגייט ווי אַ לייכט וואָלקנדל, און וואָס לענגער אונזער שוויגן, אַלץ פאַרטראַכ-טער זעט יאָסל אויס, און אַ שטיל טרויעריק ניגונדל פייפט ער זיך צו. דאָס ברוינלעכע פּנים באַציט זיך אָפּט מיט אַ באַצערטע מינע, די בולטע אויגן הינטער די סאַמעט-שוואַרצע

ברעמען, שטייען ברייט-געעפנטע און קוקן פאַר זיך מיט אַ פאַרגליווערטן בליק, און די פולע צוזיפגעצויגענע ליפּעלעך, באַשאָטנט פון די שוואַרצע וואָנסעלעך, פייפן, דאַכט זיך, אָן זיין ידיעה. פאַרטיפט אין געדאַנקען, קאָן זיין, הערט ער נישט זיין אייגן ניגונדל, בפרט פעסעלעס רייד אין צווייטן חדר — אוודאי נישט; און איך רוק מיך צו אַליין צו דער טיר און וואַרף אַ בליק דורכן קליינעם שייבל.

אַ בעטל מיט צוויי שלאָפנדיקע קינדער אויבן־אָן שטייט אַ טיש מיט צוויי בעטן, איינס קעגן אַנדערן, שטייענדיק ביי די קאַלעך-געווייסטע ווענט. אין איינס זעט זיך פון הינטערן איבערבעט, צוגעדעקט ביזן האַלז, אַ בלאַסלעך פנים מיט אַ שוואַרץ בערדל און אַ קאַפּל אויפן קאָפּ, ביי וועלכן די אויגן קוקן שטיל צום צווייטן בעט, וווּ אַ יינג ווייבל מיט אַ גע-שטריקט ווייס קאָפּקעלע אויפן קאָפּ, ליגט, דאָס איבערבעט האַלב-אָפּגעדעקט און דאָס פנים איז ווייסער פאַרן העמד. אָן בעט אָנגעשפּאַרט שטייט פעסעלע און קוקט אויף דעם ווייבל מיט רחמנות-בעטנדיקע אויגן.

— ווי לאַנג איז דער שיעור זיך נאַריש צו מאַכן? — טענהט פעסעלע כמעט וויינענדיק — ווייניק נאָך דער מאַמעס בלוט פאַרגאָסן?

דאָס ווייבל שווייגט און קוקט טרויעריק אויף דעם ברענענדיקן לעמפּל, וואָס שטייט אויפן טיש, נעבן אַן אָפן ספרל.

— זע! — זאָגט ווידער פעסעלע — אַ מאַמע וויל נישט קיין שלעכטס, זי וויל נאָר, זאָלסט זיך נישט מאַכן קינדעריש, אדרבא, וווּ נאָך פירט זיך אַזוי אַ יידיש קינד? שוין אַכט וואָכן, אַכט באַשריגענע וואָכן פון דער חתונה, ווי צו מיר... ביזט חלילה אַרויס פון יידישן דת? ווייסטו וויפל קליפּות און

משחיתים דו באַשאַפסט דורך דיין עקשנות?.. גאָט ווײַס אוודאי נישט שווייגן און די אַלע דיינע משחיתים, הערסט, דיינע משחיתים, וועלן דיך אַליין אומברענגען און וואַרפן דיך אין כף-הקלע.

זי טרעט אָפּ פון בעט, לאַנגזאַם גייענדיק צו דער טיר. איך כאַפּ מיך אַװעק פון שייבל און שטיי שוין נעבן יאָפּלען.

די טיר עפנט זיך און פּעפּעלע רוקט זיך אַריין. זי נעמט די גלעזער און ברענגט נאָכאַמאָל טיי, און שווייגנדיק גייט זי צוריק, פאַרמאַכט די טיר נאָך זיך. באַלד כאַפּ איך מיין גלאָז טיי, און האַלטנדיק עס אין דער האַנט, רוק איך מיך ווידער צו צום שייבל...

— ווי צו די יאָר, — הייבט ווידער אָן פּעסעלע, צו־גייענדיק צום ווייבל — וו נאָך, ביי יידן, איז אַזוי?.. זע! — ווייזט זי איר אָן אויף דעם אָפענעם ספרל — זע, טאָכטער, וואָס אין די הייליקע תורה שטייט: פון איינמאָל אויפהאַלטן... ווערט באַשאַפן אַ משחית. און ווייסטו וואָס משחיתים און מהבלים זענען? אַ משחית פאַרברענט, פאַרברענט און באַשאַפט! הערסט, מרשעת, הערסט! פאַרברענט ווידער און באַשאַפט ווידער און טוט אַ שליידער אין כף־הקלע אַריין, אין כף־הקלע אַריין, הערסט ווי דו וועסט אַ שוואַרצן סוף האָבן, קיין שום תקומה!..

דאָ האָט די טאָכטער מיט האַס אַ קוק געטון אויף דער מוטער און אַ כאַפּ געטון דאָס איבערבעט איבערן קאָפּ. די מוטער פאַרברעכט די הענט, און אויפהייבנדיק די אויגן צום בעליק קנייטשט זי דאָס פּנים ווייטיקלעך.

— רבונו של עולם, — רעדט זי אויס פאַרביטערט — וואָס איז מיר צוהאַנענגעקומען? יענע טאָכטער צוגענומען און מיך געלאָזט. נעם מיך שוין צו. ווי כ׳האָב נאָר אַ זכות!.. — נעם

נעם, טאָכטער, — רײַסט זי איר אַראָפּ דאָס איבערבעט פֿון פּנים, — נעם דער מאַמעס האַרץ, לייג עס אויף ברענענדיקע קוילן, ווען עס שוין נישט געפּײַניקט ווערן אַזױפֿיל!

די טאָכטער באַהאַלט צוריק דאָס פּנים אין איבערבעט, און אַז די מוטער לאָזט נישט, טוט זי אַ קוק אַרויס און בלייזט אַרויס די צונג. דער מוטערס אויגן בלישטשען אויף מיט אַ פֿײַערל, זי רײַסט אַראָפּ דאָס איבערבעט צו דער ערד און נעמט לויפֿן איבער דער שטוב אויף און אָפּ. פּלוצלינג בלײַבט זי שטיין פֿאַרן בעט מיט אַ פֿינקלענדיקן בליק, און מיט אַ שניידנדיק קולעכל שרײַט זי אויס: — הולטייקע! אונטער מײַן דאַך זאָל אַזאַ זינד נישט געבּרענגט ווערן, איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל, לעב אָדער שטאַרב! — ענדיקט זי מיט שוים אויף די ציטערדיקע ליפּן און לויפֿט אַוועק צום קינדערשן בעטל, וווּ זי בייגט זיך אײַן און כאַפּט אַ שטריק אײַנגעלייגט אין צווייען און לויפֿט צוריק צו צו דער טאָכטער, וווּ זי ליגט אײַנגעקוואָרטשעט און טוליעט אין די נאַקעטע פֿיס הינטערן העמד, קוקנדיק אויף דער מוטער מיט אַ צעמישטן, דערשראָ־קענעם בליק, ווי זי שטייט איבער איר מיט דעם שטריק אין דער האַנט און שרײַט: — שוין גענוג זינד. גענוג צוגעדעקט, אויפֿגעדעקט מוז ווערן... אַ חטא אין מײַן שטוב, אַ חטא, אַ חטא אין שטוב!

— אַלטע קליפּה!.. — מורמלט שטיל די טאָכטער און וויל אָנכאַפּן דעם שטריק, וואָס ציטערט איבער איר אײַנגע־טוליעטן גוף אין דער מוטערס האַנט.

— קליפּה? אָט האָסטו אַ קליפּה!.. — לאָזט זי איר אַראָפּ אַ ריס מיטן טרוקענעם שטריק איבערן ווייכן לײַב.

דער יינגערמאַן אין בעט קעגנאיבער האָט אַ ציטער גע־טון אין דער רגע, גלײַך דער שטריק וואָלט זיך אים אין

זיין לייב איינגעשניטן, נאָר אָט דערהערט ער דעם ווייבלס יאָמערלעך געשריי... און זיינע אויגן און בלאַס פּנים פלאַמט אויף מיט אַ ווילדע נקמה. —

— זאָל זי וויסן וואָס הייסט עקשנות!.. — קילט ער זיך דאָס האַרץ — זאָל זי וויסן!..

פלוצלינג קריג איך אַ שטויס אין אָרעם, איך קוק מיך אום — יאָסל! דאָס האָט אים איר קול צוגעצויגן און ער קוקט דורכן שייבל...

אינעווייניק טומלט, די צוויי קינדערלעך אין בעטל זע־נען שוין אויפגעוועקט און זיי צאַפּלען זיך און שרייען, ווי יונגע עופהלעך ערב־יום־כּפּור באַגינען... נאָר פעסעלע טוט דאָס איריקע!

— נו, עפּעס גוט געווען?.. — קוקט זי אויף דער טאָכ־טער מיט נקמה־שמייכלענדיקע גיפטיקע בליקן — עפּעס גוט, האַ, ווי מיינסטו?..

— דערהרגע מיך!

— טאַקע אַזוי! אַזוי... אַזוי...

— געוואַלט, געוואַלט! — שרייט זי מיטן גאַנצן כּוח, איבערשרייענדיק די קינדערשע קולעכלעך, און זי וואַרפט זיך אַראָפּ מיט אַ האַלבן גוף פון בעט, אָנשפּאַרנדיק איין האַנט אויף דער ערד און מיט דער אַנדערער וויל זי אָנכאַפּן דאָס איבערבעט... די מוטער אַמפּערט זיך מיט איר, כאַפּט זי זיך צוריק און גראָבט איין דעם קאָפּ צווישן שטרוי אונטער דער פלאַכטע...

אין דער מינוט האָט יאָסל, אַ קריץ טוענדיק מיט די ציין, אַ ריס געטון די טיר — פאַרקייטלט!.. — ברומט ער, עטוואָס זיך איינקאָרטשענדיק און דערלאַנגט נאָכאַמאָל אַ שטויס מיטן אַקסל. די קייטל, אין יענער זייט, פלאַצט מיט רעש,

די טיר שפּרינגט-אָפּ און יאָסל וואַרפט זיך אַריין אין חדר ווילד צעטראָגן, די מוטער שפּרינגט-אָפּ מיט שרעק, און ער בלייבט שטיין עטלעכע טריט פאַרן בעט.

— דבורה! — דונערט זיין קול — האָסט זיך געהייסן הרגענען? ווער מען טוסטו אָפּ, דיין מאַמען? זי וועט דיך באַ-דויערן נאָכן טויט, מיינסטו?..

— דו שייגעץ, לאָבוס! — שפּרינגט-אַרויס פון צווייטן בעט דער ייִנגערמאַן אין די בלויזע גאַטקעס, ווילד און די פאות צעפּלאָשעט פאַר שרעק... — דו מחוצף, ביי מיר אין שטוב?..

— ביי דיר. — שפּרינגט יאָסל צו אים צו, אַריינהאַקנ-דיק, איינע נאָך די אַנדערע,ביידע פויסטן אין פּנים אַריין, און דער ייִנגערמאַן פאַלט אויף דער ערד, פאַרגאָסן אין בלוט.

— רוצח! — שרייט פּעסעלע, אָנכאַפּנדיק יאָסלען ביים אַרבל — רוצח, דערהרגעט אַ מענטש!

נאָר יאָסל הערט נישט; נישט איר, נישט די קינדערס געשריי, ער פילט אויך נישט, דאַכט זיך, ווי זי ציט אים דעם אַרבל, און מיט אָנגעשטרענגטע פיס, ווי פון שטאָל געגאָסן, דריקט ער דעם שטייענדיקן טריט, איבערגעבויגן רעדנדיק צום ליגנדיקן אין קרעכצן.

— נו, וואָס ליגסטו?.. דאָס שפּעטלע איז געבונדן, גיי צו, שעכט!.. א, וואַרט... גיכער וועסטו געטייט ווערן!—גלייכט ער זיך אויס, אַריינשטעקנדיק ביידע הענט אין די הויזן-קעשענעס. און אין זיינע אויגן שפּילט אַ בייזער שמייכל, פאַר-מישט מיט אַ ווילדער העזה צו קוקן אויף דעם בלוט-פאַרגאָ-סענעם פּנים.

אין דער רגע האָט אַ שרעקלעכער געדאַנק אין מיין מוח אויפגעבליצט — „אפשר אַ מעסער? וואָס זוכט ער אין

די קעשענעס?" און איך שפּרינג צו און שטופּ אים אָפּ מיט קראַפט.

— וואָס טוט איר? — שריי איך אויפגערעגט.

— איך טייט! — שרייט ער נאָך העכער, און די אויגן בליצן, קוקנדיק צעמישט אויף דעם יינגנמאַן.

— פאַרוואָס? אַ מענטשן!.. — שריי איך און האַלט אים ביים אָרעם.

— אַ מענטש איז דאָס? — שמייכלט ער ווילד — אַ ווייך שוואָמל, וואָס צעקוועטשט זיך אין דער האַנט!.. אַ בלעטל, וואָס ציטערט פון מינדסטן שאָקל!..

— אָבער וואָס האָט איר צו אים?

— זעט, אָ!.. — ווייזט ער מיט אַ פינגער אויף דעם ווייבל אין בעט.

נו וואָס?.. די מוטער!..

— אָבער ער איז דאָך געלעגן קעגנאיבער און געקוקט... זיינע שטילע אויגן האָבן דאָס געהייסן. אוי, איז דאָס אויגן, אויגן!..

— זאָל עס אים קרענקען!.. זיין ווייב... — שטיל איך איין יאָסלען.

— זיין ווייב, זיין ווייב! — זיפצט ער אָפּ, אַוועקמאַכנדיק מיט דער האַנט — פאַרפאַלן... לאָזט מיך אָפּ. איך בין שוין רויק. אַז זי איז זיין ווייב, לאָזט-זשע מיך אַרויס צו מיין פערד...

יאָסל איז אַרויס פון שטוב, און איך בלייב נאָך צו העלפן דער אַלטער, דעם יינגנמאַן אַרויפלייגן אויפן בעט.

ער בלוטיקט איין דאָס קישן, לייגט זי אים אונטער איר פאַרטוך אונטערן קאָפּ און ווישט אים דאָס בלוט פון פנים, קרעכצנדיק און שעלטנדיק.

דער ייִנגערמאַן איז בלאַס, די נאָז – פֿאַרשפּיצט, און די אויגן – פֿייכט, ווי פֿאַרגאָסן מיט טרערן, און רחמנותדיק קוקן זיי צום בעליק מיט אַ מידן בליק.

איך לייג אַנידער אויפֿן טיש עטלעכע קאָפּיקעס און וואַרף נאָך אַ בליק צום ווייבל אין בעט און גיי אַרויס פֿון שטוב.

יאָסל דרייט זיך אַרום נישט ווייט פֿון דער שטוב, דעם קאָפּ האַלט ער אַראָפּ צו דער ברוסט און פּייפֿט זיך ווידער צו עפּעס אַ מעלאָדיעלע, אַזוי זיס, אַזוי האַרציק טרויעריק, ווי אַ נשמה וואָלט זיך געקלאָגט דערינען, און טיילמאָל רייסן זיך די טענער שטאַרקער, העכער און בייזער, און איין טאָן יאָגט דעם צווייטן מיט אימפּעט, ווי די כוואַליעס אין טייך איינע די אַנדערע, ווען זיי צעשפּילן זיך אין אַ געוויטער. און דאָ האָט זיך שוין נישט געהערט קיין זיס־וויינענדיקע נשמה, נאָר ווי דער טייוול פֿון האַס און נקמה צעפֿלאַקערט זיך און ברענט מיט אַ ווילדן כעס. דאָס פֿערד, דאַכט זיך, הערט זיך איין אינעם באַלעבאָס פּייפֿן, און פֿאַרזונקען שטייט עס מיטן קאָפּ אין זעקל האָבער, איבערלייגנדיק די אויערן אַמאָל צום קאַרק, אַמאָל פֿון פֿאָרנט. אָנגעלענט מיט די פּלייצעס אָן וועגעלע, שטיי איך און קוק אויף יאָסלען, וועלכער באַמערקט מיך, דאַכט זיך, גאָרנישט און האַלט נאָר אין איין פּייפֿן, טרעטנדיק אויף און אָפּ איבערן סקריפּענדיקן זאַמד און קליינע שטיינדלעך, וואָס גלאַנצן קעגן דעם שיין פֿון דער לבנה.

פּלוצלינג בלייבט יאָסל שטיין און דאָס פּייפֿן ווערט, ווי אָפּגעשניטן. ער הייבט אויף דעם קאָפּ און קוקט מיך אָן

מיט אַ לאַנגן פאַרשנדיקן בליק, ווי איינער רעדט: ווי געפעלט דיר אַזאַ מעשה?..

נאָר איך שווייג און וויל אים נישט שטערן זיינע מחשבות. — ער איז — טראַכט איך — אַ קליינער רעדנער מיט אַ ברייטער, קרעפטיקער פאַנטאַזיע, וועלכע, ווען זי צעשפּילט זיך, איז זי אימשטאַנד צו שניידן אַ האַרץ, ווי מיט קאַלטע שטאָלערנע מעסערס, אָדער גלעטן עס מיט דער ווייכקייט פון אַ צערטלעך־געליבטער מיידלשער האַנט. ער רעדט אויך נישט אַ וואָרט, נאָר גייט צו צום פערד, טוט עס אַ פּעטשל אין רוקן, איבערגליטשנדיק די האַנט צום קאַרק, און מיט דער אַנדערער האַנט טוט ער אַ שאָקל אונטער דעם זעקל האָבער. דאָס פערד טוט אַ צאַפּל מיטן קאָפּ אינדערהייך און לאָזט אים צוריק אַראָפּ רויק, איבערלייגנדיק די אויערן צום קאַרק, און פאַרטיפט זיך אין עסן. — עס, באַשקאַ! — טוט ער אַ גלעט דעם פערד הינטערן בויך, צוגייענדיק צום וועגעלע וווּ איך שטיי. ער זוכט עפּעס הינטער מיינע פּלייצעס אין רווישנדיקן שטרוי, ביז ער נעמט אַרויס די בייטש פון דאָרט. אַצינד באַקוקט ער דאָס טרעלדזל און דעם קניפּ. און טוט אַ פּאָך אין דער שטילער לופט אַריין. ער לאָזט צוריק אַראָפּ די האַנט מיטן בייטש־שטעקל צו דער ערד און דער צווייטער עק פאָרט אַרום איבערן זאַמד, קריצנדיק אַ זיג־זאַג, און די בייטש שלענגלט זיך נאָך... ער קוקט עפּעס שטיל אויף די צייכנס, וואָס דאָס שטעקעלע קריצט אויס אין זאַמד, און ער שווייגט, שטייענדיק נעבן מיר. נאָר דאָס שווייגן, דאַכט זיך מיר, פרעסט זיין נשמה, און מיר דאַכט, אַז ער וויל גערן איך זאָל אים עפּעס פרעגן, כאָטש וואָס עס איז, כאָטש אָנהייבן... נאָר אַז איך ווייס נישט פון וואָס — הייבט ער אָן.

— נו, ווי געפעלט אייך די היינטיקע נאַכט?.. — פרעגט

ער שטיל אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי ער איז זיך גאַרנישט מכין צו רעדן.

— זייער שיין, די לבנה שיינט!.. — ווייז איך אים מיט אַ בליק צום הימל, און קוק אים אין פּנים אַריין, וואָס פאַר אַ רושם עס מאַכט...

— אַזוי? טאַקע?.. גאָטס וווּנדער!.. שמייכלט ער שפּאָ־טיש און דרייט זיך אַוועק, שעלמיש אַ הייב טוענדיק די אַקסלען.

— שטייט נאָר, שטייט! — צי איך אים צוריק — וואָס מיינט איר?

— נישט דאָס, צו וואָס אייער ענטפער איז! — קוקט ער מיר שאַרף אין די אויגן אַריין — איר זענט דאָך מאָדיש געקליידט און מן־הסתם אַ געלערנטער מענטש, נו, פאַלט איר אַריין מיט אַן ענטפער פון הודו ביז כוש?..

— מיינט איר אפשר אייער נאַכט?.. — כאַפּ איך צוריק.

— אודאי נישט קיין לבנה מיט שטערן... נאָר מיין נאַכט, טאַקע!..

— אינטערעסירט מיך זייער, נאָר איך פאַרשטיי נישט...

— ווילט איר, הייסט עס, יאָ פאַרשטיין? — פרעגט ער מיט פייערלעך אין די אויגן.

— מיטן גאַנצן לעבן!

— לאָזט־זשע אייך דינען און הערט אַ מעשה, וועט איר שוין וויסן, צי בין איך אַ רוצח...

„אויף דעם וועג דאָ, פאָר איך גאַנץ אָפט. ווייל דער עיקר פאַרדינסטלעך מיינע איז אויף דעם טראַקט, און שטענ־דיק שטעל איך מיך דאָ פּאַשען, טאַקע שטענדיק פון צייט אָן איך פאָר; און פאָרן, דאַרפט איר וויסן, פאָר איך שוין נישט

פון היינט און נישט פון נעכטן, נאָר פון נאָך מיין טאַטנס טויט אָן, אַזוי גרויס, ווי אַ יאָר פינף, וואָרום אַ מאַמע, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, האָב איך, אַ שוועסטער אויך, דאַרף מען דאָך עסן, האָב איך מיר דעמאָלט געמאַכט דאָס געשפּאַן. יאָ... פאָר איך מיר דאָ גאַנץ אָפּט אַדורך און שטעל מיך דאָ אויף אַ שעה, אָדער צוויי. די דבורהלע טאַקע, וואָס איר האָט געזען, איז נאָך געווען אַ מיידל, און פלעגט זי מיך נאָר דערזען דורך דעם פענצטער — מיטן קוק, זי שטייט שוין פאַר דער טיר מיט אַ גלעזעכטערל און פרייט זיך, גלייך דער טאַטע וואָלט איר אויפגעשטאַנען... פאַרשטייט איר מיך, קורץ דערפון, מיך און אפילו מיין פערד האָט זי נישט געוווּסט, ווו דאָס אָרט אָפּצוגעבן. דאָס שענסטע עסן און טרינקען, נישט חלילה אומזיסט; ביי „אונזערע ברידער" גייט דאָס נישט; אלא מיר פאַרהאַלטן זיך גוט, דאָס גייט אין אַ באַזונדערן וועג, וואָרום איך, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך מיך ליב צו שטעלן אָרנטלעך, ווען ווער באַהאַנדלט מיך גוט. און זי, אַלץ הייסט גוט!.. שטעלט אייך פאָר: נישט איינמאָל פלעגט זי מיר זאָגן: דיך פאַר אַ ברודער וואָלט איך מיר געווּנטשן! אַזוי געטריי... איך איר, ווי דער אמת, אויך דאָס אייגענע. וואָרום אַזוינס צו הערן פון אַ פרעמד מיידל, פילט מען, ווי דאָס האַרץ ווערט ווייך, צעלאָזט ווי פּוטער אויף וואַרעם ברויט... פאַרוואָס ווידער נישט? איך זאָג אייך דעם אמת, מיט מיין שוועסטער, טייםמאָל, גיבן מיר זיך אַ קללה אויך; און דאָ, די דבורהלע, ווי אַ שיינע גוטע טויב... שטעלט אייך פאָר: דאָ, למשל, שטייט מיין פערד, פלעגט זי טייםמאָל צוגיין, געבן עס אַ גלעט איבערן רוקן... דאַכט זיך דאָך אַ תענוג, אַז אַ פרעמדער לויעט און גלעט מיין פערד? נאָר צופיל... און איך האָב אַזש נישט געקאָנט קוקן... די אויגן ווילן זיך עפּעס צומאַכן

פֿאַר גוטסקייט, דריי איך מיך אַוועק און מאַך מיך גאָר קוקן אויפֿן דאַך... כאָטש עס העלפֿט נישט, ווייל הינטער די פּלייצעס, ווייס איך, גלעט זי מיין פערד... און אַ ווייך, וואַרעם ווינטל, פֿיל איך, גייט אַדורך אין די ביינער, גלייך נישט דאָס פערד, נאָר מיך גלעט זי דאָס אויפֿן גאָלן לייב. און נאָר דאָס אַליין? שטעלט אייך פֿאָר, אָט קום איך, למשל, צופֿאָרן און טרעף פּונקט אין שטוב איז אָפּגעקאָכט אָנבייסן, אַלע גייען עסן, נאָר דבורהלע נישט, וואָס איז? זי וויל איך זאָל אויך מיטעסן! און אַלע אין שטוב ווילן דאָס, די מוטער וועט חלילה נישט חושד זיין... ווייל אין דאָרף — פּשוט אַ גוטע! און טאַקע דער אמת — אַזוי איז דאָך!.. מיר איז דאָס אָבער נישט ליב געווען, איך פֿיל, אַז זי וויל מיך מכבד זיין, און „אונזערס אַ ברודער”, פֿאַרשטייט איר מיך, שטייט נישט נאָך אַזעלכע זאַכן. זעט איר, אַ פּאָר גילדן דורכצולאָזן מיט אַ גוטן ברודער, בין איך שטענדיק גרייט, און אויף אַזעלכע גליקן בין איך אַ טויטער... נאָר אָפּזאָגן איר קאָן איך נישט, און איך זע שוין, אַז איך מוז אַריינפֿאַלן... ווידער טרייסט איך מיך — איך וועל פּרווון באַצאָלן נאָך דעם עסן — און אַזוי האָב איך געגעסן דאָס ערשטע מאָל, דערנאָך, איך וויל באַצאָלן, — אַ נעכטיקער טאָג! „פֿאַר האָבער און פֿאַר פּאַפּיראָסן — זאָגט זי — קומט צו באַצאָלן”... און דערביי שמייכלען די קליינע ליפּעלעך אַזוי זיס און די אויגן קוקן מיט אַזאַ גנבישן בליק, ווי איינער רעדט „אָפּגעפּרייערט!”... נו, ווי קלערט איר? מיינער איז נאָך נישט דער גאַנצער פּרייער! זי פֿאַרקוקט זיך, פּוץ איך מיך צו צו איר קעשענע און לאָז איר דאָרט אַראָפּ אַ זילבערנע מטבע... קיטש! איך ווער לינק פֿון שטוב אַרויס און וואַרף שוין אויפֿן וועגעלע, — היידאַ, טרעט אָפּ וואַסקאַ!.. גיב איך אַ צופּ מיין פערדל און אַ שאָקל מיט די לייטשעס.

ערשט אויפן שאָסיי האָב איך מיך אומגעקוקט צו דער שטוב און דערזען, ווי דבורהלע שטייט אויף דער שוועל און קוקט מיר נאָך, און פּונווייטנס נייגט זי מיר צו מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט — „פאַר געזונטערהייט!" — „זיי געזונט!"— טראַכט איך מיר און גיב דעם פערד אַ געלאַסענעם טריט, כּדי מיר זאָלן זיך לענגער אָנקוקן, איך און דבורהלע.

אין עטלעכע טעג אַרום פאָר איך ווידער אַדורך און שטעל מיך צו געבן דעם פערד אַ טרונק. איך האָב נאָך דעם קובל נישט אָפּגעבונדן פון וואָסינג, און דבורהלע שטייט מיר שוין הינטער די פּלייצעס. — אַזוי, — מאַכט זי צו מיר, — אַזוי לייגט מען אַריין? נעם, זיי מוחל, צוריק! — שטופּט זי מיר אַ ווייסן גילדן אין דער האַנט אַריין. — אַ לינקער שטומפּ!.. — ענטפער איך און פּוץ מיך אָפּ, ווי איך ווייס פון גאָרנישט. זי אָבער טענהט נישט קיין סך און שווערט איבער איר געזונט, אַז איך מוז צוריקנעמען. כאַפּ איך אַ שוויג און נעם דעם גילדן און לייג אים אַריין אין קעשענע, פאַר דאָס, שפּעטער, ווען זי האָט מיך ווידער געוואָלט מכבד זיין מיט מילעכדיקן באָרשט, זאָג איך: — ניין! ווי קלערט איר, און זי האָט יאָ געגעסן? אַ נעכטיקער טאָג! זי איז אַריין אין שטוב, געשטעלט זיך ביים פענצטער און קוקט אַרויס צו מיר. איך ווידער שטיי, אָן ווערעלע אָנגעלענט, און קוק צו איר, און ביידע שוויגן מיר, נאָר אירע אויגן רעדן, בעטן זיך עפּעס, אפשר איך זאָל אַריינגיין אין שטוב, ווער ווייסט? נאָר דאָסמאָל האָב איך מיך איינגעשפּאַרט — נישט! און אַזוי איז געווען. איך בין אָוועקגעפאָרן ווייטער און אפילו נישט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צו געזעגענען, אפילו נישט אומגעקוקט זיך, טאָמער גריסט זי מיך...

צומאָרגנס, איך פאָר צוריק, שטעל איך מיך דאָ פּאַשען,

דבורהלע דערזעט מיך פאַרן פענצטער, קומט זי אַרויס און שטעלט זיך אויף דער שוועל. דאָס פּנים איז בלאַס, ווי קרייד, די אויגן — טרויעריק און מאַט, ווי פאַרטראַכט, און אַזוי שטיל, אַזוי רויק זעט זי אויס, ווי אַ הון, ווען זי שטייט הינטערן אָפּדעכל און קוקט אַפּער אויפן פאַרוואָלקנטן הימל...

איך גיי צו.

— דבורהלע — זאָג איך — וואָס איז דיר?

— גאָרנישט! — ענטפערט זי און טרערן שטעלן זיך אין די אויגן...

— ביזט עפּעס בלאַס — זאָג איך און מיך נעמט אָן אַ רחמנות.

— בלאַס? — מאַכט זי — אפשר, איך בין נישט אויס־גערוט.

— ביזט דען נישט געשלאָפן ביינאַכט?

— ניין! — ענטפערט זי קוים.

— פאַרוואָס?

— דו ווייסט שוין! — זאָגט זי און קערט אָפּ דאָס פּנים אָן אַ זייט אוןווישט זיך די אויגן מיטן פאַרטוכל.

— זאָלן מיר אַזוי ביידע נישט וויסן פון קיין שלעכטס!— פאַרענטפער איך מיך און ווער שטאַרק צעקאָכט.

— פאַרוואָס נעכטן האָסטו דיך אפילו נישט אומגע־קוקט?..

— אַ נייע מעשה! — זאָג איך — ווי קומט איינס צום אַנדערן? דורך דעם שלאָפט מען נישט?

— ניין! — זאָגט זי — עס האָט מיר באַנג געטון, וואָס איך האָב דיך געגנייט צו נעמען דעם גילדן...

— איבער אַ גילדן גייט עס? עס איז דיר אַ שאָד?

אָט האָסטו דריי, אַבי שלאָף! — נעם איך אַרויס מיין בייטעלע.

— און אַז איך וועל נעמען, וועסטו שוין נישט זיין ברוגז? — פרעגט זי מיט אַ שמייכל, און די אויגן בליש־טשען פייכט פון טרערן.

— ניין! — ענטפער איך, כאָטש אין מיר טראַכט איך: ווען האָט מיך גאָר געחלומט פון אַ ברוגז?..

— דריי — נישט! — דעם איינעם גילדן — זאָגט זי קען איך נעמען.

— זאָל זיין! — ענטפער איך, האַלטנדיק דריי גילדנס אויף דער האַנט.

— וועסטו שוין נישט זיין ברוגז?..

— ניין! — זאָג איך איר נאָכאַמאָל צו, און זי נעמט אַראָפּ איין גילדן.

אַזוי איז אַוועק אַ לאַנגע צייט און מיר לעבן זיך גאַנץ פריינטלעך. מאַכט זיך אָבער אַן אומגליק; דעם פאַר פסח ווערט די עלטערע שוועסטער, דאָס ווייבל, קראַנק, און עס גייט נישט אַוועק קיין צען טעג, פונקט דעם אַנדערן טאָג יום־טוב, שטאַרבט זי, אַ ווייבל אַ גאָלד, און אַזוי היימיש, אַ שוועסטער, זאָג איך אייך! האָט עס מיך — ווי איך בין אַ ייד — ביים האַרץ געשניטן, און איך פלעג נישט קאָנען דער־נאָך אַריינקומען אין שטוב, בפרט איר, דבורהלען, האָב איך נישט געקאָנט אין די אויגן אַריינקוקן. פריער — אַזוי היימ־לעך, אַזוי פריילעך, פלוצלינג — אַזאַ אומגליק! יעדעס ווינקל אין שטוב קלאָגט, די מוטער, צווישן צוויי ווערטער גיסן זיך די טרערן, און דבורהלע דרייט זיך אַזוי אַרום ווי אַ שאָטן, דאָס פנים איז בלאַס ווי די וואַנט, און טרויעריק, דעם קאָפּ

אַראָפּ, אַפילו די ווענט זעען אויס אומעטיק און עס טרייבט מיך פון שטוב אַרויס איר באַהאַלטענער צער...

נאָר איינמאָל, דעם זומער, פאַר שבועות איז עס געווען, פאָר איך מיט אַביסל חסידים צום רבין קיין קאָליבעל, דאָ אין אַ נאָענט שטעטל... ווייל איך מיך דאָ שטעלן, געבן דעם פערד אַ טרונק, לאָזן זיי נישט, די חסידים, און מאַכן אַ יעלה, איך זאָל פאָרן גשווינטער. נאָר ווער הערט זיי? מיין פערד, קלער איך מיר, איז קיין חסיד נישט און איילט זיך נישט צום רבינס שלום, פונדעסטוועגן, איבעריק צייט פאַרברענגען וויל איך אַליין נישט; פאָר איך נישט צו צום הויז, נאָר בלייב שטיין אויפן שאָסיי, פאַרן בריקל, און בינד־אָפּ דעם קובל און גיי צו דעם ברונעם, דאָ הינטערן הויז... איך טו אַ קוק — דבורהלע זיצט אויף דעם גראָז, בלאַס ווי אַ טויטע און דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי פאַרטראַכט. פּלוצלינג, זי האָט דערהערט די טריט מוז זיין, דערזעט זי מיך און די פאַרבן קומען איר אין פנים אַריין, ווי פאַרשעמט.

— וואָס זיצסטו אַזוי? — פרעג איך.

— איך ווייס אַליין נישט!.. — ענטפערט זי — איך זיץ גלאַט אַזוי, פאַרטראַכט האָב איך מיך.

און פאַרטראַכט האָט זי טאַקע אויסגעזען, און איך ווייס אַליין נישט, — מיר האָט זיך עפּעס געוואָלט וויסן דעמאָלט, וואָס זי טראַכט, נאָר פרעגן איז נישט מיין טבע. נעם איך אָנשעפּן אַ קובל וואַסער, און צום אַוועקגיין פרעגט זי מיך, ווען מיר קומט אויס צוריקצופאָרן. איך האָב איר געזאָגט און בין אַוועק צום וועגעלע.

אַז איך האָב אָפּגעשטעלט די חסידים אין רבינס הייפל אַריין, דאַכט זיך, קאָן איך שוין צוריקפאָרן? וואָרן ווער דאַרף מיך דאָרטן, אָדער ווער דאַרף איך? אפשר טאַנצן מיט די

לייפסערדאַקעס אין רעדל, אָדער זיך רייסן איבער אַ לעפל
אַרבעס־יויך? טאַקע, דער אמת, ווי קום איך?.. נישט לאַנג
געקלערט, דריי איך אויס דאָס וועגעלע און מאַך פּליטה.
„נישקשה, מיין פערד, – טראַכט איך מיר, — וועסט קריגן
ריינעם האָבער, לאָמיר זיך נאָר שטעלן פאַר דבורהלעס
טיר!” אַזוי איז טאַקע געווען, אַ גאַנצן טאָג נישט געפּאַשעט,
ערשט שפּעט ביינאַכט, ווען איר בין אַהער צוגעפאָרן, שפּאַן
איך אויס דאָס פערד און דריי עס אויס אין די האָלאָבלעס,
מיטן קאָפּ צום וועגעלע, און איך רוק עס אונטער דאָס זעקל
האָבער.

די לאָדנס זענען שוין געווען פאַרהאַמערט, נאָר אינע־
ווייניק לייכט זיך נאָך... און דורך די אויסגעשניטענע האַלבע
לבנה זע איך, ווי דבורהלע דרייט זיך אַרום איינע אַליין. מיך
האָט אפילו געגלוסט אַריינצוגיין, ווייל אַ גלעזל טיי האָט מיר
זייער געשמעקט, בפרט ביינאַכט; און אַ גאַנצן וועג, פאַרשטייט
איר מיך, קיין לעפל וואַרעם וואַסער אין מויל נישט געהאַט.
און דאָ, ווייס איך, מיטן קוק קאָכט זי מיר אויף טיי אין אַ
קופּערן פענדל. פונדעסטוועגן, בין איך מיך מישב, און וואַרף
מיך אַריין אין וועגעלע צווישן שטרוי און, ליג. שלאָפן האָב
איך נישט געקאָנט, האָלט איך גלאָט די אויגן פאַרמאַכט און
הער מיך איין, ווי דאָס פערד כראָפּעט מיר צוקאָפּנס...

פלוצלינג דערפיל איך, ווי אַ געדיכט פינצטערניש, ווי
אַ שאָטן האָט זיך מיר אָנגערוקט פאַרן פּנים; איך טו אַ מאַך־
אויף די אויגן: — דבורהלע איז עס!.. זי שטייט ביים וועגע־
לע, איינגעהילט אין אַ טיכל אויפן קאָפּ, און זי קוקט אויף
מיר... אַ ציטער האָט זי געטון, ווען איך האָב די אויגן גע־
עפנט, און זי פרעגט, ווי צעמישט: — „שלאָפסט שוין, יאָסל?”
איך האָב אַרויפגעהויבן דעם קאָפּ פאַר אַ סימן... און זי זאָגט

ווידער: — מ׳קאָן דיך נאָך אַוועקגנבֿענען!.. — און דערביי שמייכלט איר בלאַס פּנים.

— נישט אַזוי גיך! אַ צו־שווער פּעקל... — ענטפֿער איך.

— עס שלעפּערט דיך טאַקע? — פֿרעגט זי שטיל.

— ניין! —

— ליג נישט, קום אַראָפּ. — בעט זי זיך.

עס האָט מיך אַדורכגענומען איר בלאַס פּנים און אונטערטעניקע רייד און איך האָב איר צוליב געטון.

אַצינד זענען מיר שוין געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן, שטיל שווייגנדיק. די שטילקייט, האָב איך געפֿילט, האַלט מיך ווי אין אַ פּרעס, ווו איך האָב נישט קיין רשות אַ ריר צו טון מיט אַן אבר. און פֿאַרוואָס? פֿרעג איך מיך אַליין אין זיך; און בשעת מעשה פֿאַלט מיר איין אַ שכל איבער צו שלאָגן די שטילקייט, און טו אַ פֿרעג:

— הערסט, ווי דאָס פֿערד כראָפּעט?..

— איך הער, — זאָגט זי און לייגט נאָך צו:—וואָס זאָלן מיר שטיין דאָ? קום אַביסל ווייטער!

מיר גייען צו צום שאָסיי, און ביי דער זייט גראָבן, אויפֿן גראָז, זעצן מיר זיך.

זיצנדיק, קוקט זי אין הימל אַריין, גלייך זי האָט נישט מער אין זינען, ווי די שטילע שטערן, וואָס פֿינקלען איבער אונזערע קעפּ. איך, ווידער, פֿאַרקוק מיך גלאַט אין דער וועלט אַריין, און כאָטש איך האָב מער אין זינען אונז ביידע, ווי אַלץ אַרום, פֿונדעסטוועגן מאַך איך מיך ווי געפּגרט, און קוק גאָר אויף דעם איינגעבויגענעם ווירבע־בוים מיט די רוישנדיקע בלעטלעך, וואָס שטייט ביי דער אַנדערער זייט שאָסיי... אַלץ איז שטיל, און דבֿורהלע, אָן אָטעם, דאַכט זיך, קוקט פֿאַרטראַכט אויף די שטילע שטערן.

— וואָס זעסטו דאָרט? — האַלט איך נישט אויס.
— וואָס זאָל איך זען?
— ציילסט די שטערן?..
— איך זוך אַ שטערן, מיין שטערן — ענטפערט זי.
— נו, זעסט אים?
— ער איז דען אַזוי ליכטיק?.. — פרעגט זי און טוט אַ קוק אויף מיר, און בשעת מעשה שפּאַרט זי אָן דעם עלנ-בויגן אויף איר שויס, און דעם קאָפּ אויף דער שטייענדיקער האַנט, איך זאָל איר נישט קוקן אין פּנים אַריין.
— וואָס איז, דבורהלע? — נעם איך זי אָן ביי דער האַנט.
— גאָרנישט! — ענטפערט זי אָפּגעהאַקט.
זי בענקט, אַפּנים, נאָך דער שוועסטער, טראַכט איך מיר:
— נאָך אַזאַ שוועסטער, — זאָג איך, — איז טאַקע דאָ וואָס צו בענקען, נאָר איז זי דאָך שוין געשטאָרבן...
— ע, נישט דאָס! — זיפצט זי אָפּ.
— וואָס דען?
— וואָס איך לעב... — ציטערט איר קול, ווי צום וויינען.
איך בין שטיל געבליבן, די האַנט איז מיר עפּעס ווי אַליין אַוועקגעפאַלן, אַראָפּגעגליטשט פון אירע, און טיף אין האַרץ האָט עפּעס געצופּט אַ מין רחמנות...
— דו שווייגסט, — זאָגט זי, — שווייגסט! ביזט, הייסט עס מודה...
— איך שוויג, — ענטפער איך, ווי דער אמת — ווייל איך ווייס נישט וואָס צו זאָגן.
— דו שווייגסט, — חזרט זי איבער, — ווייל ס'איז גלייכער צו שוייגן...

— גלייב מיר, אַ נישט! איך ווייס טאַקע נישט, גלייב מיר. — פאַרענטפער איך מיך.

— גלייב מיר! איך וויל דיר גלייבן, ווי אַ קראַנקער וויל געזונט זיין, אָבער וואָס טויג בלויז גלייבן?..

— אָבער זאָג!.. לאָמיך וויסן! וואָס, זאָגסטו, ווייס איך? — ווער איך שוין בייז פון אירע געטאָקטע רייד, וואָס קאָכען אַ האַרץ אויסציִען. ווארום טאַקע דער אמת, מי יודע וואָס פאַר אַן אָנטשעפעניש! איך ווייס, זאָגט זי, וואָס זי איז טרויעריק, געהערט רייד פון אַ מיידל!

— ווייסטו נישט, — זאָגט זי — און ווילסטו וויסן? זאָג איך דיר! אַלציינס, צי פאַרברענט אין פייער, צי דער־טרונקען אין וואַסער... הער־זשע צוויי ווערטער: ווילסט מיך ראַטעווען? נעם־זשע מיך אַוועק פונדאַנען...

— פאַרוואָס, און וואוהין? — פרעג איך דערשראָקן פאַר אַ שלעכטע מחשבה... און מיר האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ.

— ווו דו ווילסט, אפילו אין דער ווייסל אַריין, אַבי אַרויס פון מיין מאַמעס שטוב. — פאַלט זי מיר אויפן האַרץ מיט אַ געוויין.

— אין דער ווייסל אַריין פירט מען נישט. ביזט אַ נאַ־ריש מיידל! — זאָג איך — נאָר קאָנסטו נישט זאָגן, וואָס איז דאָ פאַר אַ נייעס געוואָרן? — פרעג איך; נאָר זי הערט נישט, אָדער וויל נישט הערן, און זי טוליעט צו דעם קאָפּ צו מיין האַרץ, ווי אַ חדר־יינגל טוליעט זיך ביינאַכט צו דער מאַמען און שרעקט זיך פאַר אַ מעשה מיט גזלנים...

— וואָס איז געשען? — פרעג איך נאָכאַמאָל, און דאָס האַרץ צעגייט מיר פאַר רחמנות.

— דערווייל גאָרנישט, עס דאַרף ערשט געשען... — שיט

זי אויס, און טוט אַ ציטער מיטן גאַנצן גוף. — עס דאַרף ערשט געשען; מ'וויל מיך אַרונטערשטעלן מיטן שוואָגער אונטער איין חופּה...

ווי מיט אַ שטיק גלאָז מ'וואָלט מיר אַ ריס געטון אין מוח! די לעבער פּלאַצט מיר אַזש... נאָר איך האַלט מיך איין...

— וואָס־זשע קלערסטו, וואָס פאַר אַן עצה?

— אָ, ניין! — כאַפּט זי אַוועק דעם קאָפּ פון מיין האַרץ, ווי איך וואָלט איר אַ ביס געטון, און זי קוקט מיר שאַרף אין די אויגן אַריין — אַז דו האַלסט ערשט ביי פרעגן, וואָס איך קלער צו טון, איז אַ סוף... קער איך צום מלאך־המות!

— קערסט נישט! קערסט נישט!.. — כאַפּ איך זי אַרום און הייב זי אָן צו קושן — גלייב מיר, דבורהלע, אַז נישט... מיין קאָפּ גיב איך אַוועק פאַר דיר! — פאַל איך איר אַרויף אויפן אַקסל און וויין מיט . . . .

איך הפּשע, זי העשעט... זי גלעט מיך — שאַ... איך זי שאַ... נאָר מ'קאָן זיך נישט איינהאַלטן!

שטאַרק איך מיך:

— פאָרט אַזוי, וואָס טוט מען?

— זאָג דו, וואָס זאָל איך טון? — העשעט זי.

— זאָג דו, — בעט איך זיך נאָכאַמאָל.

— וואָס דו ווילסט טו מיט מיר!

— שטיי־זשע נאָר! — זאָג איך — ס'איז שוין אָפּגעשטעלט אַ זמן־חתונה?..

— יאָ, אָפּגעשמועסט אויף שבת נאָך שבועות, נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו וויינען, אַז... אַז איך וויל נישט אַזוי פריי... האָט מען אָפּגעלייגט אויף שבת־נחמו.

שאַ־זשע... — זאָג איך — איז שוין באַלד נישט אַזוי שלעכט. קאָן מען נאָך עפּעס אויפטון! איך וועל דיך נעמען, פאַרשטייסטו מיך, גאָר אין אַ פרעמדע שטאָט אַריין, קיין קאַ־אַ־ל־ושין, צו מיין מומען... און וועסט זען, גאָט וועט העלפן...

— וואַרט נישט, יאָסל! — גלעט זי מיך און בעט שטיל — וואַ־אַרט נישט, דאָס האַרץ שרעקט זיך מיר...

— שרעק דיך נישט, — גלעט איך זי איבער די ווייכע האָר — וועסט זען...

— ניין, יאָסל, ניין!..

— וואָס דען?

— נעם מיך שוין, כאָטש צו דיר אַהיים... — זאָגט זי שטיל, ווי פאַרשעמט.

דאָ בלייב איך שוין שטיין ווי צעמישט... עפּעס אַ קליי־ניקייט! איין אייגפאַל פון אַ מיידל! נעם זי אַהיים! — למשל איך טו שוין אַזוי: — שפּעט ביינאַכט קלאַפּ איך אָן אין לאָדן „מאַמע, עפן!“ זי קייטלט אויף די טיר און איך מיט דבורה־לען גיב מיר אַ קום אַריין - ברוך־הבא!.. די מאַמע מיינע, נישט קיין נאַרישע יידענע, פאַרשטייט אַן עסק... טוט ראשית אַ פרעג — „דבורהלע, וואָס מאַכסטו גוטס?“ און דערוויל טוט זי אַ טאַפּ דעם דופק... דערוויל הייבט מיין שוועסטער אויף דעם קאָפּ, ליגנדיק אין בעט, און קוקט פאַרוווּנדערט, אַמאָל אויף מיר, אַמאָל אויף דבורהלען, ווי איינער רעדט — גע־כאַפּט באַצייטנס!.. אַ געשעפט האָט ער, אַז די שוועסטער אין עלטער...

נאָר דאָס, זאָג איך, איז נאָך גאָרנישט, באָבקעס!.. דער עיקר שבת! מ׳גיט מיר הגבה אין מיין חברהלע, און אַ גוטער ברודער, אַ שטייגער, שטייט מיר הינטער די פּלייצעס, אַראָפּ־

גערוקט דאָס דאַשעקל איבער די אויגן, און ווינקט איבער מיין קאָפּ... און מאַכט זיך אַ געלעכטערל — „הע, יאָסעלע, לאָז דיך קאָסטן צוויי מאָל ח״י אויף אַ מי־שברך!.. האָסט געפּאַקט אַ קליווע יולדהוועקע״...

אָט אַזוי וואָלט עס צוגעגאַנגען, האָב איך נאָך פריער באַרעכנט, ווען איך טו ווי זי וויל!

בין איך מיך מישב:

— הער, דבורהלע, רעדסט ווי אַ קינד! דיין מאַמע וועט קומען נאָכצולויפן אין שטאָט אַריין, און דער רב וועט באַלד שיקן דעם שמש...

— דו שרעקסט זיך פאַרן רב?.. — שאָקלט זי מיטן קאָפּ — שרעקסט זיך? און איך?.. גלייב מיר, יאָסל, אַז קיין שרעק און קיין טויט איז פאַר מיר נישטאָ, אויב דו ווילסט עס נאָר! נאָר אפשר... אפשר ווילסטו, איך זאָל מיך יאָ שרעקן!..

נישט קיין שלעכטע שטעכווערטלעך, טראַכט איך מיר, און איך ענטפער באַלד אָפּ:

— גלייב מיר, דבורהלע, מיטן גאַנצן האַרצן וויל איך דיך פאָלגן, נאָר זע, עס האַלט נישט אויס... איבער מענטשן...

זי איז שטיל געבליבן, ווייזט אויס פאַרשטאַנען, אַז איך בין נישט איינגאַנצן אומגערעכט, און ביידע זיצן מיר פאַרטראַכט; דאָס האַרץ, האָב איך געפילט, פלאַצט מיר פאַר רחמנות, נאָר וואָס טוט מען? מען מוז שוין וואַרטן ביז נאָך שבועות...

און מיר זיצן.

זי האַלט דעם קאָפּ אויף מיין האַרץ און ביידע שווייגן מיר, מ׳רעדט נישט אַ וואָרט, נאָר טיילמאָל טוט זי אַ זיפץ און אַ ציטער מיטן גאַנצן גוף. און אַזוי ביז דער מאָרגן־שטערן איז אויפגעגאַנגען. ערשט דעמאָלט האָבן מיר זיך אויפגעשטעלט,

אָנגעקוּשט, אָנגעהאַלזט. איז זי אַוועק צו דער שטוב און איך האָב נאָכגעקוּקט נאָך אירע געשווינטע, לייכטע טריט, ביז איך האָב געהערט דאָס ריגלען פון דער טיר...

איך האָב איינגעשפּאַנט און שפּרינג שוין אַריין אין וועגעלע; אין דעם מאַכט זיך אויף די הויז-טיר און דבורהלע באַווייזט זיך נאָכאַמאָל. זי שטייט אויף דער שוועל, רעדט נישט אַ וואָרט — אַ צייכן, און מיר ווערט עפּעס זייער בענקלעך, עס לאָזט מיך נישט אַוועקפאָרן, ווייס איך אַליין נישט, וואָס מ'טוט; יאָ מיטנעמען... נישט מיטנעמען, ס'איז נישט קיין פּלאַן, נישט אַזוי!.. דערווייל שטייט זי... הייב איך מיך אויף און גיי צוריק אַראָפּ פון וועגעלע:

— דבורהלע, — זאָג איך און נעם זי ביי דער האַנט — זיי נישט טרויעריק, דבורהלע... וועסט זען, גאָט וועט העלפן... האַלט זיך אויף ביז נאָך שבועות...

זי האָט נישט געענטפערט, בלאָס ווי די וואַנט, און מיט טרערן אין די אויגן קוקט זי מיך אָן... איך האָב מיך לייכט צוגעבויגן צו איר פּנים און אַ קוש געטון, האָט זי זיך ווי צוגעקלעפּט צו מיר מיטן גאַנצן גוף, און ציטערנדיק געקושט און געקושט...

איך האָב מיך געזעגנט, פיין, שטיל, און בין אַרויף אויפן וועגעלע, נאָר זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען און נאָכגעקוקט מיר ווייט אויפן שאָסיי... ווי איינער רעדט: „דאָס לעצטע מאָל!"...

און טאַקע דאָס לעצטע מאָל, וואָרן מען האָט זי געגאַרט די מוטער האָט עקסטרע געזאָגט-„שבת-נחמו"... כּדי איינצוּשטילן זי, דבורהלען, זי זאָל נישט וויינען... און באַלד שבת נאָך שבועות, ס'הייסט דעם אייגענעם פרייטיק פאַרנאַכט, האָט די מוטער צונויפגעקלאַפּט אַ מנין מענטשן, געכאַפּט פיר דרענגער מיט אַ פלאַכטע, און פאַרטיק שטאָס!.. פּטור אַן עסק...

דער הימל האָט שוין אָנגעהויבן בלייך צו ווערן, די שטערנדלעך — מאַט, אויסגעלאָשן, ווי די בית־המדרש־לאָמפּן חנוכּה ביינאַכט... און די לבנה איז שוין געשטאַנען האַלב־פאַרזונקען אין דער ערד, און רויט, ווי אין בלוט איינגעטונקען, האָט זי, האַלב אַפּערגעקוקט פון אונטערן עק הימל, וואַרפנדיק נאָך אַ לעצטן טרויעריקן בליק צום הויז, ווו מיר שטייען.

איך האָב אַ קוק געטון אויף יאָסלען, וועלכער האָט אויסגעזען פאַרטראַכט, און איך זאָג:

— וואָס ווען מיר שטיין דאָ?

— איר זענט גערעכט, — ענטפערט ער, פאַרטראַכטערהייט אַרויפשטעלנדיק אַ פוס אויף דעם פאָדערשטן ראָד — איר זענט גערעכט... איך האָב שוין גאָרנישט וואָס צו טון!...

. . . .

א רעהטעניש

האַלבע נאַכט. איך מיט אַ באַלעגאָלע און נאָך איין פאַרשוין בלייבן מיר שטיין מיטן פערד און וועגעלע אין אַ מיטן מאַרק. אַן אויסגעלערטקייט אַרום און אַרום. די לאָדנס פאַרהאַמערט, און עס דאַכט זיך, אַז עפעס איז פאַרגליווערט געוואָרן אין דער נאַכט און האָט שווייגן געמאַכט אַלע הייזער. אַ שטילקייט. נאָר פלוצלינג האָט אַ האָן אויסגעקרייעט פון אונטער אַ דעכל אַפּער און דער נאַכטס שטיל פליסן איבערגעריסן.

— יינגערמאַן, די פאָר גראָשן! — האָב איך פון הינטער מיינע פּלייצעס דערהערט.

איך האָב מיך אומגעקוקט. דער באַלעגאָלע אין דער בורקע מיטן אויפגעשטעלטן קאָפּטער איבערן קאָפּ שטייט שוין ביי דער צווייטער זייט וועגעלע און טאַפּט די „לישנע" איבער אַ הינטערשט ראָד, צי זי האָט זיך נישט אָפּגעבונדן איבערן וועג.

— ווו וווינט דאָ גיטעלע די אַלמנה? — האָב איך געפרעגט, שוין אַראָפּקריכנדיק פון וועגעלע.

— צָט גלייך... — האָט ער אָנגעשטעלט זיך מיט דער גראָבער זייט פון בייטש-שטעקל אין אַזאַ פּאָזע, צילנדיק אין דער לופט אַריין, פונקט ווי צום אויסשיסן.

איך האָב אַ לעצטן בליק געוואָרפן צום פורל, ווו דער

צווייטער פֿאַרשווין האָט זיך נאָך געגריבלט, און בין באַלד אַוועק מיט האַסטיקע טריט, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען איבערן מאַרק.

איך בין אַריין אין אַ געסל, און ביים דריטן הויז, רעכטס, האָב איך אָנגעקלאַפּט אין אַ ברייטער פֿאַרמאַכטער הויז-טיר.

פֿון אינעווייניק האָט זיך דערהערט אַ ווייבעריש קול: באַלד, באַלד... און איך האָב מיך איינגעהערט, ווי עס עפֿנט זיך פֿון דאָרט אַ קליאַמקע, און עס שלייכן זיך אַרויס שטילע, ווייכע טריט, בלייבנדיק שטיין הינטער דער הויז-טיר.

— ווער איז עס?

— איך, דער בחור, וואָס דאַרף קומען צו אייך.

די טיר האָט זיך אויפֿגעמאַכט, און אין איר שטייט אַ קליינע פֿיגור פֿון אַ יידענע, האַלב-נאַקעט און כמעט מיט קיין נישט צוגעדעקטן קאָפּ. אין אירע אויגן בלישטשען צוויי שטי-ליטשקע פֿייערלעך. און איך פֿאַרכאַפּ:

— איר הייסט גיטעלע?

— יאָ...

— גוטן-אָוונט.

— גוטן-אָוונט, גוט-יאָר. — ענטפֿערט זי און מאַכט מיר פּלאַץ צום אַריינגיין.

— וואָס מאַכט דאָרט מיין זון, דאָס ווייב און קינדער-לעך? — פֿרעגט זי ווייטער.

— גאַנץ גוט, גאַנץ גוט.

איך גיי איר נאָך אין שטוב אַריין. אַ כך געלעגער-קו-פּעס רינגלען מיך אַרום; אַ רויטלעך בלישטשל פֿון אַ הענג-לאָמפּ, וואָס הענגט אינדערמיט שטוב אויף אַ דראָט אונטערן בלויק, באַלייכט געל-ברודיקע קישנס. פּנימער בלייכן זיך.

אַנטבלויזטע העלזער מיט צעשיטע האָר אַרום די אַקסלען ליגן פאַרוואָרפן מיט די קעפ אַרונטער, און ליפּן בלאָזן זיך מיט אַ שווער הייבן זיך פון ברוסטן.

די יידענע קוקט מיר שווייגנדיק נאָכאַמאָל אַריין אין פּנים און ווייזט מיר אָן אויף אַ געלעגער פון צוגעשטעלטע שטולן פאַרן אויוון, ווו עס ליגט שוין איינער מיט אַן איינגע-קאָרטשעט קעפּל, און די אויפגעשטעלטע נאַקעטע קני קוקן אַרויס דורכן שפּאַלט פון דער צודעקנדיקער קאַפּאָטע.

— לייג דיך מיט מיין חיימלען, — גיט זי שטיל צו און דרייט זיך אויס, אַוועקגייענדיק מיט פאַמעלעכע טריט צו איר בעט, וואָס שטייט אין ווינקל וואַנט, ביי דער זייט פון קופּערט.

איך בין אַ ווײַלע געשטאַנען און געקלערט, דערנאָך זיך אויסגעטון און געלייגט.

איינדערפרי. איך עפן די אויגן — די שטוב איז פול מיט מוידן, און עס שטייט שוין אַ גאַנצער יריד אַרום מיר. איינע, אָנגעטון אין אַ ברוין, באַרכאַן בלוזקעלע, האָט אַ שמאָלע געטאָקטע טאַליע, אַ שוואַרצע פּריזורע איבערן לענגלעכן שטערן, שוואַרצע אויגן און אַ קליין יצר-הרעדיק מיילעכל מיט דראָבנע ליפּעלעך, וואָס טונקלען זיך אין די סאַמע ווינקלען. איר שמייכל צעגיסט זיך איבער דער גאַנצער שטוב און שטעקט אָן יעדן מיט אַ ליבער צערטלעכקייט, און בשעת זי לאָזט איר קול אַרויס, קלינגט עס איבער אַלע ווינקעלעך, עס דוכט זיך, ווי עס וואָלט זיך פון די ווענט און פון בעליק אַרויסגע-קייקלט. און אַלע רופן זי „די שיינע ברכהלע“. די צווייטע ווידער — די רופט מען חיהלע, גייט נאָך אין דער בלויזער האַלקע מיטן

טריקאָטענעם לייבל. אַ קיילעכדיק פּנים האָט זי, ווי אַ שיסל, מיט ראָזע באַקן, אַ ברייט מויל און צוויי גלאַנציקע ברוינע קאַרשן-אויגן. די ייִנגסטע, יולקע — זי טראָגט פון אַן עלטע-רער שוועסטער אַ משונהדיקן שטרייפקאָלירטן שלאָפראָק, וואָס איז קורץ אויף איר, און מען זעט איר אָרויס די באָרוועסע פיס. זי איז אַ הויכע, מיט בלאָע אויגן, און דער הויכער, דינער האַלז מיט אירע פיס זענען, דאַכט זיך, ווי באַשאַפן געוואָרן שטענדיק צו זיין נאַקעט. זי קערט די שטוב איבער, זוכנדיק אַציגד די זאָקן, וואַרפט די קישנס פון די בעטן אויפן קופּערט, פון קופּערט אויף דער פּאָדלאָגע, די גאַנצע שטוב ווערט פול מיט האַסטיקע באַוועגונגען פון איר פיגור, און עס זעט אויס, ווי אַן אויסמישונג איז געקומען אויף אַלץ אין שטוב.

— זע נאָר, מאַמעשי, וואָס פאַרע מיני לאַנגע הענט זי האָט... — רופט זיך אָן חיהלע, די מיטלסטע, די מיט קאַרשן-אויגן, מיט אַ פאַרוווּנדערונג, פּונקט ווי זי וואָלט עס ערשט אַליין געזען צום ערשטן מאָל.

— און זע נאָר, וואָס פאַרע גראָבע דו ביזט. — רופט זיך אָן יולקע, אַזש רויט ווערנדיק, און גיט נאָך האַסטיקער אַ וואָרף אַ קישן אויף דער פּאָדלאָגע.

— כ'לעבן, עס וואָלט שוין צייט געווען — רופט זיך אָן די מוטער, וואַרפנדיק אַ געשווינטן בליק פון קוימען אַוועק און גיט אַ שווישטש צו מיטן מיילעכל — אַז עס זאָלן דיר ווערים אַריינקומען אין מויל אַריין...

— אַזוי ?.. און פאַרוואָס טשעפּעט זי מיט מיר ?.. — וויל זיך יולקע ווי אָפּווערן, אַ וואָרף טוענדיק מיטן קאָפּ אינ-דערהייך און פאַרשאַרנדיק אַ לאָק הינטערן אויער.

עס ווערט צוריק שטיל, און אויפן קוימען ציט זיך

אַ דין, בלאָ רויטל, צונויפגעמישט מיט אַ האַלב זיך אַרויס־קאַפנדיקן און האַלב־לעשנדיקן פלאַם, צום לופט אַרויף. די מוטער שטייט דערנעבן און שאַרט עפעס איבער מיט אַ לעפל. עפעס שפּריצט און בייזערט זיך דאָרט מיט אַן אָנגעגעם גע־קנאַקעריי און פילט די שטוב אָן מיט אַ געשמאַק פון גע־ריישטע ציבעלע.

אַז דאָס עסן ווערט פאַרטיק, בשעתן אויפגעבן, און יאָלקע וואַרפט זיך צום טאָפּ אַרויסצוכאַפּן פון דאָרט אַ גריוו, מאַכט די מוטער שוין ווייכער:

— מויד, האָב כאָטש חרפה... — און דערביי וואַרפט זי אַ בליק אויף מיר.

ביינאַכט, ווען דער תכשיט חיימל, קומט אַהיים פון דער אַרבעט, אין שטוב ברענט שוין דער לאָמפּ, און יאָלקע איז שוין אויך דאָ פון דער שניידערין, וווּ זי לערנט זיך נייען אַ גאַנצן טאָג, — שטעלט זיך ערשט דער אמתער יריד.

פאַר אים, חיימלען, קאָכט די מוטער גאָר באַזונדער אַ טעפּעלע רייז מיט אַ שטיקל פלייש. און אַ מאָדנע ווייל בחורל איז דאָס. זיצט זיך פאַרן אויוון, פאַרלייגט אַ פיסל אויף אַ פיסל, שפּייט און רייכערט פּאַפּיראָסלעך, וואָס ער קויפט אין בית־המדרש־געסל ביים האָרבאַטן, און רייכערנדיק שווייגט ער אַזוי לאַנג, ביז ער הייבט זיך אָן צו שאַרן צו יאָלקען.

זי ווידער שווייגט אויך. זי זעט, ווי ער שטעלט זיך אויף פאַמעלעכדיק, ווי ער קנאַקט זיך אויס די פינגערלעך און וואַרפט זייטיק אַן אייגל אויף איר. עס דאַכט זיך, אַז ער טוט דיזעלבע אַרבעט, ווי אַ פליג, ווען זי הייבט זיך אָן צו פוצן דאָס קעפל, פריער מיט די פאָדערשטע פיסלעך, דערנאָך ווידער צווישן די פליגעלעך מיט די הינטערשטע פיסלעך...

נאָר דאָס אַלץ זעט יולקע גוט און שטייט שווייגנדיק אָנגע־לענט מיטן רוקן אָן טישל, מיט איין פיסל אַרויסגעשטעלט אויף פאָרנט און האָט אים אין דער ערד... נאָר דעמאָלט טאָקע רוקט ער זיך צו, און אַ הייב טוענדיק די אַקסעלען, קרעכצנדיק זיך און אַ צי געבנדיק אַ ביסעלע רויך דורכן מונד־שטיקל פון פאַפּיראָסל, מאַכט ער זיך קוקן אויף דער שטוב אַרויס, גלאַט אַזוי, און טוט אַ שפיי גלייך איר אויפן קאַ־כאַשל אַרויף...

דעמאָלט מאַכט זי זיך אויך קוקן גלאַט אַזוי אויף דער שטוב אַרויס... און ער ווערט שוין אַביסעלע פאַרווונדערט, קוקנדיק איר אין די אויגן אַריין מיט אַ תמעוואַטן בליקל:

— אַי, וואָס מאַכסטו, יולקעשי? כ'האָב דאָך דיך גאָר־נישט געזען, גוטן־אָוונט... — שרייט ער אויס.

— גוטן־אָוונט, גוט־יאָר... — ענטפערט זי אים.

און ער דרייט זיך שוין אויס מיט אַ פריילעך פּנים. די מעשה טוט אים הנאה, און ער קלערט שוין צוריק צו גיין אויף זיין אָרט, צו זעצן זיך און פאַרלייגן אַ פיסל אויף אַ פיכל. נאָר דעמאָלט קריגט ער הינטערווייליעכץ אַ פּלעם, אַז דאָס גאַנצע פּנים ווערט אים ווי פאַרווישט, צוזאַמען מיט אַ קלונג איבער דער גאַנצער שטוב, גלייך ווי פון בעליק אַראָפּ־געפאַלן.

— אוי, אַ דונער האָט מיך איינגעשלאָגן! — שרייט אויס דאָס מאַמעלע, דערזעענדיק חיימל'ס צוהאַלטן די באַק און באַ־געגנדיק זיך בלישטשל צו בלישטשל מיט דער גרויסער מוידס אויגן. עפּעס האָט אַ פייף געגעבן, עפּעס האָט אַ בלישטש געטון, אַ שלאַנגען ברענענדיקייט האָט די לופט פאַרכאַפּט מיט אַ מוראדיקער שטילקייט, וואָס האָט ווי פון זיך אַליין אויס־געשניטן אַ דין קולעכל:

— משומדת!..

און דעמאָלט, פונקט ווי עס וואָלט עפּעס אויפגעפּלאַצט טוט זיך די מוטער אַ וואָרף צו, שטייענדיק שוין פּנים צו פּנים מיט דער טאָכטער. די טאָכטער, ווי וועלנדיק זיך באַ־שיצן, טוט מיט אַן אָנגעצונדן פּנים זיך אַ פאַרשטעל מיט די הענט פאַר דער מוטער, נאָך ווי פאַרשעמענדיק זיך באַלד פאַר זיך אַליין, גיט זי מיט אַ ביסעלע צעטראָגנקייט אַ שטעק אַרויס דער מאַמען דאָס צינגל.

ווי אַ רגע געדויערט, ביז עפּעס קערט זיך איבער ביי ביידן אין די אויגן, אַ משוגענער בליץ בליט פאַרביי צווישן ביידנס פּנימער, און די מוטער, מיט אָנגעשטרענגטע, האַלב־אויסגעבויגענע פינגערלעך, ווי אין זיי וואָלט אַ קאָרטש גע־לעגן: אַן אויסגעצויגן שנאָבעלע שטעקט זיך אַריין אין דער טאָכטערס פּנים. און אין דעם שווישטש פון איר פּיסקעלע פּילט זיך טאַקע, אַז זי מיינט נאָר דאָרט עפּעס צו צעשפּאַלטן אָדער פאַנאַנדערטיילן.

אָבער דער גרויסער מוידס אַ האַרצרייסנדיק געשריי האָט שוין די גאַנצע שטוב אויפגעציטערט, און אין איין רגע איז זי געלעגן מיטן רוקן אויפן טישל, מיט אַ בלוט־אָנגעפּלאָסן פּנים, בלאָע, פאַרקייכטע ליפּן און אָפן מויל, אָן אָטעם.

— געוואַלט! — האָט חיהלע אויסגעשריגן, צושפּרינגענ־דיק פון הינטן און אָנכאַפּנדיק די מוטער מיט ביידע הענט איבער די אָרעמס. אָבער די מוטער האָט זיך געריסן מיט אַן אויסגעשטרעקט העלדזל און אָנגעגאָסענע אָדערן אויף פאָרנט און מיט אַן איינגעשטאָכן פייערדיק בלישטשל אין די אויגן איבער יולקעס גוף.

ברכהלע איז אויך אַריינגעפאַלן אינדערמיט, פאַרשטעלנ־דיק מיט זיך יולקען. און אַלע, ראַנגלענדיק זיך צווישן זיך,

אַזוי אַז מען האָט מער נישט געהערט, ווי דאָס טופּען פון די פיס און דאָס שאָרכן פון די הענט, — אַזאַ פאַרכאַפּטע שטילקייט איז געווען צווישן זיי, האָבן זיי אויסגעזען, ווי זיי האָבן זייער און זייער קיין צייט נישט...

אָבער באַלד האָט זיך, ווי אַ פינצטערער יאוש פון אָנ־געשטרענגטקייט אויף אַלעמענס פּנימער צעלייגט, אַ מין פאַר־ביטערונג איז אויף זיי געקומען, און דאָס גאַנצע שווייגנדיקע, צעמישטע רעדל, פּונקט ווי מען וואָלט עפּעס דערויף דורך כישוף אַ בלאָז געטאָן, איז צעשפּרייט געוואָרן. ערשט דעמאָלט האָט זיך די מוטער אויסגעדרייט פריי, געבנדיק אַ הוסטעלע אָפּ, און די טעכטער האָבן אויך אָפּגעקערט די פּנימער, יעדע אין אַ באַזונדער זייט...

נאָך אַ רגע, און יוּלקע איז שוין קוים צו זיך געקומען, אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם און אַרויסקרייצנדיק אויפן קול מיט אַ געוויין.

— אַלץ אָט דער תכשיט... — האָט חיהלע ערשט אויס־געשריגן אַנטקעגן חיימלען, וועלכער האָט זיך נאָר־וואָס צוגע־שאַרט צו דער שלאָף־באַנק מיט אַן אַראָפּגעלאָזט קאָפּ, מיט אַריינגעשטאָכענע אויגן צו די שפּיצן פון די שטיוועלעך און צופּנדיק זיך מיט צוויי פינגערלעך אונטערן גאָמבעלע.

— וואַרט, עס וועט דיר אַן אומגליק געשען, — האָט זי אים נאָכגעמאָלט צוגעשריגן — און חיימל האָט שוין אַן אויג אויפגעהויבן, צוּוואַרפנדיק צו איר זייט אַ בליק פון אונטערן שטערן אַפער...

— לאָמיך שוין געמאַך... — האָט ברכהלע זיך געבעטן ביי דער שוועסטער.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ערשט חיימל אָנגעהויבן:

— איך בין שולדיק, אַז איך בין געשטאַנען און גע־רייכערט אַ פּאַפּיראָס?..

— וואָס... — האָט זיך צו אים חיהלע צוגערוקט מיט בייז־גיפטיקע פייערלעך אין די אויגן — זי ליידט נישט דעם רויך?..

— איך ווייס? — האָט ער געענטפערט, טוענדיק שוין אינדערמיט אַ ברוגזן קוק אויף דער מאַמען, פאַרוואָס זי לאָזט אים אַזוי... און באַלד צוריק אַראָפּגעלאָזט דאָס פּנימל מיט אַן אָנגעצויגן קנייטשל צווישןביידע ברעמען.

— נו, נו... — האָט אים חיהלע אַ מאַך געגעבן מיט אַ דראָענדיקן פינגער איבערן שטערן, וועלכן ער האָט אינדער־לופט פאַרכאַפּט מיט איין האַנט און מיט דער אַנדערער זיך געוואָלט אַריינרייסן אין איר קאָפּ האָר. נאָר דעמאָלט בין איך צוגעשפרונגען און אַוועקגעכאַפּט אים הינטערווייַלעכץ ביים קאָלנער, האַלטנדיק אים כמעט אין דער לופט.

באַלד אָבער האָט די מוטער אָנגעהויבן פישטשען:

— וואָס ווילט מען פון אים האָבן? ווער אָן גאָט גלייבט, האָט מיט אים צו טון...

איך בין צעמישט געוואָרן און האָב אים באַלד אָפּגע־לאָזט, אָפּקערנדיק זיך צוריק אָן אַ זייט.

די מוטער האָט באַלד זיך גענומען באַקלאָגן דערויף, וואָס דער פאָטער איז טויט, און וועגן דעם, וואָס דער עלצ־טער זון, וועלכער האָט מיך געשיקט דאָ אַהער, האָט חתונה־געהאַט אין דער פרעמד אַריין. און אַז ווייל עס איז נישטאָ קיין אייבער־האַר, איז איר שטוב הפקר, און יעדערער מעג טון, וואָס ער וויל...

— ברכהלע, גייען מיר אַרויס אַביסל פון שטוב? — האָב איך געפרעגט.

זי האָט גענומען דעם שאַל אויף זיך, און וואַרפנדיק נאָך אַ לעצטן שטומען בליק אויף יולקען, וואָס איז געלעגן איבערן טישל מיט דעם פּנים פאַרשטעקט אין ביידע הענט, האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ ווייטיקלעך פּנים און נישט־זיכערן טריט די שטוב צו פאַרלאָזן.

— וואָס ביזטו אַזוי פאַרזאָרגט? — האָב איך זי שטיל געפרעגט, שטייענדיק שוין אינדרויסן איבער דער שוועל אַריבער.

— וואָס, מען איז דען זיכער, אַז מען גייט אַרויס אויף אַ רגע? — האָט זי געענטפערט, האַלטנדיק שטיל און אַראָפּגעלאָזט די ברעמען.

— נו, דו ווילסט דען גיין צוריק אַריין?

— ניין, אדרבא, קומט אַביסל. איך קאָן שוין אַליין אויך נישט מער פאַרטראָגן.

מיר זענען געגאַנגען אויף אַ שאָסיי, און זי האָט אָנגעהויבן:

— פון נאָך דעם טאַטנס טויט אָן, צייט חיימל איז געוואָרן איר קידוש־בעכערל, איז די שטוב געוואָרן אַזוי...

— שוין לאַנג איז דער טאַטע טויט?

— צוויי יאָר. — האָט זי שטיל געענטפערט און אָפּגעזיפצט.

— שוין אַן אַלטער מאַן געווען? — פרעג איך — עלטער פאַר דער מאַמען?

צוויי טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן:

— עלטער איז ער נישט געווען, נאָר מיר האָבן אים פאַרקירצט די יאָרן...

— ווער, איר?

— איך מיט מיינעם אַ חתן.

— וואָס הייסט?

— גאָרנישט...

— איר האָט שוין געהאַט אַ חתן?

— נו, וואָס אי׳?.. יאָ...

— גאָרנישט... וואָס זאָל זיין?

— נו, וועל איך דען שוין נישט קריגן נאָך איינעם?

— פאַרוואָס נישט? פאַרקערט... צען אפילו...

זי האָט אַ בלאָטן שמייכל געטון.

— נו, דערציילט. — האָב איך זי געבעטן.

— אודאי וועל איך שוין ערשט דערציילן. אויב נישט קריגן, זאָל כאָטש זיין, פאַרוואָס...

— גערעכט. — האָב איך אַליין אויך אַ שמייכל געטון.

— איך האָב געהאַט אַ חתן — האָט זי אָנגעהויבן — אַ מיליטער-שניידער, אַן אויסגעדינטער זעלנער, און כאָטש איך בין נישט מער אַלט געווען, ווי זיבעצן יאָר, דאָך, זעט איר, האָב איך אים געליבט.

— נו, וואָס-זשע איז?

— גאָרנישט. וואָס זאָל זיין? און דאָך, זעט איר, האָט ער מיך נישט געליבט.

— ברכהלע, צי דו שפילסט אין שפּאָס? — האָב איך זי ביי אַ האַנט אָנגענומען.

— ניין, בנאמנות, אַז נישט, אינגאַנצן נישט.

— נו, דערצייל-זשע.

— נו, יאָ... האָט זי מיר אַ קוק געגעבן אין די אויגן אריין, — איינמאָל, מיט אַ וואָך פריער, ווי שבת פאַר שבועות, קומט אַראָפּצופאָרן מיינער אַ פעטער פון אַ קליין שטעטל, עקסטרע צו אונז אין שטוב אַריין, מיט אַ בשורה, אַז דער זון זיינער קומט אים אַהיים פון די זעלנער. — אַ טייערער

בעל־מלאכה, אַ גאָלדענער ייִנג... דער טאַטע מײַנער האָט פֿאַרשטאַנען װעגן װאָס דאָ גייט, און זיך גאָרנישט װיסנדיק געמאַכט. נאָר דער פֿעטער גייט אויס, און איך געפֿעל אים זייער. בעט ער דעם טאַטן, אַז דער זון, װאָס איז שוין אינמיטן װעג, װעט דאָ אַראָפּקומען, זאָל אים דער טאַטע גוט אויפֿנעמען... װאָס דער אמת, האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז עס איז נאָך צו פֿרי: שמואל, װאָס טויג דיר דאָרט? מײַן בר־מזלדיקע איז ערשט זיבעצן יאָר, נאָך אַ יונג קינד, און צו װאָס זאָל איך איר שוין אַ קאָפּ פֿאַרדרייען? אָבער מײַן פֿעטער האָט נישט אָפּגעלאָזט, נאָר דוקא און דוקא, און פֿאַרװאָס דער טאַטע מײַנער טענהט אַזוי?..

עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿן, מען האָט געמוזט שיקן נאָך בראָנפֿן, טרינקען לחיים, און דער טאַטע מײַנער האָט געטראַכט: מילא, מען װעט דאָך זען. דער פֿעטער אָבער ציטערט, פֿלאַטערט. ער קוקט אויף מיר, און דאָס האַרץ קװעלט אים פֿאַר פֿרייד. מען מאַכט שוין אַן אָנבייסן אויך, װי עס געהער צו זײַן. איך דערלאַנג צום טיש, און ער קאָן זיך גאָרנישט זאַט אָנקוקן אויף מיר, אַז איך שמייכל אַזש אַליין פֿאַר זיך:

„װאָס האָט דער פֿעטער אַזױנס דערזען אין מיר?“ —

נאָר איך מאַך מיך גאָרנישט װיסן.

ערשט, אַז ער בענטשט אָפּ, רופֿט ער מיך צו:

— קום אַהער, טאָכטערשי, װעל איך דיר עפּעס זאָגן...

איך בין פֿאַרשעמט געװאָרן, איר פֿאַרשטייט, אַז ער װיל מיר עפּעס זאָגן, װייס איך דאָך שוין װאָס...

נאָר דער פֿעטער שמואל, שוין נישט קיין ייִנגערמאַן, האָט אַ גראָעע באָרד, און אַז ער רופֿט, מוז מען גיין. גיי איך צו, שטעל מיך אַזוי אַנידער נעבן אים. גיט ער מיר אַ קניפּ אין בעקל אַרײַן:

— דו ווייסט ברכהלע, — זאָגט ער, און איך שפּיר, ווי דער אָטעם זיינער גלעט מיך איבערן קאָפּ — ערשט ביזט שוין מיין אמתדיקע משפּחה...

איך הייב אָן אויג אויפן טאַטן, זען, וואָס זאָגט ער. זע איך, ער קוועלט אויך, קוקנדיק אויף מיר. איך ווייס נישט, צי ווייל איך בין אַזוי געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, דערפאַר האָט ער געקוואָלן; נאָר אַז איך האָב דערזען זיין פּנים, האָב איך מיך נאָכמער פאַרשעמט. און איך ווייס נישט, פאַרוואָס. אַ יינג קינד נאָך, וואָס האָב איך דען דעמאָלט שוין געקאָנט טראַכטן וועגן אַ חתן? נאָר דאָך האָב איך דערשפּירט, אַז עס וואַקסט עפּעס אַ פרייד אין מיר. און נישט נאָר אין מיר, נאָר אין דער גאַנצער שטוב. איך זע, אַז דער טאַטע איז צופרידן, די מאַמע דאָסגלייכן, און איך שפּיר עפּעס אַ שטיל גוטסקייט אַרום מיר.

צום פּעטערס אַוועקפאָרן, ווען די בריטשקע איז שוין געשטאַנען פאַר דער טיר, אַלע שטוב־מענטשן — אינדרויסן און איך אויך, אויף דער שוועל, לאָזט מיר דער פעטער איבער פינף רובל לעצט־געלד: „נאַ, ברכהלע, אויף אַ שערעם — זאָגט ער — אָדער עפּעס אַנדערש, וועסטו בעסער געדענקען דעם פּעטער"...

אַ שיינעם דאַנק — זאָג איך — פּעטערשי.

און נאָך גיט ער צו:

— דעם חתן וועל איך דיר זען נישט לאַנג צו פאַר־האַלטן. ער וועט באַלד דאָ זיין...

איך האָב נאָכאַמאָל געשאָקלט מיטן קאָפּ און, מן הסתם, געשמייכלט, ווייל אין זיינע אויגן האָט זיך אויך צעגאָסן אַזאַ שיינענדיק בלישטשל...

דערנאָך, מיר האָבן זיך אָנגעקושט, אָנגעהאַלזט, דער פעטער

פאָרט אַוועק, און מיר קערן זיך צוריק אין שטוב אַריין, פיל איך, אַז עס פעלט עפּעס; די ווענט זענען ווי גריימער געוואָרן. און דער חתן, כאָטש איך האָב אים נישט געזען נאָך קיינמאָל, נאָר וואָס איך האָב געהערט שמועסן וועגן אים, שטייט מיר שוין אינגאַנצן פאַר די אויגן. דער טאַטע שעפּט נחת, קוקנדיק אויף מיר, ווי איך זינג טאָג מיט נאַכט; די מאַמע — דאָסגלייכן; און אַלע אינדערפרי, — איך עפן נאָר די אויגן, ליגנדיק נאָך אויפן געלעגער, קוק איך שוין צום פענצטער, וואָס פאַר אַ שיינער טאָג היינט איז, און מיר שטעלט זיך פאָר דאָס פעלד, נאָך די בריקן, ווי דאָרט איז גוט צו שפּאַצירן...

עס זענען אַריבערגעלאָפן אַ טאָג אַכט אָדער צען אַזוי אומבאַמערקט, — און איך בין אַלץ מיט אַזאַ פאַרטועניקייט אין מיר. און אויפן עלפטן טאָג — דעם פעטערס זון איז דאָ...

איך בין געווען אַזוי פאַרנומען מיט עפּעס טון אין שטוב, — דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב פונקט געהאַלטן דעם בעזעם אין דער האַנד... הער איך, ווי מען פאָרט צו פאַר דער טיר. איך לויף צו צום פענצטער, גיב אַ קוק אַרויס, האָט זיך נאָר וואָס פונקט טאַקע געהאַט אָפּגעשטעלט אַ פערד און ברישקע דאָס פערד האָט נאָך אַזש געהאַלטן אַרויפגעריסן דעם קאָפּ, בשעת די האָלאָביעס זענען אים געקראָכן איבער די אויערן, ווי זיי וואָלטן נאָך געוואָלט אַריבערלויפן איבערן פערד. און פון דער ברישטקע שפּרינגט אַראָפּ אַ זעלנערל, דער טוי ליגט דערויף... אַ מונדירל איז עס געפּאַסט, פונקט ווי אויסגעגאָסן, אַ היטעלע מיט אַ רויט קאָקאַרדעלע און אַ שטערנדל, שטייט עס אים אויפן שפּיץ שטערן, און אַ פּראָפּי-לפּנים זע איך, בשעת ער ווענדט זיך צום באַלעגאָלע מיט אַן אויסגעצויגענע האַנט, צום באַצאָלן, איז עס בלוט און מילך.

— לויף נאָר אַרויס, טאַטעשי, עמעצער איז געקומען צו פאָרן... — שריי איך אויס.

דער טאַטע האָט אַ גרויסן לאַך אַרויסגעגעבן. ער האָט שוין מוז זיין, פאַרשטאַנען, ווער עס איז געקומען, אָדער דער־קענט אָן דעם, וואָס איך בין געוואָרן אַ ביסעלע צערודערט, און ער רופט זיך אָן:

— נישקשה, אַז ער האָט געטראָפן פון די רוסישע גובער־ניעס ביז אַהער פאַר דער טיר, וועט ער אין שטוב אַריין אויך טרעפן...

עס מאַכט זיך אויף די טיר, ער קומט אַריינצוגיין, נעמט זיך אַרום מיטן טאַטן, און זיי הייבן זיך אָן צו קושן, מיט דער מאַמען — דאָסגלייכן. און איך אַנטלויף אין צווייטן שטיבל אַריין, אין אַלקער...

פרעגט זיך די מאַמע:

— וואָס אַנטלויפסטו?

— גאָרנישט... — ענטפער איך און שטיי אויסגעדרייט מיטן פנים צום פענצטער.

גייט זי אַוועק, און עס קומט אַריינצוגיין דער טאַטע.

— ברכהלע — מאַכט ער שטיל — גיי אַריין, עס פּאַסט נישט...

— גוט, טאַטעשי, איך וועל שוין אַריינקומען. — ענטפער איך אים ווידער, און אַז ער גייט אַרויס, טו איך מיר איבער אַן אַנדער בלוזקעלע, פלעכט מיר צו די האָר און גיי אַריין.

אַצינד דערלאַנגט ער מיר אויך די האַנט, און מיר שטייען פנים צו פנים מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. דערנאָך זעצן מיר זיך אויף צוויי שטולן, איך מיטן פנים קעגנאיבער זיינע קני׳ וווּ ער האַלט פאַרלייגט אַ פיסל אויף אַ פיסל מיט אַן אַרויס־געשטעקט געפּאַסט שטיוועלע אין דער לופט און דרייט זיך

זיך מיט איין האַנט אַ וואַנטעלע, קוקנדיק אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט. די אויגן האָבן מיר אויסגעזען אַזוי פּרעמד, פּונקט ווי זיי וואָלטן ערשט געקומען צו פאָרן פון איבער ווייטע ימים אין פּרעמדע לענדער. ער רעדט גאָרנישט, קוקט זיך נאָר אין אַלץ איין און שווייגט.

פרייטיק-צונאַכטס גייען מיר שפּאַצירן אויף דעם ביאַ-לער שאָסיי. די לבנה שיינט אַביסל זייטיק, אַזוי ווי אין זומער-צייט. אויף די פעלדער איז שוין אַלץ שטיל און איינ-געשלאָפן, נאָר איך מיט הערשעלען, מיין קוזין, שפּאַצירן איני-דערמיט שאָסיי, צווישן ביידע שורות קאַלעך-געווייסטע שטיינער, וואָס זענען אויסגעזעצט לענגאויס איבער ביידע זייטן וועגן און דאָרט אויבן, ווייט, שוואַרצן זיך נאָך עטלעכע קופּקעלעך, באַזונדערע פּאָרלעך, וואָס שפּאַצירן אויך. אַרום איז שטיל, און איך מיט מיין קוזין כאַפּן זיך אַריבער אויף דער צווייטער זייט גראָבן, ווו עס הערט זיך אַ גרייצערן פון אַ זעג-וואָרעם פון צווישן דעם קאָרן אַרויס, און דאָ גייען מיר איבער דעם ווייכן גראָז שטיל און האַנט ביי האַנט.

אַרום האַלבע נאַכט איז דער שאָסיי שוין אינגאַנצן ליידיק, און מיר גייען אויך צוריק אַראָפּ אין שטאָט אַריין. אַלע הייזלעך שלאָפן. עס הערט זיך דאָס כראָפּען הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס, און לער איז אַלץ אַרום ווי אויסגעשטאָרבן. נאָר וואָס איין וועכטער האָבן מיר באַגעגנט צום אַריינקום אין שטאָט, ווי ער איז געזעסן אין עק גאַס אויף אַ בריקל פאַר אַ הויז, מיטן שטעקן צווישן די קני אָנגעשפּאַרט מיטן פנים אָן אים און געקוקט שטיל אין דער לבנה אַריין. מיר זענען גע-גאַנגען פון גאַס צו גאַס פּאַמעלעך, און דער שפּאַציר האָט מיך געמאַכט אַזוי מיד און שיכורלעך, אַז די אויגן האָבן זיך אַזש געקלעפּט, זיס צום איינשלאָפן.

— נעם, שפּאַר אָן דעם קאָפּ אָן מיין אַקסל — האָט ער מיך געבעטן, און מיט אַ שטילן, ווייכן בליק אויף מיר, אויס־געשטרעקט זיין אָרעם.

שבת ביינטאָג, ווען מיר גייען ווידער שפּאַצירן דורך דער גאַס, קוקן אונז נאָך שכנים און שכנות פון פאַר די טירן און פון די פענצטער אַרויס. מען פאַרשטייט שוין, וואָס איך מיט הערשעלען הייבן אָן צוצוגעהערן איינער דעם אַנדערן און מען קומט אַריין צו אונז אין שטוב, מיט אַזאַ פריינטלעכקייט. אַלע שמייכלען זיך גלאַט פאַר נחת... אַלע זעען שוין, אַז איך וועל זיין גליקלעך ביי אים, נאָר וואָס דאַרף איך דען זייער זען, אַז איך אַליין זע נאָך טויזנט מאָל מער? דער טאַטע וויל אויך נישט שמועסן וועגן דעם. ער זאָגט: „מילא, אַצינד זאָלן שוין די קינדער אַליין זאָגן... זאָלן זיי מיך בעטן אויף תנאים" — מאַכט ער זיך נאָך אַ געלעכטער: — „וועל איך גיין"... און די מאַמע, גייט שוין אויך אַרויס אַזאַ שיינענדיקע, ס'הייסט, ווי זי וואָלט שוין אויך באַשטאַנען... טראַכט איך מיר: „גוט, מאַמעשי, גוט, טאַטעשי... זאָל נאָר קומען די צייט"...

אַזוי איז געווען. הערשעלע האָט פאַרשטאַנען, ביי וואָס עס האַלט שוין ערשט, און ווידער האָבן אָנגעהויבן קומען אין שטוב אַריין יעדן טאָג אַנדערע גוטע פריינט אָדער משפּחה, יעדער מיט זיין „סקאָצל קומט"... און אָנגעהויבן צו שמועסן מכלומרשט פון „קלאָץ, בוידעם"... האָט ער פאַרשטאַנען, הער־שעלע, און אין אַ פּאָר טעג אַרום פאַרגעשלאָגן אין שטוב, אַז מען זאָל מאַכן תנאים. די מאַמע איז שוין אַ ביסעלע פאַר־דרייט, דאָס קאָפּקעלע זיצט איר שוין נישט גלייך אויפן קאָפּ, און

זי פרעגט אַלע ווײַלע דעם טאַטן: „אפשר, זאָגסטו, איינמאַרע-גירן הערינג, אברהם״?..

— איך, זאָגט זי, זאָג... — מאַכט דער טאַטע, און ער לאַכט אויך, קוקנדיק אויף איר, ווי זי גייט אַרום, און ווי זי קוקט אים אין די אויגן אַריין אַלע ווײַלע:

— האַ, האַ?..

עס איז געקומען. ווען אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט, איז הערשעלע אין דער נאַכט פון די תנאים געזעסן אויבן-אָן אין זיין זעלנערישן היטעלע צווישן גאַנצן עולם מענטשן אַרום טיש, און עס האָט געשיינט אין געפינקלט פון די ברענענדיקע ליכט אין די לייכטער און דעם לאָמפּ מיטן אַבאַזשור, וואָס איז געשטאַנען אינדערמיט. נאָר פון צווישן דעם אַלעם האָט הערשעלעס פנים אַרויסגעלויכטן.

דער טאַטע איז צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט מיט אַזאַ ליבלעכקייט:

— הערשל, זע וואָס טויג דיר ערשט דער זעלנער?.. אַ חתן איז אַ גרעסערער טיטל.

האָט ער זיך אַביסל פאַרשעמט און געכאַפּט און גע-וואָלט אַריינלויפן אין באַזונדערן שטיבל, ווו ער האָט געהאַט שטיין זיין טשעמאָדאַן מיט ציוויל-אָנטועכץ. אָבער איך האָב דאָך געוווסט, ווי ווייט ער קאָן זיך נישט שיידן מיט דעם זעלנערישן היטעלע, ווער שמועסט נאָך, אַז ס׳איז אַ שמחה און ס׳איז פריילעך אויפן האַרץ... און ווידער האָב איך אַליין אויך הנאה צו קוקן, בשעת ער גייט דערינען. בין איך צוגעלאָפן און געזאָגט:

— וואָס טויג דיר זיך אַריינצומישן, טאַטעשי? מען דאַרף נישט... ער געפעלט דעם עולם אַזוי אויך גאַנץ שיין —

האָט דער פּאָטער דערלויבט, און דער חתן האָט זיך צו־ריק צוזעקנעזעצט און מיט אַ שמייכל מיר געדאַנקט.

נאָר איך האָב נישט געדאַרפט דאָס דאַנקען, און איך אַליין שמייכלען האָב איך צו אים צוריק געשמייכלט:

— ס'שאַדט נישט, הערשעלע, ס'שאַדט נישט... פרעג נישט נאָך דעם טאַטן...

אַזוי האָב איך צו אים צוריקגעוווּנקען, און איך האָב מיך באַלד אַריינגעשאַרט צווישן די ווייבער מיט די בליש־טשענדיקע אויערינגען אין די אויערן און מיט די פאַרפלאַמטע, שיינענדיקע פּנימער.

די שטוב האָט אָנגעפילט אַ זיס געהויש פון צווישן עולם מיט די ברייטע היטלען אַרום טיש. אַ רויכל פון פּאַ־פּיראָסן האָט זיך צעלייגט אינדערלופט און די ליכט־פלעמלעך ווי איינגעפלאָכטן אין זיך אַריין. איין ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד, וואָס אַרום אים האָבן זיך קעפּ צוגעבויגן, ווי אין אַ רעדל, און די אין די זייטן האָבן נאָר די אויערן צוגעלייגט אַרום אים. דער האָט געגעבן דעם חתן אַ פּעדער אין דער האַנט אַריין. דערנאָך האָט מען מיך אויך צוגערופן. און אַז איך האָב אונטערגעשריבן, האָט זיך דערהערט פון הינטער מיינע פּלייצעס אַ צעשיטנדיקער קלאַפּ פון טעלערס אויף דער פּאָדלאָגע, און אַלע האָבן אָפּגעגעבן מזל־טוב!..

יענע נאַכט וועל איך געדענקען אויפן גאַנצן לעבן.

• • • • • • • • • • • • • • • • •

אין שטאָט איז נישט געווען איין מיידל, וואָס זאָל מיך נישט מקנא זיין. זיינע שוואַרצע אויגן און זיין „שיק”, גייענ־דיק איבער דער גאַס, ווי ער רירט קוים די שטיינער אָן,

פאַרמאָגט אַפילו אַ פּירשט נישט, און דאָס ציט די מיידלעכס אויגן פון אַלע זייטן.

אויך עלטערע שמועסן צווישן זיך:

— אברהמס טאָכטערס חתן...

אָבער ער גיט זיך נישט אָפּ מיט קיינעם. באַלד נאָך די תנאים זעצט ער זיך אַרבעטן, טאַקע ביי אונז אין שטאָט. ער וויל שוין נישט אַוועקפאָרן, זאָגט ער... עסן און שלאָפן קריגט ער ביי אונז, און אַ טייערער בעל־מלאכה איז ער, נאָך ביי די זעלנער געווען „פּאָלקאָוואָי" צושניידער, ברענגט ער אַהיים פרייטיק צוואַנציק רובל.

נאָר ווער וויל זיין פאַרדינסט? דער טאַטע, די מאַמע ווילן קיין איין גראָשן נישט נעמען. און איך בין גליקלעך, אַז ער זאָל גאָרנישט גיין אַפילו צו דער אַרבעט אויך, דאַרף איך עס אוודאי נישט. און ער ווידער זאָגט, אַז ער איז גליקלעך מיט מיר, מער דאַרף ער גאָרנישט... גיט ער עס איבגאַנצן אויס אויף מיר. יעדן שבת, ווען מען גייט אין גאַס אַריין, קויפט ער נאָר און האַנדלט, וואָס דאָס האַרץ גלוסט, אַזוי אַז איך קאָן שוין אַליין נישט פאַרליידן. און בשעת איך זע, אַז ער הייבט שוין ווידער אָן צו צאָלן אין טאָג אַריין, כאַפּ איך ביי אים אַרויס דאָס בייטעלע פון דער האַנט:

— שוין גענוג, הערשעלע, מען דאַרף שוין נישט מער.

— נו, זאָל זיין — ענטפערט ער — שוין גענוג. איך באַשטיי...

— נו, נאַ-זשע — זאָג איך — דאָס בייטעלע און לייג אַריין אין קעשענע.

— ניין — זאָגט ער — האָסט געכאַפּט, האַלט...

און ער זאָגט עס מיט אַן אמת, אַז עס איז אים שוין

נישט איבערצובעטן. אָט אַזוי משוגענער איז דאָס... „אַז דו האָסט געכאַפּט — זאָגט ער — האַלט"...

נו, מילא, וואָס זאָל איך מיטן מאַכן? נעם איך און גיב אים שוין צוריק אָפּ דאָס בייטעלע — טו דיר שוין, ווי דיר געפעלט...

— נאָר איך וועל שוין מער נישט גיין מיט דיר אין גאַס אַריין... — זאָג איך אים, און אַצינד וויל איך שוין ווי־דער ווערן מיט אים ברוגז אויף אַ רעכטן אמת...

מיינט איר, אַז ער כאַפּט מיר נישט אַרום אינמיטן דער גאַס, אָט דער משוגענער, און הייבט מיך נישט אָן צו קושן, אַז עס ווערט מיר אַזש פינצטער אין די אויגן?..

— טפו!.. — טו איך אַ געשריי אַרויס, — דו משוגע־נער...

מילא, דאָס פּנים הייבט מיר אָן צו פלאַמען... און מענטשן, אַ געשריייעריי און אַ געקוק פון אַלע זייטן... און ער טוט נישט גאָרנישט, נאָר ער שמייכלט... דאָס איז אַ באַ־גענעניש... — טראַכט איך — אָבער אַזאַ באַגעגעניש, אַז איך אַליין האָב אויך אָנהויבן צו לאַכן...

— אַוועק, דו יונגאַטש... — זאָג איך צו אים.

— דו זעסט אָ — מאַכט ער צו מיר, ווייזנדיק מיט אַ פינגער — אָט די מויד וואָלט זיך געוווּנטשן, אַז איך זאָל זי קושן כאָטש אינמיטן דער גאַס.

— הערשעלע — זאָג איך צו אים — וואָס ביזטו דאָס פאַר אַזאַ מציאה, וואָס זי וואָלט זיך געוווּנטשן?..

— נו, שווייג — זאָגט ער — עס איז שוין אַזוי...

— אַזוי? — זאָג איך — נו מילא...

און ס'איז טאַקע אמת געווען. זי איז געווען אונזערע אַ שכנטעס אַ מיידל און פלעגט זיך אים וואַרפן צען מאָל אין

טאָג אין די אויגן אַריין... ווען ער גייט פאַרביי, שטייט זי שוין ביים פענצטער, און די אויגן בלישטשען, אַזש דאָס שפּיי־ עכץ קומט איר אין אָפּענעם מויל אַריין... זי ברענט אים גלאָט מיט די אויגן, אַ מכשפה, און שטענדיק, ווען ער איז אין שטוב, קומט זי צו אונז לייען אַ טעפּל... מיט צעלאָזטע האָר, אַן אויסגעבלייזטן האַלז און אין בלויזן האַלקעלע, מכלומרשט ווי זי איז פאַרנומען מיט דער באַלעבאַטישקייט און האָט קיין צייט נישט זיך אָנצוטון. נאָר אָן די אייגעלעך אירע, ווי זיי שפּילן אין זיין זייט אַריין, דערקענט מען שוין די „סחורה״, מיט וואָס זי איז פאַרנומען. און שטענדיק מכלומרשט יאָגט זי זיך, ווי זי וואָלט געמען נישט געשטאַנען דאָ. נאָר גיט מען איר שוין, וואָס זי וויל, איז כאָטש לייג איר קוילן אונטער די פּיס, וועט זי נישט אויפהערן צו דערציילן מעשיות, אַלץ נאָר קוקנדיק אין זיין זייט, צי הערט ער אויך...

— הערשעלע — מאַך איך צו אים איינמאָל — וואָס ביזטו אַזוי זיכער, אַז זי וויל, דו זאָלסט זי קושן?

— וואָס, דו גלייבסט נישט? — פרעגט ער.

— נו, ועסטו גיין פּרווון?

— ניין — זאָגט ער. נאָר דעם ניין, זע איך, זאָגט ער עפּעס מיט אַ בלישטשל אין די אויגן...

— פאַרוואָס נישט? — זאָג איך — אויב מען וויל וויסן?

— האַ, האַ — לאַכט ער — דאַרף מען פּרווון? וואָס מיינסטו, אַז אַזעלכע זאַכן דערקענט מען נישט אין די אויגן?

— יאָ?..

— וואָס דען?

— שוין עפּעס אַ סך אויגן האָסטו געהאַט?..

— דאָס איז נישט קיין שלעכטע פראַגע. — ענטפערט

ער און קוקט מיר אין פּנים אַריין, צי מיך פֿאַרדריסט נישט. לאַך איך אויך: פֿאַרוואָס זאָל מיך פֿאַרדריסן?..

— ניין, קיין סך נישט... — זאָגט ער — אין יעקאַטע-רינאָסלאַוו, ווו איך האָב געדינט, האָב איך געהאַט אַ שיקסע, וואָס פֿלעגט אַלע זונטיק קומען צו מיר נעמען די וועש צום וואַשן...

— „נו, — טראַכט איך מיר — איז דאָס אויך נישקשה, ביזטו נישט קיין שלעכטער פֿויגל"...

און איך גיי אַהיים, לייג מיך שלאָפֿן, נאָר אַ גאַנצע נאַכט טו איך שוין קיין אויג נישט צו.

צומאָרגנס אינדערפֿרי פֿרעג איך אים:

— און וואָס איז געוואָרן מיט דער שיקסע, אַז דו ביזט אַוועקגעפֿאָרן?

— צי דיר ליגט עס טאַקע אין זינען? — פֿרעגט ער.

— ניין. וואָס פֿאַלט דיר איין?

— נו, טאָ וואָס-זשע זאָל ווערן? איך האָב אויסגעדינט, בין איך אַוועק — און גאָרנישט... צי דו גלייבסט נישט?

— פֿאַרוואָס זאָל איך נישט גלייבן? אדרבא, דו ביזט אַוועק „און גאָרנישט"...

ער קוקט מיך אָן פֿאַרוווּנדערט און זאָגט:

— הער, איך פֿאַרשטיי דיך חיינט נישט.

— נו, גוט — זאָג איך — פֿאַרשטייסטו מיך נישט...

און איך גיי אַוועק פֿון אים, ווי מיט אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ.

„— און מיט אַ יידישער וואָלסטו דען נישט געקאָנט אַזוי טאָן?" — רייסט זיך אין מיר דאָס האַרץ. אָבער איך זאָג אים גאָרנישט.

צווישן אונז איז עפּעס צו שטיל געוואָרן.

אַ גאַנצע וואָך — ער קומט אַריין אין שטוב, פיל איך ווי דאָס האַרץ רייסט זיך אין מיר עפּעס צו שמועסן מיט אים. אָבער איך שפּיר, אַז איך וועל נישט קאָנען צו אים רעדן גלייך, און אין האַרץ ליגט מיר אַזאַ פאַרדריקטקייט, פּונקט ווי אַ שטיין וואָלט דאָרט געלעגן.

און איך ווייס נישט פאַרוואָס, בייגאַכט ליג איך אויף די קישנס און נעץ זיי כסדר אַדורך מיט טרערן, און בייטאָג ווייס איך נישט, אויף וועלכער וועלט איך גיי אַרום.

שבת, ווען ער פּוצט זיך אויס, און מיר שטעלן זיך ביידע ביים טיש, ער פון איין זייט און איך פון דער צווייטער, פרעגט ער מיך, וואָס איך זע אַזוי אויס... נאָר וואָס האָב איך אים צו זאָגן?.. — ענטפער איך נישט, און ער שווייגט אויך... נור אין אַ ווײַלע אַרום פרעגט ער ווידער:

— דו ווערסט נישט זיך דורכגיין אַביסל, ברכהלע?

איך האָב אים געזאָגט, אַז יאָ, און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געוואַרט, אַז ער זאָל גיין מיט מיר.

דערווייל איז דער טאַטע אָנגעקומען פון דאַוונען און שוין נישט אַוועקגעלאָזט אונז פאַרן עסן. און ביים טיש זיצט ער נעבן מיר און שפּילט זיך מיט מיינע פינגער, און מיר דאַכט זיך, אַז אַ ליכטיקייט קוקט אים אַרויס פון די אויגן, און אַז ער איז שוין ווידער דער אייגענער גוטער הערשעלע.

נאָר אַז מיר עסן אָפּ און גייען אַוועק אויף דעם ביאַלער שאָסיי, זע איך, אַז „דער וואָלף צ'יט אָבער פאָרט אין וואַלד אַריין"... און אַז אַנדערש וועסטו אים שוין נישט מאַכן. — נישט קיין שיקסע, נישט קיין שכנטעס מויד, נאָר קאָשאַרן זענען דאָרט פאַראַנען אָן דער זייט ביים שאָסיי, זעלנער אויך, וואָס שטייען ערשט אין אַ רייע אויסגעשטעלט צום מושטיר, און ער פאַר אַ זעלנער שפּרינגט פון דער הויט

אַרויס. לאָזט ער מיך אַליין איבער אויפן שאָסיי און ער איז שוין אויף יענער זייט ראָוו, אַרויף אויפן פעלד.

איך ווער איינגעזונקען וואַרטנדיק, נאָר ער שטייט דאָרט נעבן דער שורה רויטע זעלנערישע פּנימער און האַקט זיך מיט די אָפיצירן און פעלדוועבל אויף רוסיש. איך זע פונדערווייטנס, ווי ער כאַפּט אַ היטל פון אַ זעלנערס קאָפּ, ווייזט עפּעס אויף דאָס אינעווייניקסטע צווישן אַלע אָפיצירן, מן־הסתם וועגן געביי, און אָן מיר הייבט אים גאָרנישט אָן איינצופאַלן צו דערמאָנען זיך.

איך זע שוין מיין סוף און שטיי און קלער.

אויפן שאָסיי יאָגט אַ ווינטל. טרייבט דעם שטויב. אַרום איז ליידיק, און איך הייב אָן אַליין צוריקצוגיין. נאָר ווו ביי איך? איך וועל קומען צוריק אין שטאָט אַריין, גיין דורך די גאַסן איינע אַליין: וואָס גייט זי עפּעס אַליין? — וועט מען מיר נאָכקוקן, און איך שפּיר, ווי די טרערן קומען מיר אין די אויגן אַריין. ערשט איך דערהער, ווי הינטער מיינע פּלייצעס יאָגט ער מיר נאָך און שרייט:

— ברכהלע, ברכהלע! — — —

איך שטעל מיך נישט אָפּ, נאָר גיי ווייטער, ביז ער קומט צו לויפן אָפּגעסאָפּעט און נעמט מיך צוריק אָן אונטערן אָרעם.

— וואָס ביזטו אַנטלאָפן? — פרעגט ער.

— איך גאָר בין אַנטלאָפן?..

ער שווייגט און רעדט שוין נישט קיין איין וואָרט.

„יאָ — טראַכט איך — עס איז אַלץ פאַרטיק"...

און אַהיימקומענדיק, מאַך איך ביי מיר אָפּ, אַז עס טאָר אַזוי נישט בלייבן, איך זאָל זיין מער צוגעבונדן צו אים, ווי ער צו מיר.

איך האָב מיך איינגעשפּאַרט, און, ווי ווייט איך האָב געקאָנט, געזוכט אויסצופירן, גאַנצע טעג צו אים קיין וואָרט נישט צו שמועסן...

איך ווייס נישט, צי האָב איך אים עפּעס געטון דער־מיט, נאָר געמאַכט האָט ער זיך, ווי ער וואָלט מפלומרשט דעם קאָפּ פאַרלוירן... אָבער איך פאַרשטיי מיך אויף די קונצן! ווער עס האָט שוין געהאַט אַ סך און פאַרלירנדיק זיי, האָט ער זיך פּונדעסטוועגן די אויגן נישט אויסגעוויינט, וועט, פאַר־לירנדיק נאָך איינע, זיך אויך נישט אויסוויינען די אויגן.

אָבער לייט ווילן פון דעם, וואָס צווישן אונז טוט זיך, נישט וויסן. מען זעט, עס שלעפּט זיך, עס שלעפּט זיך, און דאָ די צייט שטייט נישט. עס שלאָגט צו דער טערמין פון דער חתונה, גוטע פריינט און משפחה באַווייזן זיך ווידער אויף דער שוועל מיט די אייגענע „סקאַצל־קומען", און איך זע, אַז עס איז נישט גוט.

די מאַמע הייבט אָן פאַרוואָלקנט צו ווערן, אונטערצו־קרעכצן הינטערווייַלעכץ, פּונקט ווי אַ קוואָקע, אַז מען טרייבט זי אַראָפּ פון קײַשל אייער און מען לאָזט איר נישט אויסזיצן קיין הינדלעך. און אַמאָל קוקט זי אויף מיר מיט אַזאַ כעס, כאָטש נעמט און באַגראָבט מיך לעבעדיקערהייט. פּונוואַנען דערנעמט זיך דאָס אַלץ? אויף וועלכן באַרג־סיני האָב איך דאָס געשווירן אייך צוצושטעלן נחת, וואָס ווהין איך קער מיך נאָר, קוקן אַלץ בייזע אויגן אויף מיר? ערשט איך ווער געוואָר, אַז דאָס האָט „ער" פאַרקאָכט אַזאַ קאַשע אויף מיר, פאַרמסרט מיך פאַר גרויס און קליין, אַז איך וויל נישט חתונה האָבן. נאָר איך וועל אים דאָס נישט לאָזן אַזוי אַריבערגיין. און אַרויסגייענדיק איינמאָל ביינאַכט הינטער דער שטאָדט מיט אים, זאָג איך:

— דו ווייסט, אַז מיין שוועסטער חיהלע האָט שוין אַ געליבטן?

— טאַקע? — פרעגט ער זיך פאַרוווּנדערט.

— זי וויל אָבער נישט וואַרטן... — זאָג איך ווייטער — זי וויל חתונה האָבן, און איך מיט דיר, זאָגט זי, שטייען איר אין וועג...

ער דערהערט אַזעלכעס, שפּרינגט ער אויף:

— נו, איך דערלויב איר חתונה צו האָבן...

אָט האָט איר שוין, ווו עס ליגט דער הונט באַגראָבן... און איך גיי אַהיים, נאָר משוגע צו ווערן.

איך האָב אפילו נישט פאַר וועמען מיין האַרץ אויסצו־גיסן. אַ מענטש נעמט און פאַרקויפט מיך הינטן אַרום. און דערצו נאָך, וואָס ער שעכט, בלייבט ער נאָך גערעכט אויף פאַר דער גאַנצער וועלט.

אינדערפרי, אַז איך בין נישט אויפגעשטאַנען, זאָג איך: סיידן עס איז קיין גאָט נישטאָ אויף דער וועלט. אויב יאָ, מוז איך געוואָר ווערן, וואָס פאַר אַ שלאַנג איך האָב גע־האַלטן אויף מיין בוזעם.

און עס גייט נישט אויס קיין וואָך, דעמזעלבן שבת נאָך האָב איך זיך אַלץ דערוווּסט. אָנפאַנגס האָב איך געמיינט, אַז אין מיין מערכה איז שולדיק אפשר די שכנטעס מויד. ווער ווייסט, טאָמער באַגעגענען זיי זיך ערגעץ; די וועלט איז אָפן, לאָנקעס און פעלדער פעלן נישט. אויך האָב איך געקלערט, אַז אפשר געדענקט ער נאָך די שיקסע פון יעקאַטערינאָסלאַוו. ווער קאָן אָפּשאַצן יענעמס האַרץ? כאָטש געזאָגט האָט ער, אַז ער איז אַוועק — און „גאָרנישט"... נאָר אַצינד האָב איך שוין פאַרשפּאָרט צו קלערן. דאָ איז גאָר געווען אַן אַנדער געשיכטע, מיט אַ יינג ווייבל פון זיין שטעטל. זי איז געווען

אַ שניידערין, דער מאַן איז איר געשטאָרבן אַ האַלב יאָר נאָך דער חתונה, אַ קראַנקע צרה געווען. איז בשעת אויף דער גאַס איז געוואָרן אַן איבערגעלייף: ר׳ שמואלס זון איז געקו־מען פון די זעלנער, ר׳ שמואלס זון גייט... אַזוי ווי אין אַ קליין שטעטל, בשעת קינד און קייט זענען אים נאָכגעלאָפן פון הינטן קוקן אויף די זעלנערישע קנעפּעלעך, האָט זי, דאָס ווייבל, פּונקט אויך דערזען אים דורכן פענצטער. און נישט קיין חידוש, איך וואָלט אויך נישט בעסער געווען. האָט זי באַלד געזאָגט: זי זאָל אפילו וויסן מיטן קאָפּ צו פאַרלייגן, מוז הערשעלע זיין איר מאַן.

דעמדאָזיקן שבת טאַקע, ווען וועלכן איך דערצייל דאָ, האָב איך דערזען, בשעת ער האָט אַרויסגענומען דאָס טאַשן־טיכל פון קעשענע, גייענדיק מיט מיר אויפן שאָסיי, איז נאָכ־געפאַלן אויף דער ערד אַראָפּ אַ קליין צעקנייטשט בריוועלע...

גאָט מייִנער, ווי דער יינג האָט אַ בלישטש געטון מיט די אויגן, זיך געשווינט אומקוקנדיק צו מיר, צי איך זע נישט... און ווי געשווינט ער האָט זיך געגעבן אַ בייג אַראָפּ, אַריינכאַפּנדיק עס צוריק אין דער טאַש. אָבער איך מאַך מיך נישט זען, גלייך איך ווייס גאָרנישט, וואָס פאַר אַ פייער עס האָט זיך אין זיין פּנים אָנגעצונדן פאַר שרעק...

„נו, אַצינד — דאַכט זיך מיר — ווער שוין זיין געוווּנג"...

איך זע שוין נישט דעם וועג צוריק, אַזוי שווינדלט מיר פאַר די אויגן. ער פירט מיך אָפּ אַהיים, לאָזט מיך צוריק אַריין אין שטוב, דערנאָך גייט ער אין ערגעץ אַוועק, און איך בלייב זיצן איינע אַליין ביים פענצטער.

אינדרויסן שיינט די זון, נאָר מיר זענען די אויגן מיט טרערן פאַרגאָסן; בחורים און כּלה־מיידלעך שפּאַצירן איבער די

גאַס, אַ ליכטיקע וועלט, — נאָר מיר איז זי פינצטער געוואָרן...

אויף דער נאַכט שפּיר איך, ווי דאָס האַרץ קאָכט אין מיר, און איך וואַרט שוין נישט, ביז ער וועט מיך בעטן גיין שפּאַצירן, נאָר איך בעט אים.

אַראָפּ נאָך דער בריקן־גאַס, לינקס אויף דער לאָנקע, שטייט אַ קליין רוסיש „צערקוועלע״, און אַ זעלנער מיט אַ ביקס גייט אויף דער וואַך. דאָרט פליסט אַ טייך, און נעבן דעם טייך גייען מיר אַראָפּ. שטיל איז אַרום, די לבנה שיינט, און מיר ביידע זעצן זיך אויפן ברעג, און מען קוקט זיך איין, ווי דאָס וואַסער שטראָמט ביי די זייטן, יאָגנדיק רעדלעך מיט פּאַליעס מיט אַ שטיל גערויש. דאָס וואַסער איז אַזוי לויטער אַז מען זעט אויפן זאַמדיקן אָפּגרונט אַנטקעגן דעם שיין פון דער לבנה, ווי פישלעך שטייען מיט די רוקנדלעך אַרויף איבער איין אָרט און רירן זיך נישט, פּונקט ווי זיי וואָלטן אויך געפילט, אַז ס׳איז שוין שפּעט אין האַלבער נאַכט. די גאַנצע וועלט זעט אויס ווי איינגעהילט אין אַ שלאָף, נאָר די לבנה קוקט אַזוי מאָנטנע און בענקלעך אַראָפּ. און איך ווייס נישט, פאַרוואָס דאָס האַרץ איז אין מיר אַזוי פאַרפּרעסט געוואָרן, אַז איך האָב נישט קיין רשות אים, הערשעלען עפּעס צו זאָגן.

— הערשעלע — הייב איך אים אָן צו זאָגן — טייערער הערשעלע, זע נאָר, ווי שטיל עס איז אַרום אויף דער וועלט.

ער קוקט זיך אַרום און מאַכט:

— נו, איז וואָס־זשע? —

— איז גאָרנישט... — זאָג איך — אָבער ווען איינער

קומט מיט אַ שטעקן און הייבט אָן צו מישן אין טייך און מאַכט אָן אַן אומרויקייט צווישן די פישעלעך, וואָס וואָלטן אָנגעהויבן צו שווימען אַהין און צוריק מיט אַ שרעק — וואָלט עפּעס גוט געווען?

— פאַרוואָס — זאָגט ער — זאָל דאָס איינער קומען מיט אַ שטעקן און מישן אין טייך?

— און פאַרוואָס — זאָג איך — זאָל דאָס איינער קומען נאָך ערגער, ווי מיט אַ שטעקן, און מאַכן, אַז יענעמס געדאַנקען זאָלן אַזוי אַרומפליען ווי די פישעלעך?..

ער קוקט מיך אָן.

— הערשעלע, איך האָב דיר געוואָלט זאָגן עפּעס שלעכטס, ווען איך בין אַרויס פון שטוב, נאָר קומענדיק דאָ אַהער, האָב איך דערשפּירט, אַז איך בין איינע אַליין אויף דער וועלט און איך קאָן מיט דיר קיין שלעכטס נישט טענהן. פאַרוואָס פירסטו געשעפטן הינטער מיינע פּלייצעס?

— וואָס פאַרע געשעפטן? — קוקט ער מיך אָן.

— דאָס בריוועלע האָסטו נאָך?..

— וואָס פאַרע בריוועלע?

— אַזוי? דו ווייסט גאָרנישט אויך, וואָס פאַרע בריוועלע? הערשעלע, ווי איך זע, פאַרדרייסט דיך. אָבער איך וויל פון גאָרנישט וויסן. איך וויל נאָר איינס: דו זאָלסט מיר געבן דאָס בריוועלע... אָדער דו זאָלסט מיר גאָרנישט געבן און זאָגן מיר נאָר: „בלייב געזונט, ברכה!

— ווי איך זע, ביזטו גוט משוגע, — זאָגט ער און נעמט אַרויס פון קעשענע און דערלאַנגט מיר

גאָט אין הימל, וואָס פאַר אַן אומגליק צווישן אונז ביידע איז געשען! ער נאַרט מיך כסדר און דערלאַנגט מיר גאָר אַ לאָטעריי-צעטל.

— הערשעלע — שריי איך אויס — וואָס פאַרע שפּיל איז דאָס? דו ווילסט מיר קיין אַנדערס נישט געבן, דו האָסט נישט קיין אַנדערס?

— ניין.

— נאָר וואָס דען? דאָס?

— יאָ...

— און דאָס האָסטו מיט אַזאַ דערשרעק אויפגעכאַפּט אויפן שאָסיי, בשעת דער ווינט האָט עס געוואָלט אַוועק־בלאָזן?

— יאָ...

נו מילא, זע איך דאָך שוין, אַז איך האָב נישט מיט וועמען צו טענהן. גייען מיר צוריקצוּוועגס אַהיים, איך שוין אין איין זייט בריק און ער — אין דער צווייטער. און אַהיים־קומענדיק, ווער איך אין מיר ווי איינגעשלאָסן, וויל צו קיינעם נישט טענהן קיין וואָרט, אַפילו צו די שטוב־מענטשן.

די מאַמע הייבט מיר ווידער אָן צו זינגען פּזמונות, איצט שוין נישט בלויז מיט בליקן, נאָר מיט בייזע רייד, און אין שטוב קאָכט זיך מיט מיר, ווי אין אַ קעסל.

— מאַמע — שריי איך אויס איינמאָל — וואָס פאַרע געשעפטן האָסטו נאָך מיט מיר?

— דו מיינסט, אַז דו ביזט ערשט אַ מיידעלע, נעכטן דרייצן יאָר געוואָרן?.. — פרעגט זי מיך, און די אויגן בליש־טשען ביי איר.

— נו, וואָס־זשע ווילסטו, — זאָג איך — אַז איך בין נעכטן נישט קיין דרייצן יאָר געוואָרן? אַ זעלנער וועל איך אַלעמאָל קריגן...

אַז איך זאָג אַרויס אָט די ווערטער, איז הימל עפּן זיך! — דער טאַטע פאַלט אויף מיר אַרויף מיט אַ ציטערניש

פון כעס, אַז ער שאָקלט זיך אַזש, און די אויגן מיטן פּנים זעבען אַזש אָנגעגאָסן מיט בלוט.

— די קלאַפּטשיסקע, האָב חתונה און הער אויף דעם יינגנמאַן אַרומצופירן ביים קאָפּ!

— וויל איך נישט! — האָב איך אויסגעשריגן, און אַנט־לאָפן אין צווייטן שטיבל.

דער טאַטע יאָגט מיר נאָך:

— דו זאָלסט שוין אָפּלאָזן דעם שידוך... און איך בין שוין געווען פאַרמישט, האָב נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר, און בין אַנידערגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע אין חלשות.

. . . .

אָט דעמאָלט האָב איך געזען, וואָס עס הייסט שלעכט אויף דער וועלט. אָט בין איך מיט אייגענע אין איין שטוב, אונטער איין דאַך, און קיינער הייבט נישט אָן צו וויסן, וואָס ביי מיר אין האַרץ טוט זיך. אָן אומגליק איז דאָס, נישט קיין וועלט. און נאָך ערגער, וואָס איך טענה צו אים, חצרשעלען קיין וואָרט נישט און קוק נישט אין זיין זייט אַריין, ווי אַמאָל, ווען איך פלעג מיך שפּיגלען אין אים. מיינען מענטשן, אַז ער איז דאָס נעבעכל, און אויף מיר קוקן אויגן מיט אַזויפיל פייער, נאָר צו פאַרברענען, ווי איך גיי און שטיי, לעבעדי־קערהייט כאָטש מיטן אַנטון...

נו, וואָס־זשע זאָגט מען צו אַזעלכע מיני געשעפטן? איך וואָלט געדאַרפט כאָטש אויפשניידן דאָס האַרץ, ווייזן, ווי הושך עס איז דערינען: נאָט אייך, מענטשן, קוקט אַריין און זעט... ערשט דעמאָלט וואָלטן זיי זיך מיישב געווען...

אָבער וואָס טויג מיר דאָרט די רייד, אַז דאָס אומגליק איז גרויס? און פונקט ווי דער שפין זיצט אין ווינקל, און די פליג ראַנגלט זיך אינדערמיט שפינוועבס, אַזוי זיצט ער אָפּ גאַנצע שעהן שטיליטשקערהייט ביי אונז אין שטוב. ער האָט שוין גאָר די אַרבעט אויך אָוועקגעוואָרפן און וואַרט נאָר, פונקט ווי דער שפין, צוצוגיין און אַריינצושטעקן זיין נעדעלע דער פליג אין קעפל אַריין... אַ בראָך, אַן אומגליק זאָל דער פאַלשער וועלט געשען. וואָס זיצט ער נאָך און קוקט נאָר אויף דער שטוב מיט אַ פאַרלוירענעם קאָפּ און מכלומרשט תמעוואַטע אויגן? וואָס וויל ער מיר נאָך ווייזן, — אפשר זיינע טרערן אויך? איך ווייס דען נישט, אַז דער, וואָס האָט שוין פאַרלוירן אַ שיקסע אין יעקאַטערינאָסלאַוו און האָט זיך די אויגן נישט אויסגעוויינט, וועט זיי ביים פאַרלירן מיך אויך נישט אויסוויינען? — נאָר פאַר דער וועלט דאַרף ער דאָס אפשר צו האָבן?.. און מיין טאַטע, דער נאָר, הערט נאָך, וואָס מענטשן קומען צו גיין, מכלומרשט אונטערגעשיקט פון אים, הערשעלען, און טענהן צו אים: ר' דאָס, ר' יענץ, פאַרוואָס לאָזט איר אַזוינס געשטאַטן? פאַרוואָס מאַכט איר נישט תתובה?..

אָבער דאָס קריגל טראָגט אַזוי לאַנג וואַסער, ביז דאָס אויערל רייסט זיך נישט אָפּ, און אויך דאָ האָט עס דאָך געמוזט אַמאָל אַ שוואַרצע ענדע נעמען, און דער אמת זאָל אַרויס, ווי בוימל אויפן וואַסער. און דעמאָלט האָט זיך ערשט הערשעלע באַוויזן מיטן גאַנצן קנאַק, וואָס ער איז און וואָס ער האָט געמיינט. אַ סוף, אַראָפּ די אַלע מאַסקעס פון פנים.

דאָס איז געווען אין אַ שבת אינדערפרי. דער זייגער האָט ערשט געמוזט זיין אַרום ניין, דער טאַטע איז שוין ביים השכמה־דאַווענען, און וואָס אויף דער גאַס טוט זיך, האָבן

מיר נישט אָנגעהויבן צו וויסן פון קיין שום פותר־חלום, קומט פּלוצלינג אַריינצולויפן אַ ייִנגל מיט אַ פּראַל־אויף די טיר.

— גייט נאָר אַרויס, אייער הערשעלע מושטירט אַ גאַנצן באַטאַליאָן זעלנער אין מאַרק...

מילא, הערשעלע מושטירט אַ גאַנצן באַטאַליאָן זעלנער אין מאַרק, ווייס איך דאָך... ער האָט נאָך דעמאָלט שבת אַ שפּרונג געטון ווי אַ וועוויערקע אויפן פעלד אַרויף צו די זעלנער. און אויף די תנאים אפילו איז ער דאָך נאָך געזעסן אין זעלנערישן היטעלע... נאָר די מאַמע הייבט אָן צו טאַמלען און צוריק צו פאַלן, עס ווערט איר פינצטער פאַר די אויגן פון דער בשורה, און די שטוב אינגאַנצן, פונקט ווי זי וואָלט איינגעבראָכן געוואָרן. הערשעלע, וואָס דו קאָנסט! האָסט דאָך די נאַכט דאָ געגעכטיקט. ביזט אַוועק פון שטוב, איז געווען דער זייגער אפשר אַרום זעקס, ווען ביזטו שוין געוואָרן „פּאָלקאָוונ̇יק"?... נאָר קלער היינט, קלער מאָרגן; הערשעלע ווייס איך, קאָן אַלץ... און דאָ אינדרויסן, דורך די פענצטער, זע איך, איז שוין אָן איבערגעלייף פון שכנים, איבערלאָזנדיק הפקר די שטובן, אַז מען האָט אפילו נישט קיין צייט די אויפגעפּראַלטע טירן צו פאַרהאַקן נאָך זיך: הערשעלע מושטירט זעלנער, און די גאַנצע שטאָט לויפט.

די יידן, וואָס זענען געווען אין שול, האָבן אויך פון גאָרנישט געוווּסט. זיי גייען אַהיים פון דאַווענען, און דער טאַטע אויך צווישן זיי, אַ גאַנץ בינטל צוזאַמען, אַלע מיט טליתים איבער די אַקסלען אַריבער, אַזוי ווי שבת, און מען שמועסט צווישן זיך. ס'איז פונקט אַ שיינער טאָג, די זון שיינט. ערשט מען קומט אין מאַרק אַריין, עס גיט אַ בלישטש פאַר די אויגן פון אַלע זייטן. דער גאַנצער מאַרק באַלייגט מיט אויסגעשטעלטע שורות זעלנער, אומעטום שורות אָנגעפּרעסטע זעל־

בערישע פנימער. „באַטשאַלסטווע” שטייט אינדערמיט, בלישטשענדיקע שיידן פון שווערטן ביי די זייטן, יום-טובדיק אויסגעפוצט, מיט פאַפּיראָסלעך צווישן די פינגערלעך, מיט די ווייסע הענטשקעלעך און אַרויסגעשטעלטע פיסלעך אויף פּאָרנט, אַזוי אַז עס לעבט זיך... די גאַנצע שטאָט, ווייבער און מענער אין די זיידענע קליידער מיט די שוואַרצע היטלען און חתנים מיט כּלות, ליגן אַרום ביי די זייטן באַלייגט, ווי די פליגן. און הערשעלע גייט פון איין שורה זעלנער צו דער צווייטער. ס'איז אַ סמאָטר, מען האָט ניי אָנטועכץ אַרויסגעגעבן, און ער שטעלט זיך אָפּ ביי יעדן איינציקן, ווו מען דאַרף אַ קנעפּל איבערשטעלן אָדער אַן אַרבל עטוואָס אויפהייבן, און ער צייכנט דערווייל מיט אַ שטיק קרייד... ער האָט זיך אָנגעגעבן אויף אַ צווייטער „סלוזשבע”...

מילא, עס איז פאַרפאַלן. דער טאַטע איז אַהיימגעקומען מיט דעם פּאַטש אין פּנים... זיך געזעצט אויף דער שלאָפבאַנק, אפילו נישט אַראָפּגעלייגנדיק דעם טלית פון זיך, און אַזוי שווער, פּונקט ווי מען וואָלט אים די פיס אונטערגעהאַקט. פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט. ער האָט דאָס פּאָר ליב אָנגענומען און געגאַנגען צום טיש, נישט ווילנדיק זיך פאַרשטערן דעם שבת.

נאָר געשוויגן האָבן מיר אַלע, קיינער האָט אַ וואָרט נישט גערעדט, אַזוי ווי טויטע זענען מיר שטיל איבער דער שטוב אַרומגעגאַנגען. און עפּעס אַ מאָדנע פאַרזונקענע שטילקייט איז אויף דעם דרויסן הינטער אונזערע פענצטער אויך געלעגן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די מענטשן האָבן זיך ערגעץ ווי אָפּגעשיידט פון אונז מיט אַ גרויס רחמנות. און נאָך דעם עסן, ווען מיר זענען שוין אַלע געלעגן אויף די געלעגערס, האָב איך געזען, ווי אַלע ווילע רוקט זיך צו אַן אַנדער

קינדעריש פנימל צו דער שויב און וואַרפט אַ שטילן בליק אין שטוב אַריין...

זונטיק אינדערפרי איז דער טאַטע אויפגעשטאַנען, אַוועקגעגאַנגען צום רב, געשיקט נאָך הערשעלען און צעריסן די תנאים.

נאָר אַהיימקומענדיק, האָט ער געזאָגט:

— קינדערלעך, מער וויל איך שוין נישט לעבן...

אין שטוב איז געוואָרן אַ געוויינעריי, איך האָב מיך אויך פאַרבאָרגן און אינדערשטיל געשטיקט זיך מיט די טרערן. דער טאַטע איז שוין געווען געל, ווי אַ מער, פון נעכטיקן קלאַפּ און היינטיקן צולאַג, און וואָס אַ טאָג האָט ער אַלץ ערגער אויסגעזען.

הערשעלע האָט זיך באַלד צוריק אָפּגעזאָגט פון דער סלוושבע, ווייל דאָס האָט ער דאָך נאָר אָפּגעטון. אַ שפּיצל... איז אַהיימגעפאָרן, געשטעלט אַ חופה באַלד אין אַכט טאָג אַרום. טאַקע מיט יענעם ווייבל... און אין דריי חדשים אַרום איז מיין פאָטער געשטאָרבן! —

אויף דער לויה איז אפילו זיין איינציקער ברודער, הערשעלעס פאָטער, נישט געקומען. אָט אַזוי האָב איך געהאַט אַ געשוועסטערקינד און אַ חתן!..

• • • • • • • • •

אַז ברכהלע האָט געענדיקט איר מעשה דערציילן, האָב איך מיך אַרומגעקוקט און געפרעגט:

— וווּ געפינען מיר זיך ערשט?

— אויף דעם ביאַלער שאָסיי. — האָט זי געענטפערט.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. דער הימל

איז געווען שאַרף אויסגעשטערנט. אָבער פונדערווייטנס, פון אַ דערפל, וואָס איז געשטאַנען, ווי אַ שוואַרצער פלעק אינמיטן דער נאַכט, האָט זיך געהערט אַ קרייען פון העגער שוין אויף טאָג.

מיר זענען צוריקגעקומען הינטער יענעם דערפל און שטיין געבליבן ביי אַ גרויסן שטיין, וואָס ליגט שוין פון יאָרן־לאַנג, און פון ווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן, איז דאָס זאַמד פון אַרום זיינע זייטן געוואָרן אָפּגעקערט. ברכהלע איז געשטאַנען מיט די קני צוגעשפּאַרט צו דער זייט פון שטיין, כדי די פיס אָפּצורוען.

אַרום איז געווען שטיל, די הייזלעך אויסגעלאָשן, נאָר אַ צלם אויף אַ בערגל האָט געוואַכט איבער די דעכלעך פון דאָרף, אַ פאַרגליווערטער, שטייענדיק אין דער נאַכט און קוקנ־דיק אין הימל אַריין...

פּלוצלינג האָט ברכהלע אויפגעהויבן איר בלאַס געזיכט און געזאָגט מיט אַ שטילער פאַרזאָרגטקייט:

— אם־ירצה־השם, אַז אַ געליבטער וועט זיך מיר פאַר־שלאָגן, וועל איך אים הייסן שווערן נאָר אויף דעם אָרט...

איך האָב זי אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט.

— איר קוקט?.. — פרעגט זי — יאָ, נאָר אויף דעם אָרט. דער שטיין איז אַ ווילער עדות, ער שווייגט...

— איר פלעגט דאָ שפּאַצירן מיט יענעם חתן?

זי האָט אַרויסגענומען אַ ווייס טיכעלע, און אָפּווענדנדיק דאָס געזיכט, געווישט די אויגן...

— קומט, ברכהלע, אַהיים... — האָב איך צו איר פּלוצ־לינג געזאָגט — עס מוז שוין זיין שפּעט. — —

צוזאַרגנס אינדערפרי, ווענד איך מיך צו איר:

— ברכהלע — זאָג איך — דו ווייסט, נאָך וואָס איך בין געקומען, און דיין ברודער האָט מיך געשיקט?..

זי קלערט אַביסל מיט פאַרמאַכטע, ווייט אויסגעשטעלטע אויגן. דערנאָך ווי אין חלום, אָדער ווי אַ שווערע שאלה וואָלט איר געדריקט, הייבט זי אָן מיט האַלב־אָפענע ליפּלעך:

— ווי מיינט איר וועגן דעם נעכטיקן דערציילן?

— אַז וואָס?

— איך מיין, וואָס זעט איר, ער האָט מיך געליבט, צי נישט?

— ווער?

— דער חתן מיינער?

— ברכהלע, דו ווייסט נישט?..

זי האָט געשוויגן אַ ווײַלע. דערנאָך האָט זי אַ צוק געגעבן מיט די אַקסלען:

— איך ווייס נישט...

איך בין שטיל געבליבן. דערנאָך האָב איך מיך ווידער געווענדט צו איר:

— הער, ברכהלע, איך האָב דאָ, דאַכט זיך, גאָרנישט וואָס צו טון. ווי מיינסטו, זאָל איך פאָרן אַהיים?

— פאָרט געזונטערהייט...

— און אַ בריוול כאָטש שרייבן?

— שרייבט. — שאָקלט זי מיטן קאָפּ.

איך בין אַוועקגעפאָרן, נאָר נישט געשריבן.

אין אַ שטיקל צייט אַרום אָבער פאַלט מיר איין, אַז איך מוז זי אַליין נאָכאַמאָל זען, און איך פאָר ווידער.

— גוט — זאָגט זי — וואָס איר זענט געקומען. שרייבן נאָך אייך בין איך נישט געווען דרייסט...

און, אַוועקרופנדיק מיך אָן אַ זייט, גיט זי, קינדעריש רויט-ווערנדיק און מיט אַ פינקל מיט די אויגן, מיך אַ פרעג:

— אָבער איר האָט מיך ליב?..

איך בין שטיין געבליבן אַ פאַרגליווערטער, נישט וויסנדיק, וואָס מיט מיר טוט זיך.

— הערט — זאָגט זי ווייטער — איך האָב באַשלאָסן קיינמאָל נישט חתונה האָבן...

— און אויף דעם האָט איר מיך געדאַרפט?..

— ניין, אויף עפּעס אַנדערש... — לאָזט זי אַראָפּ דאָס קעפּל.

— אויף וואָס?

— מען זאָגט דאָך, אַז אויב איינער האָט איינע ליב, קאָן ער טון פאַר איר־עטוועגן זאַכן גלאַט אַזוי, פאַר גאָרנישט... וואָלט איר מיר געטון עפּעס אַ געפעליקייט? — בלייבט זי שטיין מיט צוויי פאַרשטעקטע פינגערלעך אין מויל.

— אויב נאָר מעגלעך, — זאָג איך.

— איר זאָלט מיר געוואָר ווערן, צי יענער האָט מיך געליבט...

— ברכהלע, נאָך וואָס טויג דיר דאָס? יענער האָט דאָך שוין חתונה געהאַט?

— ניין. ס׳שאַדט נישט, גלאַט אַזוי.

— איך קאָן נישט.

— ווילט איר נישט, הייסט עס? — האָט זי אויף מיר אַ קוק געגעבן, אַרויפשאַרנדיק אַ פּאָר לאָקנדלעך איבערן אויער.

— איך קאָן נישט, האָב איך אייך געזאָגט.

— אָבער הערט: אין איין פאַל האָב איך באַשלאָסן

חתונה האָבן — אויב ער האָט מיך נישט געליבט... ווילט איר שוין געוואָר ווערן?

— גוט — זאָג איך — איך וועל געוואָר ווערן. אָבער ברכהלע, ווי אַזוי?

— פּאָרט אַריבער צו אים טאַקע און פרעגט אים אַליין. איך מיין, אַז אַצינד איז אים שוין סיי-ווי-סיי אַלצאיינס, און ער וועט מיך ערשט נישט נאַרן...

— גוט — זאָג איך — איך פאָר!..

איך לויף אַרויס אויף דער גאַס:

— הע, דראָזשקאַזש, פיר מיך אָפּ צו דער באַן!..

— משוגענער, — קלאַפּט זי צו מיר אַרויס דורך דער שויב מיט אַ שמייכעלע — לויף נישט אַזוי, יאָג נישט אַזוי...

— א, טייער מיידל — טראַכט איך — ערשט ביזטו שוין זיכער מיין... וואָרום ער האָט דיך נישט נאָר נישט געליבט, נאָר פאַלש געווען, טויזנט מאָל פאַלש!

און, קומענדיק דאָרט אַהין אין שטעטל, פאַל איך גלייך אַריין צו אים אין שטוב.

— גאָט-העלף, — שריי איך אויס. און פאַר מיר שטעלט זיך אויף איינער מיט אַן אַריבערגעוואָרפענער שניידערישער מאָס איבער דעם האַלז, אין בלויזן וועסטל און אין די העמד-אַרבל, קוקנדיק מיר אין די אויגן אַריין, וואָס איך וויל.

— איר וועט זיין אַזוי גוט — זאָג איך — און גיין מיט מיר אַרויס אַביסל שמועסן...

— וועגן וואָס? אַן אָנצוג?

— ניין... — און, וואַרפנדיק אַ בליק צום ווייבל ביים קוימען, רוים איך אים איין אין אויער — וועגן ברכהלען...

— איך האָב נישט, וואָס צו שמועסן... — זאָגט ער און זעצט זיך צוריק אַנידער אויף זיין אָרט, קאַלטבלוטיק, ווי אַ גזלן.

— אָבער, מענטש! — שריי איך אויס — איך האָב גע־לייגט צו אייך עקסטרע הוצאות, און איר קאָנט נישט פאַר־לאַנגען, אַז איך זאָל פאָרן צו אייך אומזיסט!

ער כאַפּט געשווינט דאָס רעקל אויף זיך און, ווי אַ ווינט, פליט ער מיט מיר אַרויס פון שטוב, אַז דאָס ווייב ביים קוי־מען קוקט אַזש דערשראָקן.

— ווו ווען מיר גיין?

— קומט אין אַ שענק אַריין.

און ביי אַ טישל זעצן מיר זיך אַנידער אין אַ באַ־זונדער צימער.

— טפו! — גיט ער, אָנהייבנדיק דער ערשטער, אַ שפּיי — ווען וואָס האָט זי אייך געשיקט צו מיר, וועגן מוחל זיין?..

„ע, פעטער — טראַכט איך — די שפייסט שוין. די הייבסט שוין אָן אַ געשעפט מיט מחילה, אַזוי ווי ביי אונז, יידעלעך, עס פירט זיך, כדי געלט אויסצורייסן"...

— ע, זייט אַזוי גוט — זאָג איך — שפייט נישט. דאָס איז נישט קיין קלייניקייט. נישט נאָך קיין מחילה בין איך גע־קומען. נאָר דאָ האַנדלט זיך וועגן צוויי נפשות...

— וועגן מיר און איר?..

— וועגן אייך און איר? פאַרוואָס נישט וועגן מיר און איר?..

ער ענטפערט נישט.

— פאַרוואָס עפּעס וועגן אייך און איר? — פרעג איך באַכאַמאָל.

— טאָ וואָס־זשע האָט זי פּאָרט געשיקט צו מיר?

— אַזויערנאָך הייבט זיך ערשט אָן אַ נייער מאַרק מיט אַ ניי מין דינגען... — זאָג איך — איר וועט זאָגן, אַז איבער אייך און איר, און איך — איבער מיר און איר. טאַ ווי אַזוי־

זשע וועט די קאַץ קומען איבערן וואַסער? איר מוזט דאָך איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרשטיין די זאַך: אַז געליבט האָט איר זי נישט, די תנאים האָט איר צעריסן. טאָ וואָס־זשע נאָך?..

— געליבט האָב איך זי נישט?

— וואָס, איר וועט אפשר זאָגן, אַז יאָ? הייסט עס, אַז דאָ הייבט זיך ערשט אָן אַ נייער מין מאַרק?

— איר ליבט זי דען אויך?..

— דאָס איז נישט קיין נפקא־מינה...

— ניין — זאָגט ער — איך דאַרף דאָס וויסן.

— איר דאַרפט וויסן? — פרעג איך — איך דאַרף וויסן, צי האָט איר זי געליבט.

— ניין — ענטפערט ער ווייטער — איך דאַרף גיכער וויסן, צי איר ליבט זי, ווי איר דאַרפט וויסן, צי איך האָב זי געליבט. וואָרום דאָס איז שוין אַריבער...

„ס׳אַנדערע — טראַכט איך — איר האָט דאָך שוין סיי־ווי־סיי אַ ווייב”...

— יאָ, — זאָג איך — איך ליב זי...

— אַנטלויפט!

— ווו זאָל איך אַנטלויפן?

— אין דער וועלט אַריין. אַבי נישט צוזאַמען מיט איר...

— פאַרוואָס?

— יינגערמאַן, שעכט אייך נישט, — ס׳איז נאָך אַזאַ בריידל נישטאָ אין דער וועלט. דעם קאָפּ אין דער לבנה, אַז איר וועט האָבן, וועט זי אייך אויך נישט נעמען...

— פאַרוואָס?

— איך ווייס נישט. נאָר אַזוי איז עס געווען ביי מיר...

— זי האָט דען אייך נישט געוואָלט?

— ניין, נישט שפּאַצירן גיין, נישט קוקן אפילו אויף מיר.

— און איר האָט זי יאָ געוואָלט?

— יאָ.

— און איר האָט זי געליבט?

— צי איך האָב זי געליבט?

אָטאָ־דאָ האָב איך שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן און אויפגעשפּרונגען פאַר כעס.

— דאָס איז נישט מענטשלעך, איר פאַרשטייט?.. איר באַרעדט זי נאָך. איר האָט זי געלאָזט שטיין אַליין אויפן שאָסיי און איר זענט אַוועקגעשפּרונגען צו די זעלנער. דאָס מיידל האָט זיך דעמאָלט די אויגן אויסגעוויינט אַהיימקומענדיק.

— אַן אומגליק זאָל עס געשען! — גיט ער אַ קלאַפּ מיט אַ קופל ביר אין טיש אַריין — איר גאַנץ פירן זיך מיט מיר איז געווען אויף אַזאַ אַרט... שטענדיק נאָר געלעגן אויפן בעט און געוויינט. וועגן וואָס? ווייל זי האָט מיך געוואָלט, צי ווייל זי האָט מיך נישט געוואָלט? וועגן וואָס וויינט אַ מיידל?..

— זאָגט איר, אַז איר האָט זי געוואָלט?

— פרעגט זיך ביי די שטוב־מענטשן און אַלע שכנים.

— דאָס איז אַ פאַרשאַרטקייט פון אייער זייט. און דאָס בריוועלע, וואָס איר האָט אַראָפּגעלאָזט אויפן שאָסיי?..

— מענטש, זאָל איך ברענען, ווי אַ פייער, אויב זי האָט נישט געזוכט עקסטרע תרוצים... וואָרום איך זאָל גלייבן, אַז עס האָט זיך איר פאַרשטעלט פאַר די אויגן, קאָן איך אויך נישט. וואָרום איך האָב דאָך איר געוויזן שפּעטער, אַז עס איז אַ לאָטעריי־צעטל... און פאַרוואָס־זשע האָט זי מיר נישט געגלייבט. האַ? האַ?

— און דאָס מיט דער צווייטער סלווזשבע?

— אַ שפּיצל, בנאמנות... וואָרום איך האָב שוין געזען
סיי-ווי-סיי, אַז איך בין אַ פאַרלוירענער...

— און מער זענט איר אין דעם גאָרנישט שולדיק?..

— גאָרנישט, ברודער, גאָרנישט! — האָט ער ביי דעם
לעצטן וואָרט געגעבן אַ פאַל צוריק מיט די פּלייצעס אויף
דעם אָנלען פון דער שטול, ווי אַן אומבאַהאָלפענער. און, פאַר-
טראַכטנדיק זיך אין דער ווייטקייט אַריין, האָט ער אַ קרענק-
לעכן שמייכל געטון:

— דאָס ערשטע מאָל דערזען זי, ווען איך בין נאָר אין
שטוב צו זיי אַריינגעקומען, גלייך פון די זעלנער, שטייט זי
מיר נאָך פאַר די אויגן...

איך האָב מיך געזעגנט מיט אים, און אַרויסקומענדיק
אויף דער גאַס, ערשט דעם אָטעם געכאַפּט:

— ווי גייט מען ערשט? וואָס זאָל איך איר זאָגן?..

אײפּער און נעװזים

איך זאָל אייך גיין דערציילן פון אָנהייב אָן און אויס־פירלעך: — ווער ווייסט, צי עס וואָלטן מיר געגוגט מעגלעכ־קייטן אויף צו קאָנען אויפוויקלען דאָס אַלץ, וואָס איז פאַר מיר אַליין אַזוי נישט באַשטימט. איינס נאָר קאָן איך זאָגן: אַז אַ געוואַלטיקן פרווו האָט אַ מענטש אויסצושטיין אין אַזאַ פאַל, ווי עס האָט מיט מיר פאַסירט און מסתמא פאַסירט עס אויך מיט נאָך טויזנטער אַנדערע. איך האָב מיך פאַרליבט אין אַ מיידל. אָנגעהויבן האָט עס זיך, ווי מיינסטנס, אומגעריכט. איך האָב זי באַגעגנט אויפן לאַנד, ווען איך בין געווען דאָרט אויף אָפּצורוען. איך בין אַ לערער פון מוזיק און, ווי אַזעלכער, האָב איך באַקאַנטשאַפט מיט שענערע שטובן, מיט אייניקע טעאַטער־אונטערנעמער, מיט די דירעגענטן פון די טעאַטער־אָרקעסטערן און אויך מיין הויפּט־פרנסה צי איך פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט. אין דער צייט פון זומער־קאַניקולן, ווען אַלץ צעפאָרט זיך אויפן לאַנד; די טעאַטערן אין שטאָט האָבן דעמאָלט נישט וואָס צו מאַכן און די אונטערנעמער פאָרן אַרויס; דערלויב איך מיר אין יענער צייט אַביסל אָפּצורוען. ווי אַזוי איך האָב מיך מיט דעם מיידל דערנענטערט, איז נישט אינטערעסאַנט. איך האָב זי דערזען דאָס ערשטע מאָל; זי איז געווען אַ יאָר זיבעצן: זי האָט גאַנץ שיין געזונגען, גאַנץ פיין געפלוידערט וועגן זאַכן, גאָר נישט ווי פון קלענערן

אָרט. געשפּרונגען, געטאַנצט, אַ גאַנץ געשיקטע פיגור און אפילו צוויי קלוגע, ברענענדיקע אויגן — אָבער לאַכן האָט זי געקאָנט, גייט דאָס שוין איבער אַלע אַנדערע מעלות אירע...
איך האָב מיר נישט איינמאָל נעקלערט: ווען אַ טעאַטער דאַרף האָבן אַ ספּעציעלע העלדין, אין אַ פּיעסע, צום לאַכן, וואָלט עס זי געמעגט איינלאַדן פאַר אַ ראַליסטין אין דער ראָלע. און אַזוי איז עס געווען, זי האָט מיך מיט דעם געלעכטער אָנגעשטעקט. איצט ווייס איך, ווי אַזוי אַזאַ פּראָווינצער מיידל לערנט אויס אַזעלכע גרויסע חכמים, ווי איך, צו האַלטן דעם קאָפּ אויף די אַקסלען. איר וועט הערן ווי אַזוי נישט ערנסט אַזעלכע מיידלעך זענען אין זייערע האַנדלונגען און ביז וויפל זייער לייכטזין דערגייט, וועט איר אָדער אַנטלויפן, אָדער פאַרלייגן די הענט אויף דער ברוסט און שטיין, ווערן צוגעקאָוועט צום אָרט פון פאַרחידושונג.

דער וואַלד איז אַ גרויסער דאָרט, און כאָטש עס איז נישט ווייט פון אַ באַן-ליניע, דאָך די וועלדער, וואָס מען זעט אויף אויף זומער-וווינונגען, קומען גאָרנישט צו אים. דאָרט די טיפקייט פון וואַלד איז אויף לאַנגע, לאַנגע קילאָמעטער — און קיין מענטש נישט צו זען פאַר די אויגן. די הויכקייט פון דיביימער, בשעת זיי וויגן מיט די קעפּ, דאַכט זיך דיר, אַז זיי שרייבן מיט די שפּיצן אויפן הימל, און אונטן — אַ מאָך, די באַגנעס, — מיט הויכע גראָזן און די שטאַמען אַרום אַזוי גראָ און אַלט. אַז דו קוקסט פונווייטן, דאַכט זיך דיר נישט איינמאָל, אַז אַ גראָער וואָלף איז יעדער שטאַם, ביז דו קומסט נישט צו נעענטער... אין יענעם וואַלד אַריין האָט מיך פאַרגלוסט גיין שפּאַצירן מיט דעם מיידל.

— מינקע — זאָג איך — מיר גייען...

— איך בין שטענדיק גרייט... — ענטפערט זי מיט אַ געלעכטערל, וואָס צעשאָקלט אַזש דאָס האַרץ.

— גוט — זאָג איך — קום, מיר וועלן זיך טאַקע אַביסל דורכגיין.

— מיט קאַזשעלקעס, צי אָן?.. — פרעגט זי.

— פאַר מיינעטוועגן — זאָג איך — זאָל זיין, אַז מיט... קאָנסט אפילו גיין אויף די הענט אויך... אַבי דאָס קליידל זאָל זיך דיר נאָר נישט צופיל פאַרשאַרצן... וואָרן דעמאָלט — זאָג איך — אַנטלויף איך אַרויס פון וואַלד...

— ע... — זאָגט זי — ביי מיר אַנטלויפט מען נישט... און דאָס קליידל, — מאַכט זי, אינאיינוועגס אַ קוק טוענדיק און אַ צי אַראָפּ געבנדיק עס אַרום זיך ביי די קניען — עס איז גענוג קורץ... ס׳האָט זיך שוין באַלד נישט, וואָס צו פאַר־שאַרצן...

— זאָלסטו אַזוי געזונט זיין — זאָג איך — ווי איך וואָלט נישט אַרויסגעלאָפן פון וואַלד, ווען נאָר נאָך איין קליין ביסל עס פאַרשאַרצט זיך... — און דערביי גיב איך איר אַ קניפּביים בעקל און אַ לייכט פּעטשל צו.

— נו, נו... — זאָגט זי — ע׳מיר שוין זען, ווי דו וועסט אַנטלויפן.

און אַרויפלייגנדיק דאָס לייכטע טיכל אויף די אַקסלען, שטייט זי שוין גרייט און גיט זיך אַליין אַ צי פאָרויס, נאָך ברייער פאַר מיר, און איך גיי איר נאָך פון הינטן.

— וואַרט, האָסט קיין צייט נישט?..

— נו, נו... — מאַכט זי — מיין מאַמע האָט געוואַרט האָט זי שפּעט חתונה געהאַט...

— און גענוג צייט געהאַט — זאָג איך — צו האָבן אַזאַ כּלי ווי דו...

— ביזט אויך גערעכט... — זאָגט זי — זאָל איך מיך דעריבער — זאָגט זי — נאָכשלעפּן נאָך דיר?.. איך האָב ליב, אַז מען שלעפּט זיך נאָך מיר...

— האָסטו יאָ ליב? — פרעג איך — טאָ וואָרט-זשע...

און איך גיב זי אַ פּאַק אָן הינטן ביים קליידל...

אָבער אַזוי פלינק, ווי אַ פויגל און ראַש, ווי אַ שאַרנע גיט זי זיך אַ ריס-אויס פון מיין האַנט און — גיי, יאָג זיך נאָך איר... נישט נאָר וואָס זי איז פאָרויס, נאָר שוין צען מאָל אַזוי ווייט...

נו, אַז איך זע אַזוי, טראַכט איך: דאָס איז אויך נישט שיין... מען מוז איר נאָכהאַלטן, אַז נישט וועל איך זיין אַ שלימזל און גלאַט אַ צעקראָכענער: איך קאָן אפילו קיין מיידל נישט נאָכיאָגן... קיין גיכן טריט נישט שטעלן... וואָס דאָס האָבן מיידלעך ליב... ווי פאַרשטייט איר? אַזאַ קריכן, דאָס איז דאָך די לעצטע מאָדע פון ספּאָרט...

פאַרשטייט זיך, אַז איך יאָג אַ שוים פון האַלז, אַבי זי צו כאַפּן... אָבער אומזיסט — עס גייט נישט, מיין פריינט... אַלע אָנשטרענגונגען זענען פאַרלוירן... איר פוס איז האַרט, ווי פון דראָט, איר פיגור קיילעכדיק און שלאַנק און בייגעוודיק, און דאָס קעפּל — אַזוי שמאָל... אַז עס איז אַ מחיה צו קוקן, ווי עס שניידט זיך אינדערלופט, ווי פון אַ ווילד, צוויי-יעריק פערד.

די פאָרויס און איך נאָך, ביז אין עק וואַלד. ערשט קוים אויפן גראָז פאַל איך אָן כוחות, און זי — לאַכט איבערן גאַנצן וואַלד... און בראַש צווישן די ביימער קלינגט עס אָפּ אין דער טיפקייט אַריין, נאָך דרייסיק מאָל איבערווידערנדיק זיך, און איך ליג, הער אויס, פּונקט ווי אַ נישט-גוטער וואָלט

צוגעזוען מיין „ביטערע" לאַגע און צעקייקלט זיך פאַר געלעכטער...

אַז איך שטיי אויף, זאָגט זי:

— נו, דו וועסט שוין נישט פון מיר אַנטלויפן?..

— ווי אַזוי — זאָג איך — אַז דו אַנטלויפסט פון מיר?

— אַזוי — זאָגט זי — דאַרף טאַקע זיין... און דו וועסט מיך יאָגן...

— נו גוט, אָבער שטיי-זשע אַ מינוט. איך וויל דיך אָנגעמען ביים אָרעם...

— אַלץ נישט דאָ, טיפער אין וואַלד...

— פאַרוואָס נישט דאָ? — זאָג איך.

— דאָ זעען נאָך מענטשן... — און איר פנים צעלאַכט זיך ווידער ביי איר, אַז מען קאָן זיך נישט פאָרשטעלן גאָר...

— גוט — זאָג איך — איך ווייס, אַז דו נאַרסט מיך אָפּ... — און אין האַרץ טראַכט איך: „איך בין שוין אריינגעפאַלן"...

ווייל, ווי אַזוי נישט נאָכקריכן איר אומעטום, אַז זי האָט מיך שוין צעשפּילט... ווי אַזוי בלייבן זיצן, און אָט די דראָבנע ליפעלעך, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, נישט גוט אויסצוּוועלגערן צווישן מיינע... נישט פילן כאָטש איינמאָל דעם טעם פון ווייכקייט און זאַפטיקייט זייערע... ווי די זאַפטיקייט פון אַ גוט פריש שוועמל... איך האָב אַזש אָפּגעזיפצט און אָפּגעטאַפּעט פון שווערן לויפן...

זי, ווייזט אויס, האָט דאָס באַמערקט און אַרויפגעלייגט די האַנט, קוקנדיק אויף מיר פונדערווייטנס, ווי ערנסט איך בין שטיין געבליבן.

— נו — זאָג איך — ואָלסט געדענקען, אַז קיין איינ-

מאָל האָב איך דיך ביים אָרעם נישט אָנגערירט פון צייט אָן מיר זענען אַרויס פון שטוב. —

— נו, כאַפּ מיך — זאָגט זי — איך בין אַלעמאָל צו דיין „דיספּאָזיציע"...

„איי, זאָל עס נישט געדאַכט ווערן... — טראַכט איך — ס'איז מיר נישט גוט געוואָרן..."

— און אַז דו ביזט אַ שלימזל, בין איך נישט שולדיק...

— אַלזאָ — זאָג איך איר — הער... אַ וואָרעם קריכט דיר אויפן קאָפּ...

אין דער ערשטער מינוט האָט זי שיער פאַרגעסן... ווייבער זענען שרעקעוודיק... — האָב איך געטראַכט — און זי האָט טאַקע אַ שפּרינג געטון אויפן אָרט... אָבער ווערדליק, ווי ווייבער זענען שרעקעוודיק, האָט זי זיך באַלד געפּאַסט און געוויזן, אַז דאָס איז זי אויך נישט... זי האָט מיר אַרויסגעשטעקט די צונג פון ווייטן און איך האָב שוין געזען דעם ביטערן סוף פאַר די אויגן, וואָס נעמט אָבער צו די נשמה בנשיקה...

— הכלל, דו ווילסט נישט גיין? — האָב איך געפרעגט.

— קום טיפער אין וואַלד... — זאָגט זי.

פונדעסטוועגן, ווי איך ווייס ביי אַזוינע זאַכן, בלייבן נישט שטענדיק די זיגערינס די מיידלעך. זי בריהט זיך, בריהט זיך... און לאַכט און לאַכט... און דער סוף איז, אַז זי פאַלט פאָרט אַריין... ווי אַזוי, פאַרשטייט זיך, דאָס איז נישט מיין זאַך... אַ פאַקט אָבער, ווייס איך, איז... אַז זי בריהט זיך אַזוי לאַנג, ביז זי בלייבט אַמאָל אַליין אומבאַהאָלפן... קאָן זיך אַליין קיין ריר נישט געבן... פון אַנטלויפן איז אָפּגערעדט...

און איך זאָל זאָגן ווידער, אַז איך האָב עס נישט געגערן, אַז זי זאָל אויך אַריינפאַלן... און טאַקע ביי מיר... און טאַקע

שוין ערשט... וואָלט אויך פאַלש געווען. איך זאָג אויס דעם אמת. אָבער אומזיניקע געדאַנקען. איך מעג מיר טראַכטן, ווי מיר איז ליב, ווי מיר איז ווויל און ווי איך וואָלט מיר גע- ווונטשן... אָבער זי טראַכט זיך אַנדערש... און אפשר גאָר- נישט זי... עס האָט זיך שוין אַזוי געפירט... צום טייוול אַלץ! יעדנפאַלס, האָב איך שוין דערשפּירט דאָס שטיקעלע ביטער- קייט פון דעם שפּיל, און דעם טעם — פון עפּעס גאָרנישט הײמלעכס... וואָרן, צו וואָס לויפן מיר, וועלכע שוואַרצע יאָר טראָגן אונדז? דאָס גראָז — אַזוי ווייך, פריש און שמעקענדיק, דער וואַלד אַזוי רויק, הויך און סודותדיק, אַ בלאָקייט קוקט אַריין אין אים פון אויבן, עס דאַכט זיך, ווי עס וואָלט ערשט אָנגעהויבן טאָגן, און אַרום שטייען די ביימער, ווי די גוטע, שטומע וועכטער, וואָס לאָ-די זיי היטן אונדז אָפּ פון אַלדעם שלעכטן, וועלן זיי נאָך קיינעם קיין וואָרט אויך נישט איבער- געבן... העכסטנס — קאָנען זיי נאָך דיך אַליין צווויגן, ווי אַ קינד צום איינדרימלען, אויב דו וועסט וועלן זיצן נעבן מיר, אַקסל ביי אַקסל, און ווען דו וועסט מיד ווערן, לייגן דאָס קעפּל דיינס אויף מיין שויס... טאָ, צו וואָס-זשע דאָס לויפן?..

נעם איך פונדעסטוועגן, כאָטש עס ציט מיך צום זיצן און איך וואָלט זייער גערן נישט ווייטער געגאַנגען אַפילו אַ טריט, נאָר שוין דאָ זיך אַנידערגעזעצט און זאָל זי אַפילו מיר אָפּטוען וואָס זי וויל, ברוגז ווערן... אָדער וואָס — נעם איך פונדעסעוועגן, לויטן פריערדיקן באַשלוס: אַז נאָך דער גאַנצער בריהשקייט פון אַ מיידל, בלייבט זי נאָך נישט אַלעמאָל די זי- געריו, ווען דער סוף קומט... — נעם איך און גיב איר נאָך...

— גוט... — זאָג איך — דו ווילסט טיפער אין וואַלד, איך בין גרייט.

און דאָ קומט דאָס טרויעריקע.

מער ווי דורך זיבן געדיכטע „זאַגאַיניקעס" האָט זי מיך געפירט, ביז איך בין אַהיימגעקומען אויסגעשפריצט אין בלאָטע... זי — אַפילו אַ שפּריץ אויפן שיכל נישט... איר קונציק, פלינק גיין איבער די „באַגנעס", איר אויסמיידן ווו מען דאַרף נישט שטעלן דאָס פיסל, האָט איר אַפילו די זויל נישט איינגענעצט...

ערשט צוריקגייענדיק, אויפן ברעג וואַסערל, וואָס שטייט אויפן פעלד ביי דער זייט וועג, האָב איך דערזען, אַז איך בין „אָנגעבלאָזן", ברוגזלעך...

— נו — פרעג איך — האָסט דאָך עפּעס געזאָגט, אַז טיפער אין וואַלד וועט אַנדערש זיין, וועסטו מיך נישט אַליין לאָזן?..

— נאָר וואָס דען — זאָגט זי — אודאי האָב איך דיך נישט געמיינט אַליין צו לאָזן... נו, דו ביזט דאָך מיר נאָכגע־גאַנגען...

— אַ שיינעם יישר־כּוח דיר...

— ניין — זאָגט זי — האַנט ביי האַנט, נישט...

— נו, איז נישט... — האָב איך געענטפערט און איך בין שוין געווען פול מיט פאַרדראָס (אימשטיינסגעזאָגט, מיין גאַנצער פאַרדראָס אויף איר צו יענער צייט...) וואָס זי פאַרפירט מיך עקסטרע מיט אַזעלכע מיני קונצשטיקלעך, וואָס זי האָט זיי שוין נישט וועמען אָפּצוטון נאָר מיר...

אָבער אַ ברירה האָב איך?

און אַוועקגייענדיק פון טייכל, ביי וועלכן זי איז נאָך געבליבן שטיין אויפן אַנדערן ברעג, האָב איך געזען ווי אירע פיס, וואָס שפּיגלען זיך ביז איבער די קניען, הוידען זיך אין וואַסער... און איך בין מיר אַליין געגאַנגען, טראַכטנדיק: דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל...

און אַזוי פונדערווייטנס און פאַנאַנדערגעשיידט, איך פריער און זי שפּעטער, זענען מיר אַהיימגעקומען.

אָבער פאַר דער טיר, מוז איך מודה זיין, האָב איך מיך אָפּגעשטעלט וואַרטן. איך האָב נישט געקאָנט אַריין אַליין אין שטוב, אַז די מוטער זאָל דאָס דערזען און מיך אָנהייבן צו פרעגן: האַ, וווּ איז זי... אָדער: וואָס איז די מעשה?..

און איר געשטאַלט, אָט־אָ־דאָ שטייענדיק, האָט זיך מיר ערשט צעשוועבט פאַר די אויגן, פּונקט ווי זי איז געשטאַנען אויפן ברעג וואַסערל, ווו איך האָב זי איבערגעלאָזט אַ הויי־דענדיקע און שפּיגלענדיקע... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די גאַנצע לופט איז פול מיט איר הוידען זיך, מיט איר שפּיגלען זיך... און, גאָט דו מיינער — האָב איך געטראַכט — זאָל זיין, אַז דאָס איז אַלדאָס שלעכטס פאַר מיר, אפילו סם־המות, — אָבער שטאַרבן אפילו איז אויך גוט פאַר איר... און איך האָב דערפילט, אַז איך האָב זי אמת ליב.

איך האָב מיך דערוואַרט ביז זי איז אָנגעקומען פאַר דער טיר. איך האָב זי דורכגעלאָזט צום ערשטן און איך בין נאָכ־געגאַנגען נאָך איר.

דאָך האָט עס מיין פאַרדראָס נישט געשטילט און איך האָב נישט גערעדט צו'ן איר אפשר אַ קנאַפּן מעת־לעת. ווו זי איז געגאַנגען, בין איך נישט געגאַנגען, און ווו זי איז גע־שטאַנען, בין איך נישט געשטאַנען.

צומאָרגנס האָב איך מיך מיט איר איבערגעבעטן. אָבער גאָר אויף אַ מערקווירדיקן אופן.

אייגנטלעך, בין איך שוין מיט שעהן פריער געווען אי־בערגעבעטן אין די געדאַנקען, ווען איך בין נאָך אויף מיין געלעגער געלעגן. ווי נאַריש, ווי קינדיש ס'איז געווען מיין גאַנץ „בלאָזן" זיך קעגן איר? די מיידלשע אייגנליבע און

באוווסטזיין, אַז זי האָט אַ כּוח אויף מיר, אָרעמען, שוואַכן, אָדער זאָל זיין — „העלד", אויב איר ווילט, האָב איך נישט געקאָנט פאַרגינען?.. צו וואָס האָב איך מיך נישט געקאָנט אַנידערזעצן אויפן גראָז און — איך גיי נישט ווייטער... דע-מאָלט, בין איך זיכער, אַז זי וואָלט דאָך צו מיר צוגעקומען... זי וואָלט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף מיין אָרעם, איינגע-שפּיגלט אירע צוויי פלאַקער-אויגן אין מיינע, געמאַכט פּונקט אַזאַ ברוגז אָנגעשטעלטע מינע ווי איך... האלב געלעכטער, האַלב אויסגעצויגענע באַקן, מעשה-ערנסט... און מיך אָנגעקוקט פון אונטערן שטערן אַפּער:

— וואָס ביזטו מיט מיר ברוגז?..

איך וואָלט אין דער ערשטער מינוט נישט געמאַכט מיך וויסן, עלעהאַי — פאַרשטיי אַליין... און אַז דו מוזט מיך איבערבעטן... און ווען זי וואָלט שוין געגעבן דעם ברייטן לאַך אַרויס... ס'הייסט, אַז זי מאַכט ווייטער חוזק... דעמאָלט וואָלט איך זי געגעבן אַ פּאַק־אָן אַרום די קניען און, איידער זי וואָלט צייט געהאַט אַ בליק מיט אַ בליק אויסצוטווישן, וואָלט זי שוין געזעסן אויף מיין שויס... און איך וואָלט ערשט איר געזאָגט:

— איצטער בעטסטו דיך ביי מיר, אַז איך זאָל ווידער דיך נישט פּייניקן, ווי דו מיך... און נישט קיין חוזק מאַכן אויס דיר... אָבער דו זיצסט... האַ?.. אַזוי ווי אַ קייזערין... האַ?.. איצטער גיב-זשע מיר אַ קוש אויף דער באַק... און דער צווייטער, נו... וועל איך שוין דיר געבן... און בעט מיך שטאַרק איבער... וואָרן זאָלסטו וויסן, אַז קיין זאַך ווערט נישט גע-שוויגן... האָסט דיך געררייצט מיט מיר, איצטער באַצאָל... און דערנאָך לאָז דיר ווילגיין, אויב דו ווילסט... גיי דיר בשלום

צוריק אַהיים און איך וועל דיך נאָך אונטערפירן אונטערן אָרעם... און נאָכאַמאָל — זיי נישט קיין קינד...

אָט אַזוי האָב איך געטראַכט אין יענעם מאָרגן און איך האָב איר שוין געהאַט מוחל געווען, אייגנטלעך, נאָך אויפן געלעגער ליגנדיק. —

די זון האָט אַריינגעשיינט דורך דער גאַנצער ברייט פענצטער אין מיין באַזונדערן צימער. די זעקס־געקעסטלטע ליכט־רעם, וואָס האָט זיך אָפּגעמאָלט אויף דער פּאָדלאָגע, האָט מיר געוויזן, אַז דער זייגער האַלט שוין אודאי צען, און אַז איך האָב אַרויסגעשלעפּט דאָס זייגערל, וואָס האָט אַרויסגעהאָנגען מיטן קייטל פון דער טאַש פון מיין וועסטל, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן איבערן רוקן פון דער שטול — האָט געשטימט: פּונקט צען!

איך בין אויפגעשטאַנען, אַראָפּ פון בעט, געגעבן אַ קוק דורך דעם אויסגעגלאַנצן פענצטער, וואָס האָט געבריט פון דער הייסער זון, און האָב דערזען, אַז אויפן פעלד שטייען די פּויערים פאַרזונקען שוין ביז אין די אַקסלען אין זייער אַרבעט. כ׳האָב גענומען דאָס האַנטוך מיטן זייף און דעם אויבערמאַנטל מיט די שטעק־שיך און בין אַריין אין דער פאָרנדיקער שטוב, טראַכטנדיק מיר, אַז כ׳האָב מיך שוין סיי־ווי־סיי איבערגעבעטן... און אַזוי איז טאַקע געווען: אַזוי ווי כ׳האָב נאָר די טיר געעפנט אין אין שטוב אַריין, האָט זי, דאָס מיידל, די ערשטע אַ לעבעדיקן שמייכל מיר געוואָרפן אין פּנים אַריין, די גאַנצע שטוב האָט אַ פינקל געטון. איך האָב מיר געטראַכט:

— אָט אַזוי... ביזט בעסער געוואָרן...

און פאַרשטייט זיך, איך האָב מיך נישט געקאָנט איינהאַלטן נישט צו זאָגן איר אַ „גוט מאָרגן" אויך שוין מיט

דעם זעלבן שמייכל, און בין מיר געגאַנגען אין קאָרידאָר אַרייַן זיך וואַשן.

געוועזן זענען אין שטוב די מוטער און דאָס מיידל. מער איז אין זייער פאַמיליע נישט געוועזן דאָ אין לאַנד. זי באַשטייט פון זיי און צוויי ברידער, איז איינער אין אמעריקע און שיקט אַהער דאָלאַרן. דער צווייטער איז אין פּאַלעסטינע און ער שיקט שוין גאָרנישט. געפאָרן איז דער לעצטער מיט זיין אייגענער פאַמיליע און געקויפט ערד. נאָר ווי מען זאָגט, פיבערט ער דאָרט גוט צו... מילא, ס'איז דאָך אַן ארץ־הקדושה און מען טאָר נישט רעדן דערויף, נאָר מען זאָגט, אַז מען ווייסט נישט, וואָס ער פיבערט איצט, צי אויפן געלט, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט און וואָלט עס גערן צוריק געזען און דאָס קאָן ער שוין נישט... אָדער פיבערט ער פון גרויס חרטה, ווייל עס גייט אים זייער שלעכט... אָבער לאַכן טאָר מען נישט — אַ מענטש וואָס איז געפאָרן אַראָפּ אַהין מיט אַ פאַמיליע, האָט געזוכט, מוז זיין, אַביסל פרייד אין לעבן, וואָס דאָ הי האָט ער זי נישט געהאַט, און אַבי, אַז אַ מענטש זוכט עפּעס אַחוץ דעם ברויט, דאַרף מען פאַר אים גרויס דרך־ארץ האָבן. דאָ הי האָט אים גאָרנישט געפעלט, אויסער פרייד, און אפשר דאָס אויך געהאַט, נאָר ס'איז נישט געווען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט... אפשר האָט ער געבענקט נאָך דער פּיי ערלעכע צערעמאָניע פון נאָך מיט פאַר צוויי טויזנט יאָר צוריק, ווען דאָס גאַנצע פאָלק איז געשטאַנען פאַרזאַמלט און אָפּגעוואַרט דעם כהן־גדול יום־כפור פון בית־המקדש אַרויס; אפשר האָט ער געבענקט נאָך די ווילדע פּאַרוואַקסענע בערג, וואָס שטייען, על־כל־פנים, נאָך היינט אויך דאָרט, אפילו, גאָר פאַרוויסטע, און צעגליטער שטיין קוקט נאָר פון זייער הייך אַראָפּ אין דער נידער צום טאָל, ווו עס דרייען זיך די קינדער פון

דעם אַמאָליקן פּרעכטיקן פֿאָלק, איצטער נישט מער ווי אורחים... אָדער אפילו, אַז ער האָט געבענקט נאָך דער האַלבער פּוּתל־מערבי — אַלץ איינס. אַ פֿאַקט איז, אַז דאָ הי האָט אים גאָרנישט געפֿעלט, געהאַט האָט ער אַ שיינע, פּרעכטיקע וווינונג איבער דעם געוועלב, אַ פֿרוי און צוויי קינדער — און איצט, ווי כ'האָב געכאַפּט נאָר אַ שושקען זיך פֿון דעם סוד... שיקט אים דער אַמעריקאַנער ברודער אויך צו עפּעס, פֿון צייט צו צייט, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, אַז נישט וואָלט ער אַנטגאַנגען... און דעריבער זיצט טאַקע די מוטער דאָ, נישט איינמאָל, מיט אַ פֿאַרלייגטן פֿינגער אונטער דער באַק, מיט קעגנאיבער־אויסגעשטעלטע אויגן אויף דער וואַנט, מיט דעם עלנבויגן אָנגעשפּאַרט אויף דער שויס... און שטענדיק ענדיקט זי דאָס זיצן אַזוי, מיט אַ פֿאַמעלעכדיקן זיפֿץ, אויפֿשטייענדיק פֿאַמעלעך פֿון דער שטול...

די מוטער אַליין איז נאָך אויך אַ בילד־שיינע פֿרוי. זי טראָגט נאָר נישט קיין גאָרסעט, ווייל ס'איז היינט נישט די מאָדע. אויך נישט קיין קורץ קליידל, — כאָטש דאָס איז יאָ אין דער מאָדע. ווייטער אַזוי, אַלע אַנדערע פֿון מאָדע און שמינק־זאַכן טראָגט זי יאָ און באַנוצט יאָ. איך אַליין וואָלט מיך נאָך געקאָנט פֿאַרליבן אין איר. זי איז שיין, גראַציעז, קלאָר און עטוואָס העכער פֿון מיטל־געשטאַלטיק. און אפשר פֿאַר אַ פֿרוי הייסט דאָס שוין אַ הויכע אין געוויקס. זי איז נעט, נישט דין, נאָר אויף קיין האָר נישט דיק. זי איז שוין אַלט אַ יאָר זעקס־און־פֿערציק, ווי איך שאַץ אָפּ לויט דער עלטער פֿון אירע זין. אָבער אויסזען, זעט זי אויס נישט מער ווי פֿון אַכט־און־דרייסיק יאָר.

נאָר איך האָב מיך לייכטזיניק אַריינגעלאָזט אין שילדערן זי און די שיינהייט פֿון איר קערפּער. אודאי איז זי שיין, זי

זעט אינגאַנצן אויס ווי די מוטער פון דערדאָזיקער טאָכטער, נאָר זי איז נישט פאַר מיר... ווייל צו דער טאָכטער קומט זי נישט... זי שטייט שוין ערשט אָפּ מיט זייער פיל פון דער טאָכטער, שוין בלויז מיט דעם בייג, באַוועג, פריילעך געלעכטערל און גלענצנדיק, גאָר גלענצנדיק שלאַנקן, יינגן פוס, וואָס אַזוינס האָט די מוטער זיכער נישט...

נאָר אַ סימפּאַטיש מענטש, אַ סימפּאַטיש, זייער אַ סימפּאַטיש, איך וואָלט מיך אונטערגענומען צו ווינען צווישן זיי בייז'ע אַן אייביקייט... ווען נישט די פאַרשאָלטענע פּרנסה רופט מיך צוריק אין שטאָט אַריין...

און וואָס זאָל איך לייקענען, אַז די מוטער איז אויך שיין... נאָר ליבן, ליב איך די טאָכטער...

איך האָב מיך אָפּגעוואַשן, בין צוריק אַריין אין שטוב.

פאַר מיר גיסט די מוטער שוין אָן קאַווע, ווייל קיין דינסט האָבן זיי נישט, און אַ טאָץ זעמל מיט פּוטער שטייט שוין, און זי, דאָס טעכטערל, איז שוין אויך נעבן דער קיך און מישט פאַר זיך מיט אַ קליין לעפעלע קאַקאָאָ אין אַ פענדעלע, קיין קאַווע זופּט זי נישט. איך האָב מיך שוין אַזוי צוגעוויינט צו זיי, אַז איך וויל נישט גיין עסן אָן זיי. און ווען מיר זיצן צוזאַמען, זעען מיר אויס ווי איין פאַמיליע. נאָר איך, וואָס אַן אמת, בין שוין נישט אין דיזעלבע יאָרן, וואָס די טאָכטער, און איך זע אויס, ווי צווישן זיי ביידע... אי איך וואָלט געטויגט פאַר דער, אי פאַר דער, נאָר ליב האָב איך די טאָכטער...

— גוט וואָלט געווען — זאָג איך, ווען מיר זיצן צוזאַמען ביים אָנבייסן — איבערצוגיין זיך אַביסל באַלד נאָכן עסן...

— נו... — כאַפּט אונטער די טאָכטער מיט אַ שמייכעלע

און זי עסט שוין אויף דער קאַנטע גיך, מיט גרויסע ביסן.

און איידער איך קוק מיך אים, די קליינע איז נישטאָ בײַים טיש, זי איז שוין, דאַכט זיך מיר, אינגאַנצן נישטאָ...

אָט ערשט איז זי דאָך נאָך געזעצן אין שטוב... זי האָט זיך דאָך נאָך ערשט דאָ עפּעס געפּאָרעט... און זי איז שוין נישטאָ, אין קאָרידאָר אויך נישט...

און איך מיט דער מוטער קוקן זיך אָן פאַרוווּנדערט.

— ע, זאָל זי לויפן... — זאָגט די מוטער — אַ יינגע ציג... דעם וועג אין וואַלד אַריין ווייסט זי אַליין אויך.

— איז זי גאָר געגאַנגען דאָרט אַהין?

— זי האָט נישט ערגעץ אַנדערש ווו צו גיין.

— נאָר וואָס-זשע דען... מיר האָבן דאָך אָפּגעשמועסט גיין צוזאַמען...

— אָט, — גיט די מוטער אַ קוועטש מיטן אַקסל — ס'איז דאָ אויף וועמעס וואָרט צו שטעלן...

— איר זענט געערעכט, מאַמעשי... — שטיי איך אויף פון טיש, גיב דער מוטער אַ קוש אין דער האַנט אַריין, הגם, אַז איך האָלט שוין אין קושן, גיב איך איר אויך אַ קוש אַ ביסל ווייטער איבערן בראָסלעט, אין... „קישעלע" אַריין... אויף וועלכן אָרט דאָס רייפל האָט אָפּגעקוועטשט אַ פּאַסיקל... און אַז איך זע, אַז זי שמייכלט, גיב איך איר נאָך צוויי איבעריקע קושן אין דער זעלבער האַנט אַריין, מיט אַן עפּעס מער ווי געוויינלעך צודריקן צו די ליפּן, פון וועלכע איך האָב אַליין געשפּירט, אַז עס שלאָגט אַ היץ און זי, די מוטער, האָט גוט-מוטיק געשמייכלט, נישט ווי זי וואָלט זיך מיט עפּעס געשעמט, נאָר ווי מיט אַ קלוג פאַרשטענדעניש פאַר מיינעטוועגן אין די אויגן...

— נו — זאָג איך אָפּאָטעמענדיק — מען וועט גיין זוכן דער טאָכטער...

— יאָ... — זאָגט זי — איר וועט זי נאָך אָניאָגן...

— אָ, נישט!.. — זאָג איך — געטראָפן אַ גוטן אַדרעס... — און איך דערמאָן מיך אַליין נישט ווילנדיק אָן איר נעכטיקן שטעלן פיס, ווי אַזוי זי פליט...

— נו, אַז מען וויל... — גיט די מוטער גוטמוטיק אַ קנייטש מיטן קאָפּ — קאָן מען מיידלעך שטענדיק כאַפּן. גייט-שוין, זוימט נישט... — האָט זי נאָכאַמאָל גוטמוטיק צוגעלאַכט און אַרויסבאַגלייט מיך שמייכלענדיק מיט די אויגן צו דער טיר און אפילו אַ פּאָר טריט מיר נאָכגעגאַנגען ביז אינדער-מיט שטוב אַריין.

איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, אַז אַרויסגייענדיק פון דער שוועל, האָט מיך שוין שיער נישט, נישט געגלוסט אָוועקצוגיין פון דער מוטער און אַ סעקונדע האָב איך מיך אַ וואַקל געטון, ווען איך בין שוין געווען הינטערן פענצטער... אָבער צוריקגיין — שוין נישט. און די זון און דאָס פעלד-געזרויך פון היי און קאָרן און דאָס ווינטל האָבן מיך אַ פאַרכאַפּ געטון און גלייך געגעבן אַ טראָג אַוועק אין פעלד אַריין צום וואַלד צו...

... ווו זעט מען, ווו הערט מען פון איר געביין... איך קאָן נאָר קוקן אויף טריט-צייכנס, אויף די שפּורן איבערן זאַמד... אָבער אויך דאָס — ווער ווייסט וועמעס זיי זענען... אַזוי, אַז איך גיי און בין גאָר אינגאַנצן נישט זיכער, צי וועל איך זי געפינען... וואָרן וועט זי דען זיצן אין עק וואַלד און וואַרטן אויף מיר? אָדער אינדערמיט, טיף אין וואַלד; איז זי מעגלעך דען צו געפינען, און נאָך איר דערצו?.. און אפשר איז זי גאָר אינגאַנצן נישט געגאַנגען אַהער?..

אָט אַזוי־אָ, צווישן אַזעלכע נישט אָנגענעמע געדאַנקען, האָב איך מיך געפונען, ווען איך בין געגאַנגען נאָך אירע טריט, ווו איך האָב גערעכנט, אַז נישט אַנדערש, ווי נאָר דאָ אַהער איז זי געגאַנגען, און ווו אויך די מוטער האָט מיר פאַרשפּראָכן. אָבער דאָס טראַכטן וועגן איר, ווי אַלעמאָל, איז אויך איצטער נישט געווען קיין רויקס, נישט אין דעם זין פון רויק, נאָר נישט קיין זיכערס... זי איז געווען פאַר מיר די העכסטע שטופּע פון נישט זיכערקייט, — און קיינמאָל האָב איך נישט געקאָנט טראַכטן וועגן איר מיט קיין גאַנצן, נישט צעשלאָגענעם, צעשפּאָלטענעם, געדאַנק. עפּעס האָב איך מיט שטענדיק אָנגעקלאַפּט, ווי מיטן שטערן אָן אַ וואַנט. ווייל פּאַקטיש איז זי אַזוי געווען פאַר מיר, בשעת יעדן צוזאַמענטרעף און דער־פון נעמט זיך דאָס... איך בין גאָרנישט געווען מיט איר זיכער, קיינמאָל...

...אָבער, כאַפּט עס דער טייוול שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל... דער זומער איז אַזוי קורץ, די זומערדיקע לעצטע טעג אַזעלכע שיינע, אָט שטייט אַ זון איבערן וואַלד און בליש־טשעט איבער אַ גרינער אומענדלעכקייט, נאָר אַריינצוּוואַרפן זיך אין די אָרעמס פון דערדאָזיקער גאַנצער ברייטקייט — און דאָ בין איך מיטן קאָפּ אַזוי פאַרדרייט... אָבער אדרבא, ווייל עס איז אַזוי שיין און אָנגענעם איז דאָך טאַקע גוט מיט וועמען צו האָבן דאָס צו טיילן... און טאַקע מיט איר... וואָרן, אַז נישט, וואָס איז דאָס ווערט אָן איר?..

אָט אַזוי־אָ, האָב איך געטראַכט צעשפּאָלטן וועגן אַלץ, און איך האָב מיר קיין רו נישט געקאָנט געפינען.

און וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מיין פריינט, איך האָב מיר נישט איינמאָל געווונטשן שלעכטס פאַר מיין פאַרקויפטקייט, פאַר מיין נישט האָבן מיך מער אין דער האַנט, פונקט ווי די

וועלט איז שוין גאָרנישט מיין, נאָר אַלץ איז איר, אַלץ... און איך בין מיט גאָרנישט געבליבן, אַ יתום נאָר אויף דער ערד. וואָרן דאַרף מען מער — אָט אַזוי איז שוין די זון אויך נישט מיין... אָט טראַכסטו וועגן די זומערדיקע שיינע טעג, נאָר אָן איר טויגן זיי נישט, כאָטש וואַרף זיי אַרויס, אָדער באַגראָב זיי גאָר.., און פונדעסטוועגן — איין שמייכל און איך געדענק שוין גאָרנישט... נישט נאָר אין אַ ווײַלע אַרום פאַרגעס איך אַלץ, וועפט זיך מיר אויס דאָס שווערע געמיט מיינס, נאָר באַלד אין דערזעלבער רגע פאַרשווינדט עס. און מיך פאַרפאָלגט עס אָט דאָס, וואָס איך בין אין אַזאַ צושטאַנד. איך זע דאָך, אַז קיין גוטס האָט זיך צו מיר נישט צוגעקליעפט, וואָרן זיין איין רגע אַזוי און די צווייטע, אָבער איך זאָג דיר, נישט מער ווי די צווייטע, שוין פונקט פאַרקערט און אַלץ אַזוי ראַש, שנעל, איז דאָך דאָס אַלץ שוין נישט פון די גוטע דערשיינונגען און קיין גוטס קאָן מען, יעדנפאַלס, דערפון נישט דערוואַרטן...

מיין פריינט, מיר איז נישט מעגלעך דערביי צו דערציילן. דו זעסט אַליין, ווי איך חאַק מיך איבער אין מיין שמועס און וואַרף מיך פון איין זאַך אויף דער צווייטער. ווען אויף מיין האַרץ זאָל ליגן אַ פוד בליי, צי וואָלט עס זיך געדאַרפן אַזוי צאַפּלען? עס איז מיר שווער, אָבער איך מוז דיר שוין אַלץ דערציילן.

צי דאַרף איך דיר ווייטער זאָגן, ווי אַזוי, צום ביישפּיל, איך בין געווען ליכטזיניק און אינגאַנצן אונטער איר איינפלוס? ווי אַזוי עס האָט זיך פון מיר אויסגעבילדעט אַזעלכער? ווי אַזוי איך בין געווען אונטער איר וואַרעמען הויך? ווי אַזוי די לופט אַרום איר, וואָס איז מיר שטענדיק געשטאַנען ווי אַ שיכּרות אין אַלע גלידער, האָט געמאַכט, אַז איך זאָל מיך נאָך

איר יעדן קער נאָכוועגדן? איר קערפּער איז פאַר מיר געווען אַ מאַגנעט — און איך, מיט אַלע מײַנע געדאַנקען, נישט מער ווי מעטאַל־שטויב, וואָס זוכט זיך אָן איר צו באַהעפטן. איך בין געווען ווי דאָס שטראָמיקע וואַסער אין פלאַך־לאַנד, לויפנדיק און ציענדיק נאָר אַלץ אין טאָל אַרײַן.

צום בײַשפּיל, זי האָט געזאָגט צו מיר:

— איר זעט, דער הימל וועט זיך אויסלייטערן און עס וועט ווערן שיין.

איז וואָס האָט זי דאָ געזאָגט? דאַכט זיך דאָך, אַז אַלע מענטשן קוקן אויס, אַז עס זאָל ווערן שיין, ווײַל זיי פילן זיך בעסער דעמאָלט.

איך האָב עס אָבער אָנגענומען פאַר אַ רמז. אַז דאָס מיינט זי מיר צו זאָגן, אַז זי וויל שפּעטער מיט מיר זײַן אַליין אין וואַלד, אַז דאָס בענקט זי מיט מיר צו פאַרברענגען... און גאָט דו מײַנער! אַלץ, וואָס איך האָב געגאַרט, האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז איר פאַרלאַנג.

אָדער זי האָט געזאָגט:

— איבעראַכטאָג וואָלט איך געדאַרפט אַרײַנפאָרן קיין וואַרשע.

האָב איך געמיינט, אַז דאָס וויל זי מיר פאַרלייגן, אַז מיר זאָלן זיך צוזאַמען אַ ביסל איבערפאָרן און, אַז אַליין האָט זי גאָרנישט קיין שום באַדערפעניש דאָרט אַהין, גאָרנישט צו דערלייזיקן, אויסער דאָס וואָס די רייזע צו מאַכן מיט מיר, דאָס איז דער גאַנצער צוועק דערפון...

און אפשר מיינט איר, אַז דאָס האָט זי גאָר געדאַרפט דירעקט זאָגן מיר, אָדער זי האָט טאַקע נאָר געזאָגט דאָס וועגנדיק זיך צו מיר? עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. זי האָט עס געמעגט זאָגן צו דער שטוב, אָדער גאָר רעדן צו דער

וואַנט, נאָר איך האָב עס אָנגענומען, אַז דאָס איז געזאָגט אויף מיין רעכענונג...

און וואָס האָב איך דען געדאַרפן אַזאַ „בוכהאַלטעריע״ צו פירן און אַזעלכע טיפע פסיכאָלאָגישע טייטשן אַריינלערנען און אַליץ שטעלן אויף אַזעלכע „דינע פיסלעך״ פון נישט באַשטימטקייט, פונקט ווי אויף אַ האָר, אַז כ׳האָב געקאָנט האָבן אַליץ קלאָר, איבערפרעגן איין וואָרט:

— וועלן מיר גיין שפּאַצירן, אויב עס וועט זיך טאַקע אויסלייטערן?

אָדער:

— צי ווילסטו דיך אַביסל מיט מיר איבערפאָרן קיין וואַרשע אין אַכט טאָג אַרום, אָדער אפשר נאָך פריער?..

וואָלט איך אויף אַזאַ אַרט פאַרשפּאָרט מיך אַרומצוטראָגן מיט אַ פּאַק רעכנקעס, אַז זי טראָגט „פאַרבאָרגענע כוונות״... אַז זי ליבט מיך, נאָר שעמט זיך, אָדער וויל מיר נישט אַרויסזאָגן... און גייט צו דעם ציל דורך אונטערוועגלעך... איך זאָג אייך: אַליץ, וואָס עס איז געווען אין מיר, האָב איך געטראַכט, אַז ניין, דאָס איז אין איר...

און איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז דער איז אַ בעל־פּחדן. די שוואַכקייט זיינע און אומבאַהאָלפנקייט האָבן גאָר קיין גרענעץ נישט. דאַכט זיך דאָך, אַז אַליץ איז געווען פאַר מיר אָפן און פריי און איך האָב מיך גאָרנישט געדאַרפן היטן — און אויף אייביקע קאַטאָרגע וואָלט מען דאָך מיך נישט געוועזן פאַרשיקט פאַר אַרויסזאָגן מיינע געדאַנקען, מיינע באַגערן; די מוטער, ווי איר זעט, איז געווען אײנגאַנצן מיט מיר, זי וואָלט גאָרנישט געהאַט וואָס אָנצווועגדן קעגן דעם. — דאָך בין איך נישט געגאַנגען אויפן גלייכן וועג. די ליבע אַליין איז אַ פאַרשאָלטענע זאַך. אָט אין דער אייגענער הינזיכט טאַקע. זי זוכט

באָר שפּעלטעלעך און הינטערוועגלעך... און מערקווירדיק, בשעת עס ליגט פאַר איר אַן אָפענער טראַקט.

און אין דעם מיידל אַליין, בין איך דען נישט שולדיק אין איר באַציונג צו מיר. האָסט אַ מיידל — נעם אַרום און קוש, פאַל אין איר אַריין מיטן פּנים, ווי אין דיינער גאָר אַ גרויסער דערקוויקונג — — און גיי נישט אַרום מיט אַ נישט־צערטלעכקייט, וואָס דו אַליין באַשאַפסט זי דיר דורך דיין נישט-דרייסטקייט.

און דידאָזיקע נישט-צערטלעכקייט, וואָס דו מאַכסט דיר אַליין, באַשאַפט נאָך פון דיר אַ שפּעקולאַנטל... און ווען דו ביזט נישט קיין שענערע און בעסערע נאַטור — אַ מיאוס שפּעקולאַנטל... וויפל מענער האָבן שוין זייערע אייגענע ווייבער אונטערגעשטעלט שפּיאָנען, נאָנטע מענטשן, פאַר וועלכע זיי האָבן זיך נישט געשעמט, אפילו שכנותטעס, וואָס זאָלן אַריינ־קוקן צו איר דורכן שליסל-לאָך אין דער טיר, אין זייער אָפּ־וועזנקייט...

ווען איך בין איצט געגאַנגען אין וואַלד אַריין און בין געווען, דאַכט זיך, אַרויסגייענדיק פון שטוב, אין גאָרנישט קיין שלעכטער שטימונג; ווייל וואָס האָט מיר געהאַט צו זיין שלעכט: די מוטער, דאַכט זיך, האָט מיר נאָר־וואָס געשאָנקען צוטרוילעכקייטן, צערטלעכע בליקן אפילו און וואַרעמקייט. וואָס איך האָב עס אַליין גאָרנישט געוואָלט אויסנוצן אַזויפיל — דאָך האָט מיך געגראָבן דער וואָרעם. איך האָב דאָך געקאָנט דער מוטער קושן. זי איז נאָך אזוי שיין און לעבנסווערטיק, אודאי, ווי די טאָכטער, און אַזוי ווי די לעצטע געהער מיר נאָך גאָרנישט אָן, האָב איך דאָס רעכט מיט דער מוטער אַזוי גוט צו פאַרברענגען, ווי מיר נאָר אַליין געפעלט און ווי לאַנג מיין האַרץ וואָלט נאָר געגלוסט, און בפרט נאָך, אַז די טאָכטער איז

נישטאָ אין שטוּב אויך, — טאָ וואָס־זשע האָט מיך געשטויסן צו לויפן נאָך דער טאָכטער? צו וואָס מאַך איך אַליין מיר דאָס אַלץ שווער?

דעספֿלייכן, בין איך שוין געגאַנגען — צו וואָס־זשע איז דאָס צווייפֿלען? דאַכט זיך, אינדערפֿרי האָט זי מיר נישט געגעבן קיין שום סיבה, אַז איך זאָל זיין שלעכט געשטימט, נישט פֿאַרן פֿרישטיקן, ווען זי האָט צו מיר אַזוי פֿינקלענדיק געשמייכלט און אויך נישט ביים פֿרישטיקן, ווען זי האָט גוטווילליק און, ווי ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אפֿילו מיט ענטוזיאַזם געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף מיין פֿאָרשלאָג, נאָכן עסן צו גיין שפּאַצירן... אלא, זי איז געלאָפֿן פֿאָרויס — דאָס איז שוין איר טבע אַזוי...

אָבער, ווען איך בין נאָר אַרויף אויף דעם ברעג וואַלד, וויל דאָרט איז אָנגעשיט אַ וואַל איבער אַ ראָוו, וואָס טיילט אָפּ, מוז זיין, די אָנגעהעריקייט פֿון פֿעלד, וואָס געהער שוין, מסתמא, צו אַן אַנדערן — און איך האָב דאָרט דערזען די ליידיקייט, איז מיר געוואָרן נאָך טאָפּלט שווערער, ווי איך גאַנצן חעג. די אָן אַ שיעור ביימער, וואָס צווישן זיי איז צו זוכן אַ מענטש, פּונקט ווי נאָך זיבן קילאָמעטער אָפּפֿליען אַ קליין פֿייגעלע, האָבן מיך געמאַכט פֿילן די קבר־אַליינגעבליבנקייט. צו ווערמען האָב איך מיך דאָ צו קערן און אין וועלכער זייט אַריין גייט מען פֿריער זי זוכן, צווישן ביימער און ביימער, אַז איר פֿאַרשווינדן ווען דאָ, איר פֿאַרשוויגנקייט, איז אַ סך ווייניקער, ווי אַן עכאָ... אַ שטילקייט האָט מיך אַרומגעכאַפּט און נאָר וואָס דאָס רוישן פֿון די ביימער האָט אין מיר געשווידערט. ווייט אָבער, צווישן די בלעטער און אונטער די שטאַמען, האָב איך דערזען עפּעס ווי אַ פֿיגור... ווי אַ שאָטן פֿון אַ מענטש, האָט זיך מיר געדאַכט, דרייט זיך

דאָרט אַרום איינגעבויגענערהייט און ווי זוכנדיק עפּעס ביי דער ערד...

אַז איך בין צוגעקומען נעענטער, איז עס אַן אַלטע קריס־טין, וואָס קלייבט שוואָמען, ווייל ס׳איז שוין דעמאָלט געווען פונקט די צייט פאַר ראש־השנה־צו, ווען שוואָמען באַווייזן זיך שוין אין גרויסע מענגעס.

— „ניע ווידזשעלישטשע טו דזשעווטשינאַ, באַבאַ טשכאַ־באַ? — פרעג איך זי.

— איינע אַליין? — פרעגט זי מיך — ניין.

— און מיט נאָך וועמען? — האָט זיך ביי מיר אַליין נישט ווילנדיק אַרויסגעריסן.

— יאָ... איז דאָ געגאַנגען... — זאָגט זי — אַ פּאָרל...

אַז איך האָב מיך דאָס אויסגעפרעגט, בין איך שוין גע־ווען זיכער, אַז ס׳איז נישט קיין אַנדערע, ווי זי — און שוין... איצטער, דאַכט זיך מיר, האָב איך שוין גאָרנישט, וואָס צו גיין זוכן...

— „אָט־אָ־דאָ — טראַכט איך — איז עס”... און איך בלייב שטיין, שוין נישט רירנדיק זיך ווייטער.

די קריסטין קלייבט ווייטער אירע שוואָמען אַזוי אַרומ־גייענדיק אַרום די שטאַמען, אַרונטערקוקנדיק מיט די אויגן אונטער יעדן קוסטאַק, טריט ביי טריט... און איך לאָז מיך אַראָפּ אויפן גראָז, כ׳מעג שוין איצטער זיצן רויק, גלאַטיק... און איך קאָן מיר שוין פאַרגינען צו זיין אַ מענטש פאַר מיר... אַ מענטש אַ זעלבסטשטענדיקער... וואָס דאַרף זיך שוין נישט רעכענען מיט קיינעם... האָט שוין נישט אויף זיך מער קיין עול, נישטאָ מער מינקע...

פונדעסטוועגן, לאָמיך זי נאָך פרעגן:

— צי קאָנט איר מיר נישט זאָגן, אַלטיטשקע, מיט וועמען זי איז געגאַנגען און צי זי איז געווען אַ יידישע...

— יאָ, אַ יידישע, נאָר דאָס יינגל איז געווען אַ פּוילישס...

„אָט אַזוי — טראַכט איך — ס׳איז גאָר קיין שום ספק נישט"... — און איך דריי מיך איבער אויסגעצויגן מיטן פּנים אויפן גראָז, ווייל איצטער האָב איך שוין צייט צו ליגן...

אָבער געשפּירט האָב איך, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך מיר אָפּגעשטעלט. איך האָב, פון גרויס רויקייט, אין דער ערשטער מינוט, ווען איך האָב מיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז, גאָטראַכט מיט חרטה וועגן מיין אַוועקגיין פון שטוב, און וועגן דעם ווי איך וואָלט ליבערשט געווען פאַרבערעגנט מיט דער מוטער. איך האָב אפילו געפילט אַ באַדערפעניש און אַ רייץ אויך דערצו... און עס מוז נישט דוקא זיין מיט דער טאָכטער... אָבער, וואָס לענגער איך בין געלעגן און וואָס מער איך האָב אין מיר פאַרנומען דעם שאַרף פון די ביימער, אַלץ טריבער איז מיר געוואָרן. און עס האָט מיך כמעט, ווי אַריינגעוואָרפן אין אַ קעלט און אַלע אויפמאַכונגען פון די גלידער זענען געוואָרן ווי צוגעשטייפט, ווי זיי וואָלטן זיך שוין מער קיין בייג נישט געקאָנט טון.

איך בין דערנאָך געגאַנגען אַהיים, פאַרשטייט זיך, נאָך אַ לאַנגער צייט אָפּליגן, און געשלעפּט זיך אַ גאַנצן וועג, ווי איך וואָלט גאָר אינערגעץ און צו גאָרנישט געגאַנגען, כ׳בין גלאַט אַזוי געגאַנגען...

וואָס איך האָב מיר איינגערעדט, אַז איך וואָלט מיט דער מוטער גערן פאַרברעגנט, האָב איך איצט געשפּירט פולשטענדיק — אַז נישט. אדרבא, איצטער ערשט האָב איך בוכשטעבלעך דערפילט די ליידיקייט אין שטוב אַרום מיר, ווען כ׳האָב מיך אַזוי קוים דערצויגן צו איר.

ביז היינט האָט מיך נאָך די מוטער נישט געפרעגט: צי בין איך געגאַנגען מיט דער טאָכטער, צי בין איך געקומען אָן איר... איצטער אָבער, חוץ וואָס איך בין אַליין געקומען, ווייזט אויס, איז מיין פּנים געווען שטאַרק געענדערט... און ווען זי האָט אויף מיר אַ קוק געגעבן, האָב איך דערזען, ווי אירע אויגן זענען עפּעס שטיל געבליבן און זיי האָבן ווי אַ רגע זיך גע־וואַקלט איבער מיר...

— ווו איז עפּעס מיין טאָכטער? — האָט זי געפרעגט פאַרחידושט.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז נישט דער טאָכטערס נישט זיין, נאָר מיין ענדערן זיך, מאַכט אויף איר אַן איינדרוק.

נאָר איך האָב געשוויגן. איך האָב איר געענטפערט, אַז איך ווייס נישט, ווו זי איז.

ביי דער מוטער איז עפּעס קלאָר געוואָרן אין די אויגן, כאָטש כ'ווייס נישט, ווי אַזוי. כ'האָב עס אויך דערקענט אָן דעם, וואָס נאָך איידער זי האָט דאָס אויג פון מיר אַראָפּגע־נומען, האָט זי צוגעגעבן:

— וואָס דען...

— און וואָס זענט איר עפּעס אַזוי דערשלאָגן? — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום געפרעגט מיט אָפענע אויגן קוקנדיק אויף מיר.

איך בין אָן אַ שום צערעמאָניע צוגעגאַנגען צו איר און געזאָגט:

— ס'איז מיר נישט־גוט...

דערביי האָב איך נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פונקט ווי פאַר אַן אייגענע.

— אַזוי... — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אויף מיר מיט שטילן ווײַ.

איך האָב מיך מער נישט איינגעהאַלטן, צוויי טרערן, וועלכע כ'האָב באַלד צוריק פּערשטיקט, האָב איך דערפילט, זענען פאַרלאָפן איבער די האַנדן פון מיינע ברעמען.

זי האָט מיך צוגעפירט צו אַ שטול און איך האָב איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין דער פרויס האַנט, ביז עס איז מיר לייכטער געוואָרן.

זי איז געשטאַנען די גאַנצע צייט רויק, כמעט פאַרגליווערט, און ווען איך האָב שוין אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט זי נאָך מיט דער זעלבער פאַרגליווערונג אין קול געפרעגט:

— און ווו איז זי איצט?..

— כ'האָב זי נישט געזען, מוטער. — האָב איך איר געענטפערט.

דאָס שטילשווייגן פון דער שטוב און דער מוטערס באַהעפטן זיך צו מיין צער, האָב איך געשפירט, מאַכט מיך נענטער מיט דער מוטער. און איך האָב נאָר אין האַרץ גאָט געבעטן, אַז איך זאָל נישט קומען צו דער שוואַכקייט, אַז איך זאָל דערציילן דער מוטער מיט וועמען די טאָכטער איז געגאַנגען... איך האָב ליבערשט פעסטער צוגעדריקט דער מוטערס האַנט צו מיין איצטער גליענדיק פּנים און עס געזוכט צו פאַרגעסן.

מיר זענעןביידע געזעסן שטיל. צווישן מיר און דער טאָכטער, האָט זיך מיר געדאַכט, האָט זיך געשטעלט ווי אַ טיפע וואַנט. זי איז פאַר מיר פאַרשוואונדן ווייט, אָ ווייט, און נאָך איר זעלטענעם פאַרשווינדן ווערן זענען מיר ביידע, איך און די מוטער, געבליבן זיצן אין איין צער; אי איך, אי זי וויסן שוין איצט דעם ענדציל צו וואָס עס איז דערגאַנגען.

ווען מיר זענען אַזוי געזעסן, האָט אין קאָרידאָר ווער געעפנט די טיר. דער אַריינקומענדיקער איז נישט באַלד אַריין צו אונז, נאָר ווי זיך עפעס געפּאָרעט נאָך דאָרט, און דערנאָך

האָבן מיר ביידע דערזען, ווי אויף דער שוועל קעגן אונז איז שטיין געבליבן די טאָכטער.

די מוטער האָט זי אָנגעקוקט:

— וואָס עפּעס אַזוי שטיל אַריינגעקומען?..

— וואָס דאַרף איך, רוישן?.. — האָט זי די טאָכטער געפרעגט.

— איך ווייס... איך ווייס נישט. נאָר אַן אַנדער מאָל הערט מען דיך שוין פון ווייט, פאַר דיין אָנקומען, — האָט די מוטער געזאָגט.

איך האָב געשפּירט, ווי עס איז מיר ענג געוואָרן פון די עטלעכע ווערטער, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, אין אַ פּאָר־ווורפלעכן טאָן, אַז די טאָכטער זאָל עס אַמאָל נישט אָננעמען אויף מיין רעכענונג, אַז איך האָב דאָ איבער דער צייט מיט דער מוטער כאָטש שותפות געמאַכט איבער איר און, אַז ביידע האָבן מיר עפּעס איר פאָרצוואַרפן...

די טאָכטער האָט אָבער נישט געענטפערט מער קיין וואָרט. עס איז שטיל געוואָרן ווי אויף אַ בית־עולם, כאָטש כ׳האָב געזען, אַז מינקעלעס ליפּן קנייטשן זיך נאָך עפּעס צו זאָגן, אָדער צו וועלן פרעגן. אָבער זי האָט עס נישט געטון און אַוועקגעדרייט דאָס קעפּל אָן אַ זייט.

דער טאָג האָט זיך פאַרצויגן ביז גאָר שפּעט, ווען מען האָט זיך געזעצט צום מיטאָג. מען האָט געגעסן שטיל. מיר האָבן זיך אַלע דריי, זיצנדיק ביים טיש, פאַרטיפט אַזוי אין געדאַנקען יעדער פאַר זיך, אַז מיר האָבן אפילו נישט געזען ווי די נאַכט איז צוגעפאַלן און מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט ערשט נאָך דער לעצטער שפּייז.

דאָ איז די מוטער אויפגעשטאַנען, ליכטיק געמאַכט אין שטוב און זי האָט זיך געווענדט צו אונז:

— מײַן ליבע טאָכטער און מײַן ליבער פֿרײַנט, איך וואָלט פֿאָרגעלייגט, אַז פֿאַר דער לבנה זאָלן מיר זיך גיין אַביסל איבערשפּאַצירן, כּדי נישט צו גיין באַלד שלאָפֿן אָנגעפּרעסנערהייט.

איך האָב דערוואַרט פֿון מינקען, אַז זי וועט זיך אָפּזאָגן גאָר אָן אַ שום אויסרייד, אַז דער קאָפּ טוט איר וויי, אָדער אַז זי איז מיד.

גאָר צו מײַן גרויסער פֿאַרוווּנדערונג איז זי צוגעשטאַנען צו דער מוטערס פֿאָרשלאַג און איז געווען גרייט.

איך האָב מיך דערפֿילט אין אַ זייער נישט-אָנגענעמער ראָלע. מיטן כּוח פֿון דער מוטער גיי איך מיך אַרויפֿצווינגען אויף דער טאָכטער. ס'איז מיאוס! — האָב איך מיר געטראַכט און גאָר אומדערוואַרט פֿאַר מיר אַליין, האָב איך דערויף געזאָגט:

— איך קאָן נישט גיין...

די סיבה דערפֿון האָט די מוטער נישט געפֿרעגט. זי האָט נאָר געגעבן אַ בליק איבער מיר און איבער מײַן אויסזען און די זאַך איז געווען, ווי קלאָר, מען האָט שוין מער נישט געדאַרפֿן שמועסן דעריבער. צווישן מוטער און טאָכטער איז דעמאָלט געקומען צו אַ בליקן-אויסטויש און ווען ביידע האָבן זיך פֿאַרשטאַנען האָט שוין דאָס אויך אויפֿגעהערט.

אין אָוונט, מיר זענען נישט געגאַנגען אין ערגעץ, פֿאַר מײַן שלאָפֿן גיין, ווען איך האָב שוין געוואָלט אַוועקגיין צו מיר אין צימער, קומט צו מיר צו דאָס מיידל און פֿרעגט מיט אַ ווייטיק אין קול:

— הערט, אפֿרים, איר האָט זיך עפּעס באַליידיקט אויף מיר? עס וועט מיר זייער וויי טון, אויב איך וועל נישט וויסן פֿאַרוואָס.

כ'האָב איר גאָרנישט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

— איך וויל עס נישט שטעלן אין אַזאַ פאָרם — האָב איך איר געזאָגט — ווייל דאָס איז נישט מער באַליידיקונג, ווי ווייטיק.

— פאַרוואָס — האָט זי געזאָגט - ווייל איך האָב געטון אַזאַ נישט שיינע זאַך?..

איך בין געווען זיכער, אַז דאָס מיינט זי איר גיין מיטן שייגעץ און, אַז זי וויל זיך מתודה זיין.

אָבער איך האָב איר איבערגעשניטן און געענטפערט:

— ס'איז נישט ווייטיק, אַז איר זאָלט דאָס מיר דערציילן...

דאָס מיידל איז צעמישט געוואָרן:

— וואָס, איר לאָזט זיך שוין נישט איבערבעטן אויך?

— צו וואָס דען? — האָב איך זי אָנגעקוקט.

— איר זענט היינט געווען אין וואַלד? — האָט זי דערויף מיך געפרעגט.

— יאָ.

— נו, האָט איר מיך נישט געזען?

— ניין.

— פאַרוואָס האָט איר זיך נישט געוואָלט אויף מיר אומקוקן דאָרט?..

— איך אויף אייך?

— יאָ. -- האָט זי פעסט און איבערצייגנדיק געזאָגט.

— איר זענט דאָרט געווען?

— איר האָט מיך געזען אויך... און נישט געוואָלט זיך צו מיר אומקוקן.

איך האָב מיך געוווּנדערט אויף איר דרייסטקייט און געטראַכט, אָדער זי וויל מיך פאַררעדן מיט ליגנט, אָדער דאָ איז

אַ מיספאַרשטענדעניש, האָב איך, כדי צו האָבן אַ צייכן פון איר זיין דאָרט, געפרעגט:

— זאָג מיר, וואָס האָב איך דאָרט געטון?

זי האָט אָבער גלייך געענטפערט:

— איר האָט זיך געלייגט מיטן פּנים אויפן גראָז...

דאָ בין איך געבליבן דערשטוינט.

— זענט איר אפשר געווען אין אַזאַ אָרט, ווו ס'איז געדיכט מיט בלעטער, ווי אַ באַהעלטעניש... און פון דאָרט האָט איר צו מיר אַרויסגעקוקט, ווייל איר האָט נישט געקאָנט אַוועקגיין פון דאָרט...

אָט אַזוי האָב איך זי געפרעגט, כדי צו געבן איר אָנ-צוגעהערן, אַז זי איז אפשר דאָרט געווען נישט אַליין... און כדי איך זאָל זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק אַזאַ פרעגן וועט אויף איר מאַכן.

— ניין — זאָגט זי — איך בין נישט געווען פאַרשטעקט אין ערגעץ. איך בין געווען נעבן אייך, נאָר איר האָט מיך נישט געזען.

— ווו־זשע זענט איר געווען?

— אין סאַמע עק וואַלד.

דאָ האָט זיך מיר דער קאָפּ פאַרדרייט אויפסניי און איך בין ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ שטאַרק נישט גלייבן איר.

זי האָט געלאַכט און געזאָגט:

— ווייסט איר וואָס: אין וואַלד איז פאַראַנען אַ גויה, וואָס קלייבט גרעזער שטענדיק... פרעגט זי, צי בין איך דאָרט נישט געווען.

דאָס מיידל איז פאַר מיר געוואָרן וואָס אַמאָל מער פאַר-וויקלטער, וואָס אַמאָל מער רעטעניש: דאָס הייסט, אַז זי שיקט מיך צו דער זעלבער, וואָס האָט געקליבן די שוואָמען

און וואָס האָט זי געזען גיין מיטן יינגל דעם פּאָליאַק... דאָס איז אַ דרייסטקייט פון איר זייט.

— אודאי — זאָג איך — אַז איך בין דאָרט געווען, וואָס־זשע דאַרף איך נאָך די גויה פאַר אַן עדות?

— נו, אַז איר האָט אַזעלכע אויגן, אַז איר האָט מיך נישט געזען, און איך האָב מיך עקסטרע נישט געוואָלט אָנרופן.

— אויב אַזוי — זאָג איך — איז שוין שיער באַלד ווערט צו פרעגן, וואָרן דו בורענגסט מיך צו מאָדנע שטוינונגען...

— גוט — ענטפערט זי — מאָרגן אינדערפרי גיי אַריבער אין וואַלד, וועט זי דיר זאָגן.

איך האָב מיך, וואָס אַן אמת נישט געוואָלט אָפּגעבן צו אירע עצות, גאָט איז מיין עדות, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן אַזעלכע „נאָכפרעגעכצער" און, אַז נאָר אַ פרעמדע פערזאָן האָט מיך דערצו בגאַזוינן, איך אַליין פיל אַן אָפּשויס צו אַזוינס און עס איז מיר שטאַרק דערווידער. נאָר עס גייט מיר דאָ נישט אין מיר, אין מיין אייגנליבע, וואָרן אויף וויפל אַ מאַן ווערט שטאָלץ ביי זיך מיט דער „קרוין" זיינער, אַז ער איז נישט פאַראַטן, אויף אַזוי פיל ווערט ער אָרעם, שפל און געמיין ביי זיך אין די אויגן, פאַר זיינע געגנ... וואָרן וואָס איז מיר דאָס פאַר אַ זאַך?..

אָבער אויף וויפל עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, כּדי אויפצוצוויקלען דאָס רעטעניש און אַראָפּצונעמען פון איר די ליגנט אין וועלכע איך האָב זי חושד געווען, האָב איך מסכּים געווען יאָ צו גיין פרעגן. אפשר איז טאַקע יענע געווען אַן אַנדערע, וואָס די גויה האָט זי געזען גיין מיטן יינגל און זי איז אויך אַן אַנדערע.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב איר נישט דערציילט, אַז

די גויה האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט נישט געזען קיין איין איינציקע באַזונדער, אויף וואָס זי, דאָס מיידל, פּרעטענדירט יאָ, אויב זי האָט איר געזען. נאָר אפשר איז זי טאַקע יאָ געזען געוואָרן פון דער גויה אַן איינציקע, נאָר מיט אַ שטיק פריער, אַזוי, אַז די גויה האָט נישט געוווּסט, אַז איך מיין זי. סיי ווי — דער ספק איז ביי מיר אַליין אויך געוואָרן אַ מעגלעכקייט.

— נו, אַז דו זאָגסט אַזוי — האָב איך איר צוגעזאָגט — וועל איך מאָרגן לאָזן די זאַך אויפקלערן.

אַזוי האָבן מיר יענע נאַכט אָפּגעשמועסט און זי איז געווען אַ צופרידענע, מיט לויטערע אויגן, ווען מיר האָבן זיך צעשייד צום שלאָפן גיין. איך האָב נאָך דער מוטער געקוּשט אין דער האַנט, געזאָגט אַ „גוטע נאַכט״, און בין אויך שלאָפן געגאַנגען.

אין יענער נאַכט בין איך געלעגן גאַנץ לאַנג וואַך אויף מיין געלעגער אין פיל געדאַנקען איינגעהילט און לאַנג נאָכגעדענקט וועגן דעם, צי האָט עס געקאָנט זיין זי, וואָס איז געגאַנגען מיטן יינגל. וואָרן אַזוי איבערגעגעבן, ווי זי האָט זיך דאָסמאָל פאַרטיידיקט פאַר מיר און געווען פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז איך זאָל נישט גלייבן אויף איר, און ווי עס האָט זיך געפילט אַ געוויסע ערלעכקייט אין אירע רייד, איז זי מיר שוין ווירקלעך אַ שאַד געווען און אַ גרויסער פאַרלוסט איז ערשט, אויב דאָס זאָל זיך אַרויסווייזן פאַר נישט אמת. איך ווער שוין אַזוי נייגעריק, אַז איך קאָן קוים אַנטשלאָפן ווערן.

צומאָרגנס אינדערפרי, איך כאַפּ מיך ווידער אויף ווי נעכטן, גיי ווידער אַראָפּ צום פענצטער, גיב ווידער אַ קוק אויף דעם ליכטיקן דרויסן, די געדאַנקען זענען פריש, לויטער,

אויסגעשלאָפֿן, דערמאָן איך מיך, אַז נעכטן האָב איך עפּעס דורכגעלעבט אַ טאָג אין נעפּל, ווו אַלץ איז אין מיר געווען שווער ווי בליי, — און צו וואָס דאַרף מען דאָס?

איך האָב מיך דערמאָנט אָן דער גאַנצער נאַרישקייט פֿון צוזאָג מיינעם, צו גיין נאָכפֿרעגן. און איינדערמאָכטן, ווי קאָן איך מיך שטעלן אין אַזאַ לאַגע, צו גיין אויספֿאָרשן ביי אַ באַבע אין וואַלד, וואָס קלייבט שוואָמען, אָדער ווי דאָס מיידל זאָגט — גרעזער: צי האָט זי געזען די מיטן קורצגעשוירענעם שוואַרצן קעפּל מיטן ייִנגל, אָדער איז די אַן אַנדערע און איז בעגאַנגען באַזונדער, אפשר פֿריער...

איך האָב אויך געלאַכט איבער דעם גורל פֿון דער „ציוויליזאַציע" און פּראָגרעס פֿון דער „מענטשהייט", וואָס זי האָט דערגרייכט דורך לאַנגע דורות, מיט מיין איצטיקן „פֿאַרשוועכן" זי דורכן אָנקומען צו אַזעלכע „מיטלען", ווי גאַנץ פּאַרצייטנס, און צו אַ באַבע, וואָס קלייבט גרעזער אויף אָפּצושפּרעכן אַ קאַלטן...

איך האָב דערפֿילט, ווי דאָס גאַנצע „וויסן" און אויסגעאיידלטקייט האָט זיך אין מיר „אַ וואַקל געטון" איבער איין נאַכט... אַזוי ווי ס'קאָן אויך זיין דער גורל מיט דער מענטשלעכער „דערגרייכונג", ווען איבער נאַכט זאָל אויף איר אַראָפּפֿאַלן אַ צרה, אַזאַ שטייגער ווי די לעצטע וועלט-מלחמה, און זי מאַכן צוריק פֿאַרווילדעוועט... צוריק פֿאַר חיות, צוריק מיט בלוטפֿאַרגיסונגען, צוריק שלינג און שלאַנג און נישטאָ, קיין אחריות פֿון קיינעם און קעגן גאָרנישט...

איך האָב געפֿילט ווי די „חיה" וואַקסט אין מיר און צו דער זעלבער צייט שטייט איבער מיר אַ גוטער מלאך און זאָגט מי,

— הער, וואָס וועסטו דיך גיין פֿרעגן, אַז סיי־ווי־סיי

האָט עס נישט קיין באַטרעף... האָט זי דען נישט געקאָנט אונטערקויפן די באָבע, ווען זי איז נאָך דיין אַוועקגיין אָפּער־געקראָכן מיטן שייגעץ פון אונטערן קושאַק, ווו זי איז גע־לעגן פאַרשטעקט מיט אים די גאַנצע צייט... און צוגרייטן די באָבע, אַז זי זאָל דיר היינט זאָגן אַלץ פּונקט קאַפּויר.

און מיט אַ געהעריקן „פּראָגרעסיוון" שפּרונג האָב איך נאָך צוגעגעבן:

— פּאָלג מיך, אַ סך וויסן, הייסט אַ סך פאַרגעבן...

אָט די לעצטע פראַזע איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין געדאַנק און, ווען איך האָב שוין געהאַלטן אַרום דער העלפט פון מיין אָנטון זיך, האָב איך שוין געהאַט באַשלאָסן נישט צו גיין, אויב מיין שטימונג זאָל נאָר האַלטן לאַנג אַזוי, וואָרן איר ווייסט דאָך, ווי איך ווער אין דער לעצטער צייט געביטן נישט נאָר אין איין מינוט, נאָר אין איין סעקונדע און מיין אָנטשלאָסנקייט איז פּונקט, ווי קיט, וואָס מען קאָן אים ציען אין וועלכער זייט אַריין מען וויל.

און צו וואָס, טראַכט איך, זאָל איך טאַקע גיין פרעגן, אַז ס'איז קלאָר... מען דאַרף עס נישט... „וויסן אַ סך, הייסט — פאַרגעבן אַ סך"... און אויך דעם מיידלס נעכטיקע שטאַרקע צושטיין, אַז איך זאָל גיין איבערפרעגן, איז מיר געוואָרן קלאָר איצט...

נאָר אַזוי ווי איך טו עס דאָך סיי־ווי־סיי נישט פאַר מיר, נאָר פאַרן מיידלס וועגן אַליין, ווייל אפשר וויל זי ביי מיר נישט איבערלאָזן קיין איינדרוק פון אַזאַ... טאַט, וואָס זי איז נישט באַגאַנגען, וועל איך יאָ גיין...

איך האָב מיך אָפּגעוואַשן, דער גאַנצער מאָרגן גייט צו פריילעך, און מען עסט צוזאַמען. נאָכן עסן זאָגט זי צו מיר אַזוי:

— נו, דו גייסט ערשט אַהין, וווּ מען האָט געכטן אָפּ־געשמועסט, און איך וועל נאָכקומען. כ'וועל אפשר מיך זוימען אַביסל, ווייל איך דאַרף גיין נאָך בריוו פון די ברידער, צו דער סטאַציע, און אויך אָפּטרעטן בײַ צוויי מיידלעך, צוויי שוועסטערן, וואָס זענען מיינע חברטאָרינס — אָבער זאָלסט פון דאָרט נישט אַוועקגיין, ביז מיין אָנקומען, ווען עס זאָל נישט זיין.

און אָנזאָגנדיק דאָס, נעמט זי מיט זיך אַ קליין פאַרבונדן פעקעלע, וואָס האָט אויך געדאַרפט גיין, מסתמא, אויף דער סטאַציע, און זי איז אַרויס פון שטוב.

נאָכן פרישטיק האָב איך מיר פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס, וואָס כ'האָב פאַרזעצט אין מיין בורשטינענעם ציגאַרנשפּיצל, האָב מיך געזעגנט מיט דער מוטער, קושנדיק איר אין דער האַנט, און בין אַרויס אויפן וועג, לאַנגזאַם שפּאַצירנדיק קעגן וואַלד.

אַלזאָ: הייסט עס, אַז ס'איז באַשלאָסן מיין גיין פרעגן.

נאָר נאָך איצט בין איך מיך גרייט אומצוקערן. און בפרט ווען איך האָב דערזען דער מוטערס ליבן שמייכל, וואָס האָט מיך דורך די שויבן נאָכבאַגלייט... אָבער איך בין שוין אַרויס אויפן וועג. אין שטוב האָב איך שוין צוגעזאָגט, איידער דאָס מיידל איז אַרויס, צו זיין דאָרט און זי וועט מיך קומען זוכן און זי וועט זיין בייז אויף מיין ליידיק צוריקגיין.

איך קאָן, איבעריקנס, גאָרנישט דעצידירן, אויב אַזוי איז איר ווילן, כאָטש איבעריק איז דאָס אַלץ, ווען זי דערקלערט מיר, אַז זי פאַרלאַנגט מיין גלייבן אין איר ערלעכקייט, און אַז זי האָט נישט קיינעם... אָבער ס'איז איבעריק צו שמועסן.

און דערווייל אַזוי גייענדיק און קלערנדיק, קום איך ביסלעכווייז צום וואַלד און איך בין שוין אין אים.

און אַזוי ווי די גויה דערזעט מיך, גיט זי זיך אַ גלייך אויס אַנטקעגן מיר, דערשפּירנדיק, מסתמא, אַז זאָס קום איך צו איר, און נאָך איידער איך בעט זי איבער פאַר מיין נעבעטיקן אויספרעגן זי, נישט ווייסנדיק, אַז איר באַרוף איז צו באַשעפטיקן זיך מיטן מענטשנס גורל, און אַז איך האָב איר היינט אויך עפּעס צו פרעגן, זאָגט זי שוין אַליין:

— גוט, גוט, נאָר האַלט דיך עטוואָס פונדערווייטנס, ווייל די נאָנטקייט שטערט מיר אין רויקן פאַנאַנדערקלייבן זיך אין מיינע און אויך אין יענעמס געדאַנקען...

איך האָב אַזוי געטון און בין געבליבן שטיין ביי אַ פּופּציק איילן פונדערווייטנס.

— הער — זאָגט זי, און דערביי ציט זי אויס איר גאָמבע וואָס דינער און שאַרפער — איך זע, אַז דו ביזט נישט קיין „איינפאַכער מענטש", — „אידיאָט" — באַווייז איך אַריינצוטראַכטן אינדערמיט... — און דיין פּראָפעסיע איז אַ גייסטיקע, דו ביזט אַליין אַ מענטש פון „געדאַנקען" און באַזיצסט אַ געוויסע „אינטעליגענץ" אין דיינע אַלע פאַרהאַלטונגען צו מענטשן, ווי אויך אין דיין גאַנץ דענקען; דיין פרנסה האָסטו פון דעם, וואָס מענטשן באַוווּנדערן דיך... און זענען אַנטציקט פון דיר... דעם ריינעם אמת דיר זאָגן: איז דאָ געווען נעכטן אַ מיידל און מיך באַשטעלט, אַז איך זאָל דיך נאַרן... אָבער איך טו דאָס נישט קיינמאָל, האָבנדיק די געהעריקע אַכטונג צו מיין פּראָפעסיע... איך וויל די קונסט פון רעדן צום האַרץ פון מענטשן, דורך געלט נישט פאַרדאַרבן. איך האָב מיין פליכט, יינגערמאַן, קעגן דיר געטון...

איך האָב זי געפרעגט נאָך, וויפל דאָס מיידל האָט איר באַצאָלט פאַר דעם אונטערשטעלן זי און איך האָב איר געגעבן טאָפּלט פון דעם.

ווען איך האָב איר צוגעוואָרפן איר לרין פונדערווייטנס, בין איך צוריק אַרויס אין עק וואַלד, וואַרטן אויף מינקען.

פאַרוואָס האָב איך געוואַרט, נישט אַוועק באַלד אַהיים? ווייל דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך מיט אַ באַוווסטזיניקייט באַשלאָסן צו זיין שלוי, אָט פונקט אַזוי, ווי זי איז עס. מיין פריינט, דידאָזיקע מאָס טאָר אפשר נישט באַנוצט ווערן, אָבער דאָס איז נישט געווען, כּדי איר עפּעס שלעכטס צו טון.

איך האָב אַרויסגענומען דעם זייגער, אַ קוק געטון ווי שפּעט; ווען איך בין אַרויס צוריק אויפן וואַל פון ברעג וואַלד: האַלב צוועלף איז געווען.

אַ גאַנצע שעה האָב איך געוואַרט אויפן ברעג, ביז איך האָב זי דערזען אין דער ווייטקייט איבערן וועג שוין גייען אַהערצו צום וואַלד — און איך בין איר אַנטקעגנגעגאַנגען אויפן וועג אַרויס.

זי האָט מיך באַגעגנט מיט פרייד:

— נו, האָסטו זי געטראָפן, די גויה?

— יאָ.

— נו?

— אַלדאָס גוטס... — האָב איך איר געענטפערט.

— נו, זעסט שוין... איצטער ביזטו שוין אין אָרדענונג?..

— וואָס הייסט? און פריער בין איך דען נישט געווען אין אָרדענונג?

— דו האָסט דאָך נישט געגלייבט...

— איך בין דען געווען דער נישט־גלייביקער? נאַרעלע, איז דען דאָס נישט געווען דיין צושטיין צו מיר וועגן גיין צו דער גויה פרעגן... נאָך נעכטן ביינאַכט בין איך געווען איין מאָל אַנטשלאָסן, אַז איך זאָל גאָרנישט פרעגן אויך, און

נאָך היינט אינדערפרי אפילו. אָ, קינד, נאָך וואָס האָט מען געדאַרפֿן דאָס אַלץ.

— אָבער ס'איז שוין פֿאַרפֿאַלן — האָט זי געזאָגט — און דו ביזט איצט רויקער אויך פֿונדעסטוועגן...

— יאָ. — האָב איך געענטפֿערט און זי אָנגעקוקט...

— געוויס. — האָט זי מיט געשיקטער פֿרייד באַשטעטיקט און זי האָט מיר אונטערגעשטעלט די באַק, איך זאָל קושן.

איך האָב זי געקושט און געפֿרעגט:

— דו ווילסט נישט אַביסל ליגן אונטערן סטויג היי? —

— אָ, — האָט זי אַ חן-לאַכעלע צוגעוואָרפֿן מיר אין פּנים אַריין — די מכשפֿה האָט דיך געמאַכט, זע איך, אַ סך קליגער, ווי דו ביזט געווען ביז היינט...

— ווירקלעך?.. — האָב איך זי געפֿרעגט צוריק, אויך מיט דעם זעלבן צוגעלאָזטן שמייכל.

זי האָט אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ און אַזוי זענען מיר געגאַנגען אַ גאַנצן וועג ביז אין שטוב אַריין און געפּלוידערט.

ווען מיר זענען אַהיימגעקומען האָבן מיר פֿאַרבראַכט גאַנץ געמיטלעך צוזאַמען מיט דער מוטער און דערנאָך האָבן מיר זיך אַלע דריי געזעצט מיטאָגן. דאָס עסן איז געווען גע-ראָטנער, ווי אַלעמאָל, די פֿנימער לויטערער, עס האָט כמעט צעראָפּגעלויכטן אַ פֿרייד פֿון זיי.

ווען מיר זענען אַלע אויפֿגעשטאַנען פֿון מיטאָג האָב איך, אַזוי ווי גאָרנישט קיין סך אויסנזייענדיק מיט די ווערטער, דערקלערט, אַז איך מוז היינט זיין אין שטאָט, און דאַרף גע-נייטיק.

— אויף ווי לאַנג פֿאָרט איר? — פֿרעגט די מוטער.

— עס בלייבט דאָך שוין נישט קיין צייט אויף ווען

צוריקצוקומען... — האָב איך געענטפערט — אויף ווען? ס'איז דאָך שוין פאַר יום־טוב. —

— איי, איי... — האָט זיך די מוטער פאַרווונדערט — ווען מיר זיך שוין דאַרפן שיידן.

— נו — זאָג איך — אַז די צייט קומט.

— מילא, ווען קומען אַמאָל דאַרף מען דאָך אייך קיין שטיקל דאַר ברויט אין העמד אַריין נישט אַריינגנייען פאַר זכרון וועגן, ווען איר וועט נאָר קאָנען...

נו, מילא... — האָב איך מיך אַליין צעשמייכלט און אַ פּיל־פּאַכע הנאה געהאַט פון דער מוטערס פריינטלעכקייט און צוגע־לאָזטקייט, וואָס דערגייט כמעט ביז אָן אַ גרענעץ; נאָר די קליינע בעסטיע — טראַכט איך — אָט די קליינע בעסטיע... — און איך האָב מיך זייער פריינטלעך צעקושט מיט דער מוטער, זי אַפילו צוגעדריקט צו מיין ברוסט, דער טאָכטער אין די אויגן... דער־נאָך, זיך געזעגנט אויך מיט דער קליינער און די זאַכן זענען שוין געלעגן גרייט צום פאָרן. נאָר בלויז וועש און אָן אָנצוג מיט שיך צום איבערבייטן און גאָרנישט.

מיר זענען אַלע דריי געגאַנגען צו דער סטאַציע, געפּאַ־כעט צו זיך מיט די ווייסע טיכלעך, ווען איך בין שוין גע־זעסן אין צוג, ווי עס פּירט זיך, לופט־קושן — איך צו זיי, זיי צו מיר — און אַזוי האָב איך מיך אַרויסגעדרייט פון מיין גיהנום.

מיין פריינט! ס'ערשטע מאָל אין מיין לעבן, האָב איך געזען, ווי שיין, ווי עלעגאַנט אַ פאַלשער גאַנג קאָן אַרויסקו־מען ביי מיר.

אָבער, פריינט מיין ליבער! איך ווינטש קיינעם נישט צו זיין אַזוי זיס... אָט דאָס איז די זיסקייט אַלעמאָל ביי מענטשן...

געגוג מיט די אַלע, וואָס זייערע ריידעלעך פייפן אַזש צו פּאַר זיסקייט ביים רעדן...

אַז איך בין אַריינגעקומען אין שטאָט, האָב איך מיך ערשט גענומען מיט טאָפּעלע מי און ענערגיע צו דער אַרבעט.

איך בין דאָסמאָל געווען צופרידן פון מיר. איר וועט לאַכן, אַז אויב אַ מענטש טוט עפּעס אָפּ אַ נאַרישקייט, אַ נבֿלהשע זאַך, ווירקט עס דערנאָך אויף זיין אַרבעט. דער זעלבער גרויז פון זיין טאַט, וואָס בלייבט אין זיין נשמה, שטויבט זיך נאָך אין אַלע זיינע אַרבעטן און טיילמאָל, אַזוי בולט, אַז ער שפּירט, ווי אַ שמאַטע שלעפּט זיך אים נאָך אומעטום. דאָס איז דער קויט פון זיין נשמה, מיט וועלכער ער איז נישט צופרידן.

איך בין מיט גאָר אַן אַנדערן ווילן און פרייען קאָפּ געגאַנגען און געשטאַנען אומעטום און דערליידיקט זאַכן, ווי געהעריק.

קיין ערטער, ווו צו פאַרברענגען די אָוונטן, ווען אַביסעלע אומעטיקלעך איז מיר געוואָרן, ווייל דאָך בין איך געווען פול און פריש מיט איבערלעבונגען, האָבן מיר נישט געפעלט. איך האָב געזוכן איינצוואָרדענען, אַז די לעקציע מיט דער טאָכטער פון איינעם אַ היגן טעאַטער־אונטערנעמער, זאָל אומבאַדינגט איבערגערוקט ווערן אויף דער אָוונט־שעה, כדי איך זאָל דערנאָך, ווען איך בין שוין פריי, אויך קאָנען פאַרברענגען דאָרט ביז אין דער נאַכט אַריין. זי האָט געשפּילט און געזונגען, טיילמאָל האָבן מיר אין צווייען אויף דער פּיאַנינע איין מעלאָדיע געשפּילט, ביי דער ליכטיקייט פון זשיראַנדל און הייסן טיי אויפן טיש. איך האָב מיך נישט שלעכט געפילט. אַזוי זענען פאַרבייגעגאַנגען צוויי וואָכן. איך האָב, פאַרשטייט

זיך. קיין אות פון קיין בריוו אויך נישט געשריבן, בשעת יענע האָבן זיך געדעכט, אַז אויב נישט אויפן צווייטן, איז אויפן דריטן טאָג נאָך מיין אַרויספאָרן פון דאָרט, שוין זיכער דאָ אַ בריוו, — פון מיר, פאַרשטייט זיך, דעם ערשטן, לויט דעם אָנגענומענעם מנהג פון דאַמען-ערע.

איינמאָל, ס'איז שוין געווען פעליקע צוויי וואָכן נאָך יענעם טאָג פון מיין צוריקקומען, ווען איך בין אַהיימגעקומען שפעט ביינאַכט, ווייל איך האָב מיך געדאַרפן זען מיטן די-ריגענט פון טעאַטער פון דעם זעלבן אונטערנעמער טאַקע, — איך שליס-אויף די טיר, פאַלט מיר אַרויס אַ בריוו פון דער שפאַרע. אין דער פינצטער וואָלט איך עס אודאי נישט דער-זען, ווי ער וואָלט געבליבן ליגן אויף דער ערד, נאָר פונקט איז ער מיר געפאַלן אויף דער האַנט, מיט וועלכער איך האָב אויפגעשלאָסן. אַז איך דריי אַרויף דעם עלעקטרי, גיב אַ קוק: ס'איז פון דאָרט. אויפן קאָנווערט געשריבן מיט דער מוטערס האַנט.

„פאַרוואָס נישט מיט דער קליינערס?" — איז מיר גע-קומען אויפן געדאַנק — „מסתמא איז ריכטיק".

אַ מין פרעטענציע... „ס'טייטש, אַזאַ פריינט"...

נאָר גאָרנישט, איך מאַך מיך גאָרנישט וויסנדיק, איך לייג דעם בריוו אויפן טיש, איך שפיגל מיך אין אים: אין קאָנווערטס גלאַנץ, אין דער גלייכער, געצוונגענער האַנטשריפט, וואָס איז אויף אים, נאָר קיין ענטפער — נישט.

איך האָב מיר פאַרגעשטעלט דער מוטערס פיגור, וואָס כּמעט אַ פאַרגעניגן דאָס וואָלט געווען, ווען זי דרייט זיך אין די הינטערשטע צוויי צימערן אַרום, אויג אויף אויג מיט מיר אַליין... און שטעלט אַלץ פאַנאַנדער, ווי אַן אייגענע און ברענגט אַלץ אין אָרדענונג מיט גרויס ליבשאַפט. און אַז איך

בין געגאַנגען שלאָפן, האָב איך דעם בריוו געקושט און גע-לייגט אים מיטן קאָנווערט אונטערן קישן, אַז עס זאָל זיך מיר אַ גאַנצע נאַכט חלומען גוטע חלומות פון דער זיסער, ליבער פרוי.

האַרט פאַרן איינשלאָפן האָב איך געטראַכט, און לאַנג געטראַכט: אפשר וואָלט איך גאָר חתונה געהאַט מיט דער פרוי, מיט דער מוטער, נישט קוקנדיק אויף אירע צוועלעף-פערציק יאָר, וואָס זענען אַזוי געשמאַק, פונקט ווי דערשטאַנענע תבואה אין פעלד, פונקט ווי די גאָלדענע זאַנגען.

אָבער אויף דעם בריוו האָב איך גאָרנישט געענטפערט.

אַז עס פליסן אָפּ נאָך צוויי וואָכן נאָך דעם ערשטן בריוו, קריג איך נאָכאַמאָל נאָך איינעם. איצטער — שוין אָן פרעטענזיעס און אַפּעלירונגען צו מיין אַלטער פריינטשאַפט...

איך האָב פאַרשטאַנען נאָך איידער איך האָב געלייענט, אַז אַזוי דאַרף ער זיין... און, אַז אויב איך וועל אויף אים אויך נישט ענטפערן, איז ער שוין אויך דער לעצטער.

נאָר שטעלט אייך פאָר, אַז איך לעז אים איבער, זע איך, אַז דאָ עפנט זיך ערשט אויפסניי אַ ברייט, ריין פעלד...

„די טאָכטער האָט נישט דאָרט קיין שום צוועק, אין דעם קליינשטאָט ווערט מען פאַרלוירן, און די מוטער, וואָס ווייסט וועגן מיינע באַקאַנטשאַפטן אין דעם קרייז, בעט מיך, אַז די טאָכטער זאָל אָנקומען אין דער דראַמאַטישער שול און זי איז גרייט צו קומען קיין וואַרשע"... — אַך, ס'איז גוט! — טראַכט איך.

אָבער די רוסישע דעפּאַרטאַמענטן, כדי עס זאָלן זיין „טשינאָווניקעס", כאָטש דער אָביעקט פאַרן דעפּאַרטאַמענט פעלט...

אונזער „דראַמאַטישע שול" מיט אַזש גאַנצע דריי אָנפּ-

דער — ד״ר שפרינגענזאָן, ד״ר מעקלערזאָן און ד״ר טענצער אויך אַלע חתונות-זאָן. איינער רעדט וועגן געהער מיט דער זיכערקייט פון קאַרוזאָס אַ משפחה, באַזיצט ער אַליין אין זיין קול אַ נישקשהדיקע האַרמאָניע פון אַ סקריפּ פון אַ טויער, וועגן ער לאָזט הערן וועגן דיקציע... דער צווייטער — וועגן יידישער היסטאָריע: ווער ס׳איז געווען גאָלדפאַדן... און דער דריטער האָט גלאַט אַזוי גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער פאַרטיי... און די אַלע דריי האָבן באַשטימט פאַר זיך פערציק זלאָטעס פון יעדן שילער-קאַנדידאַט איינשרייב. די 40 זלאָטעס וועלן יאָ אָנגענומען, דער שילער — נישט, און אַזעלכע טעלעכע הונדערט 40-קער זלאָטעס צו יעדן סעזאָן, 4 מאָל אין יאָר, לוינט זיך שוין צו „אַמטירן״ אין דעם דעפּאַרטאַמענט, וואָס נאָר בלויז ער אַליין עקזיסטירט, דערקענען דער אָביעקט—נישט, טאָ וווּ-זשע קומט זי? אַך, אַך, אַך, וואָס פאַר אַ ווילער אויפטו פאַר אַ טאַלענט, צו קומען אים אויסשלייפן ביי די-דאָזיקע דריי דאָקטוירים, און די קליינע האָט טאַלענט... זי האָט... — האָב איך מיר אין דער שטיל צוגעטאַקעוועט...

גאָר געענטפערט האָב איך נישט.

איך פיל צו איר די ליבע, וואָס איך פיל אין אַלגעמיין צו מענטשן, וואָס גייען מיט אַ גלייכן שנייט סיי אין זייערע פּריוואַטע זאַכן, ווי זי, מינקע, און סיי אין זייערע געזעלשאַפט-לעכע, ווי די דערמאָנטע דריי דאָקטוירים. אַ „דראַמאַטישע שול״ האָבן זיי, שילער פאַרהערן זיי... נאָר ווער עס זאָל זיי אַליין פאַרהערן (זאָל זיין אָן פערציק זלאָטעס...) איז נישטאָ...

נאָר כ׳האָב דער מוטער סיי־ווי נישט געענטפערט. און כאָטש כ׳האָב גאָרנישט געשריבן, פונדעסטוועגן גייען נישט אויס קיין אַכט טעג — און די קליינע איז דאָ! זי איז דאָ

מיט אַ געפלאָכטן קיישל, אפילו מיט די זאַכן, ס׳הייסט זי איז געקומען וווינען שוין דאָ... זי האָט דאָ הי משפּחה.

איך האָב געטראַכט: „אַ שווערער נסיון, מען איז מיך געקומען אויסנוצן".

— נו, וואָס קאָן איך פאַר דיר טון, קליינע?

— אוי, מיין ליבער, מיין טייערינשקער!.. — פאַלט זי אַזש ווי אין ספּאַזמען אַריין.

— נו גוט, גוט — זאָג איך און אין מיר טראַכט איך: „דו דאַרפסט דען דיין נישט ליבן מיך מכפר זיין, פאַרענט-פערן ווי אַ זינד?.. נישט צו ליבן איז נישט קיין פאַרברעך, וואָס עס קומט דערפאַר נישט צו דינען, אויב מען קאָן". און איך באַשליס:

— כ׳וועל עפּעס טון פאַר דיר...

זי איז צו מיר צוגעפאַלן; זי וויל מיך קושן...

— נו, מילא, קוש...

און איך באַגלייט זי צו דער משפּחה, ווייל געקומען איז זי צו מיר פון דער באַן גלייך, אפילו מיטן קיישל.

ס׳זענען נאָך געשטאַנען זייער שיינע טעג, כאָטש ס׳איז שוין געווען האַרט פאַר סוכּות, ווען כ׳בין שבת פרי אויסגע-שטיגן ביי דעם קאָליע-שטרייך פון די אונטערשטאָטישע זומער-וווינונגען, איז אויף די זאַמד-פלעצער שוין געלעגן, ווי אַ פאַרברוינט זאַמד. צוליב דער נאַסקייט פון דעם אָפּגעקילטן נאַכט-טוי. די זון האָט שוין נאָר ווייט-שטראַלנדיק אַריינגעקוקט צווישן די צווייגן פון עטלעכע דאָ שיטער-צעשטעלטע נידע-ריקע, קרומעביימער. אויף דעם פלאַץ, וואָס איז געלעגן צווישן אַנדערע פאַרצוימטע פלעצער און האָבן דעם געלאָזט,

ווי אַן אָפֿענע „ח״ צווישן זייערע דריי זייטן מלויטן, בין איך געגאַנגען צום סאַמע ווינקל לינקס, ווי דאָרט האָט זיך געענדיקט ווייט אַרויף אַ שמאָל געסטעלע און איך בין צוגעקומען צו אַ ווילע. דאָ איז דער מאָרגן־ווינקל געווען אַ טונקל־אויסגעלאָשענער, צוליב· די לאַנגע און גלייכשטייענדיקע ביימער, וואָס האָבן דעם שיין פֿון טאָג פֿאַרשטעלט. אין הינטערגרונט אַנטקעגן דעם פֿאַרקאַן, ביי וועלכן איך בין געשטאַנען, האָט פֿון צווישן די ביימער אַרויסגעקוקט אַ געל־געפֿאַרבט צוויי־שטאָקיק הויז מיט ברייטע וועראַנדעס אונטן און אויבן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אָפֿענע סוכות מיט צוויי סלופּעס אין די פּאָדערשטע צוויי ווינקלען. איך האָב געזוכט אַ טירל ווי אַזוי אַרייַנצוגיין אין הויף, נאָר דאָ, אין דער גאַנצער לענג פֿאַרקאַן, האָב איך נישט געפֿונען. איך בין אַריין אין קווער געסטעלע, וואָס פֿירט אַרום דעם פֿאַרקאַן צו דער צווייטער זייט ווילע און דאָרט בין איך צוגעקומען צו נאָך איינעם אַזאַ הויז, וואָס איז געשטאַנען הינטער יענעם, וואָס כ׳האָב געזען צום ערשטן. דאָ האָב איך געפֿונען אַ קליין טירל אין סאַמע ווינקל פֿון פּלויט, און בין אַהין אַריין אויף דער סטעזשקע, וואָס האָט גלייך געפֿירט צו דעם הויז, וואָס איז דאָ געשטאַנען. די ערשטע, וואָס איך האָב געפֿרעגט וועגן דער אָנגעוויזענער מיר אַדרעס, איז געווען אַ פֿרוי מיט אַ ברודיק טוך מיסט אין דער האַנט, וואָס זי האָט געטראָגן צום אַרויסוואַרפֿן אינדערפֿרי נאָכן אויסקערן די שטוב. זי האָט אָנגעשטעלט די אויגן אינדערלופֿט, נאָכגעקלערט און נישט געוווסט, ווו דאָס איז און וועמען איך מיין. איך האָב געזוכט קינדער אַרום דעם הויז, זעענדיק, אַז ביי די גרויסע מענטשן וועל איך מיך צו גאָרנישט דערשלאָגן. און די ערשטע צוויי, צו וועלכע איך האָב מיך געווענדט צו ביידע גלייך, זענען געווען צוויי מיידלעך

צו זיבן יאָר, אין קורצע קליידלעך, לאַנגע שטרימפּ און פול מיט באַוועגונג צום שפּרינגען.

— מיידלעך! — האָב איך מיך צו זיי געווענדט. די קינדער זענען געבליבן שטיין פאַרגאַפטע מיט אויפגעהויבענע פּנימלעך קעגן מיר.

— קאָנט איר מיר נישט זאָגן, ווו עס וווינט דאָ די און די...

— יאָ — האָבן זיי לוסטיק ביידע גלייך אויסגעשריגן און האָבן מיך אַוועקגעפירט צו יענעם הויז, וואָס כ'האָב צום ערשטן געזען.

איך האָב שוין געוואָלט מאַכן דעם ערשטן טריט אויף דער וועראַנדע אַרויף, ווי די ביידע קינדער האָבן מיך פון הינטן פאַרהאַלטן:

— אָט איז דאָרטן די...

איך האָב מיך אומגעקערט צוריק פון ערשטן שטיגל אַוועק, גלייכצייטיק מיט אַ בליק, וווהין די קינדער האָבן מיט די הענטלעך געוויזן. אַ פופציק איילן ווייט איז ווירקלעך געזעסן ווער, אַ פרויען-געשטאַלט, אין אַ האַלב-ליגנדיקער פּאָזע אין אַ וויג-שטול.

— וואָס זיצסטו דאָ שוין אַזוי פרי? — האָב איך געפרעגט, נאָגייענדיק צו איר.

— זעסט דאָך, אַלע זענען שוין אויפן הויף, — האָט זי געזאָגט, — קינדער אפילו.

— אָבער דו ביזט נאָך, דאַכט זיך מיר, נישט אָנגעטון. אַזוי איז צו קיל שוין אין הייַנטיקן מאָרגן.

— עס שאַדט נישט — האָט זי געזאָגט — איך גיי באַלד אַרײַן מיך אָנטאָן. — און דאָס האָט זי געזאָגט מיט אַזאַ שטיל-

קײט און דאָס קול אירס אַזױ טרױקן, געלאָשן, װי געגרישט דיזעלבע.

זי האָט זיך אױפגעשטעלט אין אַ מאָרגן־שלאָפראָקל, עפּעס אַ פאַרנומענע אין געדאַנק איז זי געװען און זי האָט געזאָגט, זי בײט זיך אָנטון, כ׳זאָל דאָ צװאַרטן אַביסל, זי קומט באַלד אַרױס.

זי איז אַװעק אױף דער װעראַנדע, די קינדער זענען אױך גלײך אַװעק און איך בין געבליבן זיצן אַלײן.

אַזױ בין איך געפאָרן אין יענעם מאָרגן און אַזױ האָט מיך אױפגענומען מינקע.

די מומע, צו װעלכער זי איז געפאָרן, איז נאָך דערװײל נישט אַרײנגעקומען פון זומער־װױנונג, און װען דער פעטער האָט איר צװױסן געגעבן װעגן מינקעס קומען, האָט זי, זי צו זיך דערװײל אַרױסגעבעטן אױף אַ פּאָר טעג, ביז זי פאָרט אױך באַלד צוריק אין שטאָט אַרײן. מינקע, װידער, האָט מיר געבראַנגט דעם אַדרעס און מיך אָנגעבאָטן װײל זי האָט גאָר געקאָנט, אַז איך זאָל װידער צו איר אַרױסקומען. נאָר פאַרװאָס איז זי אַזױ צוריקגעצױגן, אָפּגעהיטן פאַר אַ קינדעריש לוסטיקן אױסברוך פון איר געװײנלעכן טעמפּעראַמענט. זי רעדט אױך אַ סך שטילער, עפּעס ציטערדיקער און דינסט־פאַרטיקער.

װער איז עס די מומע פאַר אײנע? זי איז מינקעס מוטערס אַ שװעסטער. אַ ײנגערע פרױ נאָך, נאָר אין אַ שײטל. זי איז נישט קײן אַלטװעלטיקע, נאָר נישט פון דעם פרײערן טיפּ. זי איז נישט אַלטמאָדיש, האָט נישט װעגן זיך קײן מײנונג, אַז זי איז אַ „פאַנאַטישע", נאָר קאָן פאַר קײן פאַל נישט פאַרקירצן אױף אַ צאָל איר לאַנג קלײד, װאָס שלומפּערט זיך נאָך. װען זי האָט חתונה געהאַט מיט איר איצטיקן מאַן, דעם

חסיד, אין זייער קליינעם שטעטל, האָט מען זי איינגעשאַצט צוזאַמען מיטן נדן, אויך אַלס „אַ שיינהייט און אַ געלערנטע" און, ווען דער חתן האָט געקריגן אַ גאָלדענעם זייגער, האָבן אים די חברים פון שטיבל מקנא געווען: „אוי געלט, אוי „סחורה"... די מחותנים אַליין האָבן אויך געשמועסט צווישן זיך וועגן איר: דאָס „קרן" איז אַ גוטס... אַזוי האָט זי געגאָלטן אויך אַלס אַ פּאַצעטקע, ווען זי האָט איינמאָל אָנגעטון אַ געבלימלט קורץ פּאַרטוכל, אַ העלפט פון דער געוויינלעכער מאָס סחורה, וואָס גייט אַוועק אויף אַ כשר פּאַרטוך, און אַ באָרדע בלוזקעלע מיט גאָלד־געהאַפּט פון פאָרנט... זי איז אפילו אויך געווען ראָמאַנטיש, און איינמאָל שוין געהאַט אָנגעשריבן אַ בריוול צום חתן, נאָר געשיקט האָט זי עס נישט. געזען מיט דעם חתן האָט זי זיך נאָר בלויז פאַר דער ציגעלנע אויפן ברייטן וועג הינטער דער שטאָט, ווען זי איז געגאַנגען צווישן אירע חברטאָרינס אויף איין זייט ביים פעלד. און ער צווישן זיינע חברים אויף דער צווייטער זייט. נאָר די שבתדיקע אַראָפּגעלאָזטע זון, וואָס איז דעמאָלט שוין געשטאַנען נאָענט צו מעריב און מיט אַ גאָלדן־רויטער צעפלאַמטקייט געבליִשטשעט פאַר די אויגן, האָט איר געשטערט אים גוט אָנצוקוקן; און די האַנט אויפהייבן פאַרן שטערן, האָט זי זיך געשעמט. — איצטער איז זי אַ רייפערקע צווישן די פאַבריקן־קוימענס. זי גיט דאָרטן קריסטלעכע אַרבעטאָרער סחורה אויף בלוזקעס פאַר ראַטעס. דער מאַן ווידער קאַלקולירט איר אויס פרייזן אויף נאַלעוווקעס און שטעלט איר צו די אַלע מיני סחורות אין שטוב אַריין, — אָט די איז איר מומע.

אַריינגעבעטן אין שטוב האָט מינקעלע נישט, אויף דער וועראַנדע אַרויף אויך נישט. געבעטן האָט זי מיך נאָר מיט

אַן אייגנגעשרומפּנקייט, ווי גאָרנישט איר טבֿע — זיצן אויף דער וויג־שטול, פֿון וועלכער זי איז אויפֿגעשטאַנען צום אַוועקגיין אין שטוב אַריין, זיך אַרומוואַשן און אָנטון, ווי געהעריק. איך בין דערווייל אַראָפּגעגאַנגען טיפֿער אין הויף אַריין און דאָרט פֿאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס.

זי האָט זיך צו לאַנג געזוימט מיט איר צוריק אַרויסקומען, און ווען איך האָב צוריקגעקערט צום פֿריערדיקן אָרט, איז זי נאָך נישט געווען דאָ.

ווען זי איז אַרויסגעקומען, איז פּונקט ווי זי וואָלט נישט געקאָנט זיין לאַנג דאָ, און ווי זי וואָלט מיך נישט געקאָנט לאָזן אַליין, האָט זי מיר געזאָגט:

— נו, איצט בין איך שוין אָנגעטון... און איצט גיי איך אַריין אויסטרינקען אַ גלאָז טיי און עפּעס צובייסן.

— גוט... — האָב איך געזאָגט.

אויף דער ערד איז געקראָכן איבערן זאַמד אַ ווייסער, קיילעכדיקער וואָרעם, ווי מיט אַ מעשבלעכל — אַ גלאַנציק פּאַנצערל אויפֿן קאָפּ, גראָבנדיק דערמיט אין זאַמד. נאָר די איינציקע זאַמדעלעך, וואָס דער וואָרעם האָט זיי געהאַט אויפֿגעהויבן העכער, האָבן זיך פֿון טרוקנקייט נישט געקאָנט האַלטן אויבן און צוריקגעגליטשט זיך דעם וואָרעם אונטערן פּיסקל. מיך האָט פֿאַראינטערעסירט, צי איז דאָס אַ וואָרעם, וואָס גראָבט אין דער טיף, נאָר קאָן נישט בייקומען די טרוקענע זאַמדלעך, וואָס פֿאַרלויפֿן אים צוריק דעם וועג אונטערן פּיסקל אַזוי, אַז וויפֿל ער גראַבלט, בלייבט ער אַלץ אַ האָר נישט טיפֿער, — אָדער איז דאָס אַן אויבנאויף קריכנדיקער וואָרעם. איך האָב גענומען, אַ טיפּן שאַר אַוועק געגעבן איבער איין אָרט דאָס אויבנאויפֿדיקע טרוקענע זאַמד מיטן פֿוס און האָב דעם וואָרעם איצט אַרויפֿגעשטעלט דאָרט אַהין אויף דעם פֿייכט־

לעך-אויפגעדעקטן באָדן, ווו דאָס זאַמד וועט זיך שוין נישט שיטן צוריק, נאָר האַלטן זיך, אויב דער וואָרעם וועט עס איבערוואַרפן. —

נאָר ניין, ער האָט זיך נישט געגראָבן.

דאָך איז עס געווען אַ וווּנדערבאַרער וואָרעם: די שפּיר-הערנדלעך, האָבן אים געפעלט, ווי דעם מין, וועלכעס גראָבט זיך יאָ — און דאָס פּאַנצערל ווידער איבערן קאָפּ איז געווען צו ברייט, ווי ביי דעם מין, וואָס גראָבט זיך נישט...

ס'ערשטע מאָל קומט מיר אויס צו זען אַזאַ מין נישט-אויסגעשפּראָכנקייט פון דער נאַטור: ס'איז אי אַזוי, אי נישט אַזוי — אי נישט אַזוי, אי יאָ אַזוי... הגם ביי די מענטשן קומט מיר אויס ביי די גאַנצע הונדערט פּראָצענט יאָ צו זען אַזאַ דערשיינונג: אי ס'איז אַזוי, אי נישט אַזוי, אי נישט אַזוי, אי יאָ אַזוי.

נאָר זי זוימט זיך שוין צו לאַנג די קליינע.

כ'האָב איבער דער צייט שוין געזען איר מוטען שאָק-לען אַ קאָלדרע פון פליי דורכן פענצטער אַרויס, אַרויסבייגנ-דיק דעם קאָפּ מיט דעם שלאָף-טשיפּעק. כ'האָב אויך שוין גע-זען דעם מאַן דעם חסיד אָנקומען פון מנין מיטן טלית אונטערן אָרעם, ווי ער האָט נאָך פון דער זייט טיר, אויף דער ווע-ראַנדע שטייענדיק, געקושט די מזוזה.

נאָר אָט קומט מינקעלע אַרויס, גייט צו צו מיר, מיר אַנטקעגנטראָגן עפּעס וואָס אין פּנים, אַזוי ווי זי האָט מיר עפּעס צו זאָגן, און זי זאָגט מיר:

— דער פאָטער וויל, אַז זי זאָל פריער אָפּעסן ביים טיש דאָס שבתדיקע אָנבייסן, איידער זי גייט מיט מיר, אַז נישט איז ער פּלאָם-פּייער...

— נו, גיי אַריין — זאָג איך — עס אָפּ. וואָס דאַרפסטו זיך קרעמפּירן.

שוין. זי איז צוריק אַוועק אויף די שפּיצן נעגל, אַזוי ווי זי איז געקומען.

אין אַ 25 מינוט אַרום קומט זי צוריק אַרויס, אָבער נאָך מיט גאָרנישט אויף די אַקסלען, אָדער אויפן קאָפּ, ווי נאָכנישט אינגאַנצן גרייט צום גיין.

זי מוז גיין געבן אַ טעלעגראַמע פון דער פאַמיליע צו דער מוטער אירער; עפּעס איז פאָרגעפאַלן אַ פאַמיליע־זאַך, צי וועל איך מיט איר מיטגיין.

— יאָ, — זאָג איך.

— שוין. זי גייט נאָר אַריין נעמען דעם הוט.

און זי קומט אַרויסצוגיין, אי מיטן הוט, אי מיט דעם פעטערס אַ צוועלף־יאָריק ייִנגל ביי דער זייט. ביידע גייען גלייך צו מיר און שטעלן זיך אַנידער נעבן מיין האַנט, שוין גרייט צום גיין.

אַז איך האָב געזען דאָס ייִנגל אויך וואַרטן, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אייגנטלעך פירט זיך אין אַזעלכע פאַמיליעס ווי איר פעטער און איר מומע זענען, אַז קיין מיידל טרויט מען נישט קיין יחידות מיט אַ פרעמדן מאַנספּערשוין. ווען עס טרעפט אין אַ דאָרף און ס׳איז נישטאָ וועמען מיטצושיקן, ווען אַ פרוי מיט אַ פרעמדן מאַן דאַרפן גיין אין איין וועג — איז גוט מיטצוגעבן אַ הון, אַבי אַ לעבעדיקע זאַך, וואָס זאָל זיי אָפּהיטן פון שלעכטס. די אויסרעכענונג פון מיטגעבן אַ הון כאָטש איז אַ פּשוטע זאַך און נישט איינמאָל האָט זי שוין אָפּגעראַטעוועט אַזעלכע צוויי פון זינד. ערשטנס האָבן זיי זיך מיט וואָס צו באַאומרויקן, דאָ וויל די הון געבן אַ שפּרונג פון דער האַנט אַרויס, דאָ רייסט זיך אַרויס אַ פליגל אויף

דער פריי און דאָ גיט זי גלאַט אַ געשריי, זענען די צוויי געשטערט שוין אין די געדאַנקען. צווייטנס האָט שוין אויך פּאַסירט, אַז איינער, וואָס איז אַמאָל געגאַנגען ביים וועג, האָט ער דערהערט אַ שרייען פון אַ הון צווישן די קושאַקעס און האָט געמיינט — אַ כּשרע מציאה, וואָס עס האָט ווער פאַרלוירן; און איז גיך געקומען צולויפן אויף דעם אָרט, ווי אַזאַ פּאָר זענען שוין געלעגן גרייט, נאָר צום זינדיקן, האָט אַזויערנאָך די הון זיי דערפון מציל געווען... איך האָב געוווסט, אַז דאָס יינגל האָט נישט מער ווי דער הונס שליחות אויסצופירן און אָפּצוהיטן די טראַדיציע, וואָס איז אָנגענומען אין אַזעלכע פאַמיליעס — דאָך האָט עס מיך פאַרדראָסן און איך האָב מיר געטראַכט וועגן דעם מיידל: „שוין דאָס אַכצנטע יאָר ווי די היטסט אַליין דאָס וואָס דו האָסט, דאָס וואָס טאַטע-מאַמע האָבן דיר געשאָנקען און גאָט האָט אויף דיין חלק באַשטימט, און טראָגן טראָגסטו עס געניוג פאַרבאָרגן; דאַכט זיך אַז קיין מענטשן זעען עס גאָרנישט ביי דיר — און פּלוצלינג האָט מען עס דיר מורא ווייטער צו געטרויען און צו שטעלן דאָס צו דיין אייגענער דיספּאָזיציע?

מיין פריינט, איך בין געווען שטאַרק פאַרוווּנדערט אויף דעמדאָזיקן; אָבער דאָס מיידל, וואָס האָט מיך געזען שטיין פאַרקלערט, האָט מיך געפרעגט:

— נו, פאַרוואָס גייען מיר נישט?

איך האָב איר געזאָגט:

— מיין אָנשטרענגונג דיר צו דינען איז שוין היינט אויך פאַרלוירן געגאַנגען מיט גאָרנישט... עס טוט מיר זייער לייד, וואָס איך קאָן שוין איצטער נישט פאַרברענגען אין דיין געזעלשאַפט. ווייל אָט האָט שוין געשלאָגן די שעה, אויף וועלכער

איך האָב אָפּגעשמועסט צו באַגעגנען זיך מיט איינעם אין וואַרשע און איך מוז שוין אַריינלויפן אין שטאָט.

— טאָ נעם-זשע מיר מיט די טעלעגראַמע, וועסטו זי דאָרט אָפּגעבן אין שטאָט. דאָס וועט זיין פונקט גוט און איך וועל פאַרשפּאָרן גיין דאָ.

אָט דאָס לעצטע, וואָס זי האָט פאַרלאַנגט דאָ, האָט מיך דערמאָנט אָן דעם אָפּמאַך פון דער קאַטשקע מיט דער הון, ווען ס'איז געווען איינמאָל אַ גרויס שפע יאָר. די קאַטשקע האָט געזאָגט: אַזוי ווי עס פעלט אונז גאָרנישט ביי אונזער באַלעבאָס, די תבואות שיטן זיך אַזש אַריבער אין הויף פון אָנגעפילטקייט אין די שפּייכלערס, דאַרפן מיר פאַרבינדן אייביקע פריינטשאַפט: דו וועסט מיר אויסזיצן מיינע אייער, דו וועסט זען ווי מיינע קליינע וועלן שווימען און דו וועסט זיך פרייען אויפן ברעג... אין דעם זכות וועט ביי אונז זיין גאָר אַ לאַנגער דויערהאַפטיקער שלום און אונזערע קינדער און קינדס-קינדער וועלן זיך אויך אַזוי פירן.

איך האָב אָבער נישט געקאָנט טון איר פאַרלאַנג ביי מיין בעסטן ווילן. איך האָב איר דערקלערט:

— מיין פריינט, וואָס וואַרפט אויף מיר איצט אין וואַרשע, וועט וואַרשיינלעך, דאַרפן, אַז איך זאָל זיין מיט אים פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג, און אָפּרייסן זיך אינדערמיט, צו גיין פאַרברענגען אויף דער טעלעגראַף-אַנשטאַלט אַ שעה צייט, ווער ווייסט, צי איך וועל עס אימשטאַנד זיין. צי ווילסטו איבערגעבן מיר די טעלעגראַמע אויך אויף „טאָמער” אויף יאָ, אָדער אויף נישט?

— ניין, ניין. — האָט זי געזאָגט — נו, וועל איך שוין דאָ אַליין אַוועקגעבן.

— גוט. — האָב איך געשאָקלט מיטן קאָפּ און קושנדיק

איר די האַנט בין איך צוריק אַוועק דורך דעם זעלבן געסל און דורכן זעלבן פּלאַץ, דורך וועלכן איך בין געקומען.

איך בין שוין עפּעס אַזוי געווען אַריינגעטאָן אין וואַרטן אויף איר און אין איין פּונקט און אין איין אָרט, אַז ווען איך בין צוריק אַרויס אויף דעם פּלאַץ, האָב איך ערשט אויפסניי דערזען די ליכטיקע זון.

אָבער אין דער מינוט איז אַ שרעקלעכע פּעסימיסטישע שטימונג אויף מיר אַרויפגעפאַלן און אַ גאַנצער געדאַנקען-וואָלקן האָט זיך אויף מיין נשמה באַזעצט.

איינגעהילט אין דעמדאָזיקן געדאַנקען-וואָלקן, האָב איך געוואָרפן צוריק אַ בליק אויף מיין גאַנצן היינטיקן פרימאָרגן, מיט וואָס איך האָב אים פאַרברענגט; און נישט בלויז אויף אים אַליין האָט מיין געמיט זיך אָפּגעשטעלט, נאָר אויף מיין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט און אַלץ, וואָס ס'האָט אין מיר געאָטעמט.

דאָך, ווייס איך נישט ווי אַזוי עס האָט אין מיטן מיין פאַרטראַכטקייט געגעבן זיך אַ ריס אַראָפּ פון מיינע ליפּן דאָס וואָרט:

— „ביזט אַן אַרטיסטין"...

איך האָב מיך אַליין פאַרהאַלטן ביי דעמדאָזיקן קלאַנג, וואָס האָט מיך ווי איבעראַשנדיק אויפגעוועקט: פון וואָס דאָס קומט?.. און מיין געדאַנק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער קליינער.

— ביזט ווערט — האָב איך מיר געטראַכט — צוצוקומען אין אַן אַרטיסטן-שול, אַן עבירה נאָר ביי אונזערע מבינים... אָ, ווער ווייסט ווי אָפּצושאַצן די יידישע טאָכטער מיט אַלע אירע פּיטשעווקעס... עס ליגט דאָך אין איר אַ קוואַל.

און נאָכמער: איך בין געוואָר געוואָרן, אַז זי אַליין איז געווען די קריסטין אין וואַלד, פאַר וועלכער זי האָט זיך

פאַרשטעלט (פאַרקליידט) און געקליבן שוואָמען... די איז גע־לאָפן פאָרויס אין וואַלד און מיטגענומען מיט זיך יעדעס מאָל אַזאַ ספּעציפיש קלייד מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ. און זי אַליין האָט מיך געשיקט נאָך אויף צומאָרגנס נאָכאַמאָל צו זיך אַליין, כדי אויף זיך אויסצורעדן אסור־לדבר, אַבי איך זאָל אַנטלויפן פון איר...

אייגנטלעך איז מיין דערציילן שוין געענדיקט, נאָר איין קליינע דערגענצונג האָב איך נאָך צו מאַכן:

איך ווייס, מיין פריינט, אַז איר וועט זאָגן, די גאַנצע מעשה איז עפּעס צו „פאַנטאַסטיש"... ס'איז אויסגעטראַכט און נישט אמת.

אָבער, מיין פריינט, זאָל זיין אפילו, אַז נישט אמת, אַז ליגנט אפילו, איז אָבער דער עיקר פון איר אַן אמת, ווי אַזוי עס זעט אויס די ליבע און אויך דער כאַראַקטער פון אַ פרויען־טיפּ, און בפרט נאָך אַ יידישע, וויפל „געדרייעכצלעך", אָנ־שטעלן און אונטערשטעלן. טאָ וואָרפט־זשע אַראָפּ די מיטלען מיט וועלכע עס איז דערציילט די מעשה און דער עיקר נעמט צו פאַר כשר... וואָרן דער צוועק פון גאַנצן דערציילן, איז נאָר כדי ליכטיק צו מאַכן אין די ווינקלען, וואָס זענען אַ סך מאָל נישט אויפגעקלערט. דערמאָנט אייך נאָר, וויפל אויס־מיידנדיקע „וועגלעך" דאָ איז געוואָרן אָנגעווענדט אויף איין פראַזע: „איך ליב דיך נישט".

איך ווייס אויך, אַז אַנדערע זענען געוווינט צו מיינען דאָס פאַר אַ מעלה: „נישט צו זיין רוי, יענעם נישט וויי צו טון, נישט צו אַנטפּלעקן אויף איינמאָל דעם אמת". אָבער, מיין פריינט, זאָגט די אַלע אין מיין נאָמען, אַז אין יעדן פאַל פון מענטשלעכער העפלעכקייט ליגט אַן אויסגערעכנטקייט פון נישט וועלן זיך אָפּזאָגן פון אייגענעם נוץ, וואָס מען קאָן נאָך

האָפן, אָדער אומגעריכט דאַרפן פון יענעם, אויב נישט היינט איז מאָרגן. אין בעסטן פאַל נוצט מען כאָטש אויס יענעמס מיינונג איבער זיך: „ווילן וויל איך נישט, נאָר לאָמיך כאָטש נישט אַרויסווייזן — און בלייבן אַן אָרנטלעכער מענטש".

און ווערלכער פאַל איז עס דאָ געווען? — ריין אויסנו־צעריש, און אין וועלכער פאָרם זי וועט דאַרפן צו מיר, האָט די אין מיטן זומער נאָך אַליין נישט געוווסט, נאָר אַז אַזאַ פריינט לוינט איר, איז פאַר איר קלאָר געווען.

טאָ ווי וואָלט איר געהאַנדלט אין אַזאַ פאַל? וואָלט איר געהאָלפן איר דעם ציל דערגרייכן?

מיין פריינט, איך זע, אַז ס'איז ביי אייך אַ צוזאַמענ־שטויס פון געדאַנקען מיט געדאַנקען, און אַז איר גייטיקט זיך אין מיין דערקלערונג, ווי האָב איך אַליין געהאַנדלט.

פאַרשטייט זיך, אַז די דראַמאַטישע שול האָט איר ווייניק געקאָנט נוצן: אַזוי ווייניק, ווי ווייניק מען איז אויף דער פּראָווינץ אָריענטירט וועגן איר בלאָפערישקייט; ווי ווייניק מען ווייסט דאָרט, אַז דאָס איז, העכסטנס, אַ שפּיל אין רעקלאַמע, צייטונגס־נאָטיצלעך און — אין „אַ בענקל" ענדלעך קוים מיט צרות... און ווי ווייניק מען קאָן פון אַזעלכע אחריות דער־וואַרטן. אַזוי ווייניק איז מען אויך אויף דער פּראָווינץ אָר־יענטירט וועגן זייער באַרופנקייט און פעיקייט פאַר אַזאַ אינ־סטיטוציע פון אויסבילדן טאַלענטן, אויף וואָס זיי קענען זיך גאָרנישט. איך בין, דעריבער, גלייך אַוועק צו איינעם פון די היגע טעאַטער־אונטערנעמער, איך האָב אים געטראָפן אין זיין קאַנצעלאַריע און דאָרט איז באַשלאָסן געוואָרן איר גורל, אָנ־צוקומען גלייך אויף דער סצענע:

„גיי און בילד דיין טאַלענט ווייטער..."

אָבער צומאָרגנס איז מיין טיר געווען פאַרקייטלט, ווען

איך האָב זי דערזען דורכן פענצטער. איך האָב זי נישט געדאַרפן.

אויב ס'איז אמת, אַז די נשמה און דער גוף איז איינס— באַשטעטיקט זיך עס אין מיין געפיל צו מענטשן. צו מאַנכנס קערפער פיל איך אַ פיזישן עקל צוליב זייער נשמה.

נאָר פאַרוואָס האָב איך פאַר איר געטון? האַלט איך דען, אַז מיט ביישפילן פון גוטס ווירקט מען אויף שלעכטס? ניין, אויף אויסצוּרוּימען דאָס שלעכטס וואָלט מען געדאַרפן דאָס גאַנצע מענטשלעכע דאַזיין פון אַצינד אויסרוימען און פלאַנצן אַ נייעם טיפּ. און צוליב דעם טאַקע ווייל דאָס איז נישט מעגלעך, דאַרף מען אונטערהאַלטן דעם קיום, העלפן איינער דעם אַנדערן, גוט זיך שפּייזן, גוט קליידן, גוט לעבן, כּדי דער צוקונפטיקער געהאָפטער מענטש, וואָס דאַרף אין אַ צען, אָדער צוואָנציק טויזנט יאָר אַרום, סוף־כּל־סוף זיך אויסגילגלען פון דעם הייניטיקן מענטש — זאָל נישט געבוירן ווערן קיין נפלע. ער זאָל האָבן אונטער זיך אַ קייט כאַטש פון געזונטע, שטאַרקע עלטערן, הגם געמיינע ייִנגען!

ווי איר זעט, מיין פריינט, האָב איך דאָ געטון נאָר מיין פליכט. דאַקעגן די מוטער דערמאָן איך נאָך היינט צום גוטן, כאָטש חתונה האָבן קאָן איך מיט איר נישט, ווייל אַ ווי־דערשפּרוך וועט זיין אין אונזער לעבן: דאָס זעלבע, וואָס זי ליבט, איז מיר דערווידער. און איך דאַרף דאָך נישט באַלד אין אָנפאַנג און באַוווּסטזיניק נעמען אויף מיר דאָס, וואָס עס קאָן מיך רעגן.

אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט דער ראָמאַנס פון אַ מוזי־קער, וואָס האַלט זיך נישט דעריבער פאַר אומגליקלעך. אויב נישט פאַרקערט!